STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06445

REGN-BOYGNS

Haim Goldenstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גאָלדענשטיין

רעגן־בויגנס

היילע: א. פאך

חיים גאָלדענשטיין

רעגן־בויגנס

(דערציילונגען)

פארלאג קריטעריאָן, בוקארעשט 1981

רעגן־בויגנס

אויף די שפּיגל־קאַנטן האָבן אַ שפּיל געטאָן וואַסערן אין רעגנבויגן פאַרבן.

„רעגנבויגן מיט אַ שווערד
פאַלט דער הימל צו דער ערד“.

שוין געווען כמעט אַ דערוואַקסענע אַ שפּילעוודיקע אַזאַ, דערמאַנט זיך ציפּע, און דערזעענדיק דאָס פּינטעלע וואָס אויף דער לינקער זייט פּנים אַ ביסעלע נידעריקער פון אויג.

„דעמלט איז עס שוין געווען אַ פּעפּערל“.

„וויפל גילגולים דאָס פּינטעלע האָט אַדורכגעמאַכט! צוערשט געווען אַ צרה, שרעקלעכע דאגות האָט דאָס פאַרשאַפט דער מאַמען. זי האָט מורא געהאַט סע קאָן דערפון חס וחלילה אויסוואַקסן אַ מייזל, ווי ביים פעטער משה“.

„וואו איז ער אַצינד דער פעטער משה?“ צוויי קליינע ברוינלעכע מייזלעך האָט ער געהאַט. איינס אויף דער לינקער באַק און איינס אויפן האַלדז. פלעגט ער האַקן האַלץ, הובלעווען, קלאַפּן טשוועקעס, זעגן אָדער גאָר קלייען ברעטער זענען די מייזלעך געוואָרן לעבעדיקע. דאָס וואָס אויפן האַלדז פלעגט זיך בלאָזן און דאָס וואָס אויף דער באַק פלעגט קריכן אין אויג אַריין.

„פעטער משה, האַק נישט מיט אַזאַ אימפּעט, דאָס מייזעלע וואָס אויפן האַלדז קאָן נאָך, גאָט באַהיט, פּלאַצן“.

דער פעטער משה פלעגט לאַכן, דאָס מייזעלע וואָס אויפן האַלדז זיך נאָך מער בלאָזן.

„זאָרג נישט טעכטערל, סע וועט דעם גאָרנישט געשען. האָסט דאָס אַזוי ליב אַז סע שרעקט דיך זיין גורל?“

„ליב האָב איך דיך, פעטער משה“.

ציפּע האָט זייער ליב געהאַט דעם פעטער משה, דער מאַמעס עלטערן ברודער. געבליבן אַ כאָלאָסטיאַק, אַן איבערציינגטער בחור. קודם ווייל צו פיל געטראַכט איי־

דער באשלאָסן, און שפּעטער... שולדיק אין דעם איז נישט געווען אן אומגלי־קלעכע ליבע, אן אנטוישונג, אָדער א פּרינציפּ אזא. ניין, גיכער זיין פּשטות, זיין צוריקגעהאַלטנקייט, זיין נישט־צוגאנג צו פרויען. שפּעטער איז געוואָרן צו שפּעט. האָט ער זיך אָפּגעלאָזט אפילו פון טראכטן דערצו. „נישט, דארף מען נישט". דעם גאנצן טאָג פלעגט ער ארבעטן זיין סטאָלעריי, טעסען, קריצן, קלייען, שלייפן, שפּיגלען זיך אין גלאטע פלאכן אָדער געשניצטע בלומען. אזוי ביז מ'האָט אים ערגעץ געכאפּט און פארפירט קיין בערשאד.

„פון יענעם געטאָ איז כמעט קיינער נישט לעבן געבליבן".

ביים געדאנק צו די נישט לעבנגעבליבענע רוקט אָן א כמארעלע איבער אלעם, די הויט ווערט טונקעלער, די אויגן מוטנער, דאָס געמיט סומנער.

„אוי, מאמע!"

„פארוואָס האָט דיך אזוי געשראָקן, מאמע, דאָס פינטעלע?" האָט אמאָל גע־פרעגט ציפּעלע.

"נאָך די ערשטע צייט, א יאָר צוויי נאָך דיין געבורט, האָט פארבענקט געלאכט די מאמע. כ'האָב מורא געהאט סע זאָל נישט וואקסן ווי ביי דיין פעטער משה. מע זאָגט אז אזעלכע פלעקן נעמט מען איבער בירושה. מע זאָגט אויך אז זיי קומען פון א שרעק אָדער איבעראשונג בעת דעם טראָגן. פון קיין שרעק אָדער איבעראשונג האָב איך נישט געוואוסט, האָט מיך געשראָקן טאָמער איז עס בי־רושה..."

„נאָך דעם איז עס געוואָרן דאָס חן־פינטעלע."

א חן־פינטעלע איז עס געוואָרן פאר דער מאמען אָבער נישט פאר ציפּען. די מאמע פלעגט דאָס קושן, זיך מיט דעם בארימען, ווייזן יעדן איינעם.

„איך פלעג זיך דערמיט שעמען. ס'האָט מיר נישט געפעלן. כ'האָב עס פיינט געהאט." ציפּעלע געדענקט אז געשען איז עס אין א שבת־טאָג. זונטאָג גייט מען נישט אין שול, וועט זי האָבן צוויי טעג צייט די וואונד זאָל זיך פארהיילן. האָט זי גענומען א ליכט, געגליעט ביים פלעמל ביז רויט א שפּיזל, געוואָלט אויסברענען דאָס פינטעלע. איז פונקט דעמלט אריינגעקומען די מאמע און געשטערט. ווען זי האָט זיך אָפּגעגעבן א חשבון אין וואָס סע גייט האָט זי אזוי אָנגעשריגן, אזוי געזידלט, שיער נישט אויסגעפּאטשט.

„א פינצטערער חלום אויף אלע מיינע שונאים'ס קעפּ, האָט זי זיך געשאָלטן, וואָס געחלומט יענע נאכט און די נאכט און אלע נעכט פון א גאנץ יאָר זאָל פאלן אויף אלע פוסטע וועלדער; הער נאָר וואָס א קינד קאָן איינפאלן! זיך אומ־גליקלעך מאכן, א תל מאכן פון אזא שיין פנימל, אז זיין זאָל מיר פאר דעם.

וואָס איז דיר אזוינס איינגעפאלן? ביסט אראָפּ פון זינען, חס וחלילה? וואָס האָסטו מיט דעם? וואָס פארא שלעכטס האָט עס דיר געטאָן? לאָז דאָס צו רו דאָרט וואו עס איז! זעסט נישט ווי אלע שפּיגלען זיך אין דיין פינטעלע? ס'איז א סגולה פאר אן עין הרע. אזא חן-פינטעלע!"

איז עס געבליבן א חן-פינטעלע.

ציפּע דרייט זיך אוועק פון שפּיגל, א טיפער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון אירע איינגעווייד, טוט א קלעם ביים הארץ און דאָס צימער הייבט זיך אָן באוועגן. נישט ווי אן ערד-ציטערניש. ניין. גלייך סע וואָלט שוועבן א פון ערד און שטאָט אָפּגעריסנס און זי טראָגן אן אויף אייביק פארשאָלטענע, בלאָנד-זשען אין אין-סוף א פון אלע פארלאָזענע. אויך ער איז אוועק און האָט זי גע-לאָזט דאָ איינע אליין.

„וואָלט ער מיך געווען ווען מיטנעמען וואָלט איך דאָך בשום אופן נישט געווען מיטגעפאָרן", פּרואווט זי זיך אליין בארואיקן און דאָס הארץ קלעמט שטארקער. „ניטאָ מיט וועמען א וואָרט ארויסצורעדן". איריקע איז געלונגען אוועקצופאָרן מיטן לעצטן עשאלאָן. א טייל יידן פון שטאָט האָבן זיך עוואקו-אירט. געווען אזא גערודער, אזא פארלוירנקייט אז עלטערן האָבן פארגעסן אין קינדער און קינדער פון עלטערן. מ'איז געלאָפן נישט ווייסנדיק וואוהין מע לויפט, זיך געדרייט ווי אין א כישוף-קרייז, ווי אין א שרפה וואָס האָט פארכאפּט די שטאָט פון אלע זייטן. ווען די לעצטע מיליטער אָפּטיילונגען זענען אוועק איז נאָך געלונגען צוזאמענצושטעלן א בידנעם צוג. מענטשן האָבן זיך אויף אים געוואָרפן ווי טרענקנדיקע אויף א שטרוי. אָפּגעפאָרן זענען נישט וואגאָנען, נאָר מיט מענטשן באהאנגענע געשטעלן. דאָס האָט ציפּע געזען ווען זי האָט זיך דערשלאָגן צום וואָקזאל. פארשפּעטיקט זוכנדיק די עלטערן, די משפחה, איז זי אָנגעקומען ווען דער עשאלאָן האָט גערירט. נאָכלויפן האָט נישט געהאָלפן. ווי אויף להכעיס האָט די באן גערירט ראפּטום, גיך אוועק פון פערראָן. דעמלט האָט זיך איר געדאכט אז אפשר איז בעסער אזוי, אפשר זע-נען גאָר איריקע דאָ געבליבן, אפשר לויפן זיי צעטומלטע, פארחושטע, איבער דער שטאָט און זוכן זי, פונקט אזוי ווי זי זוכט זיי. האָט זי געאיילט אהיים.

אין שטוב קיינער.

ערשט דעמלט האָט זי באנומען איר לאגע. אליין, אין א פּוסטער שטאָט, אוים-געליפערט דעם שונא.

ציפּע האָט זיך אוועקגעזעצט אין פּאָדערהויז אָן א פארוואָס. אפשר האָט זי געהאָפט אז עמעצער פון דער משפחה, די מאמע, דער טאטע, א ברודער, דער

פעטער משה, עמעצער וועט זיך דאָך באַווייזן. אויב יאָ, זאָל ער נישט מיינען די שטוב איז פּוסט. און אפשר פּשוט ווייל דאָרט האָבן זיך איר אויסגעלאָזט די כוחות. אַמידע, ווי זי, האָט זיך אויך די צייט צוגעזעצט אויף דער באַנק וואָס אין פאָדערהויז, איר העלפן איבערלעבן די אייביקייט. דעם אָפּשטאַנד וואָס ציט פון צוריקצי פון איין אַרמיי ביזקל דעם אָנקומען פון דער צווייטער. ווי פיל איז זי אַזוי געזעסן ווייסט זי נישט, פּלוצים האָט זיך דערטראָגן דאָס געיעג פון רייטער און אַ שיסערייַ, לויט דער אינטענסיטעט אָן אָנצילעוודיקס. ווען די רייטער זענען אָנגעקומען נאָענט, האָט זי פאַרקלאַפּט די טיר, און דאָס האָט זי אפשר געראַטעוועט. אַצינד ליגט נאָך טיף אייַנגעגראָבן אין די גראָבע טירברעטער די קויל. אפשר אַ פאַרבלאָנדזשעטע, אפשר טאַקע אָן אין דער טיר אָפּגעשאָסענע.

די טיר האָט געמאַכט דער פעטער משה. אויסגעפונען גראָבע דעמבענע ברעטער און מיט זיי באַוואָרנט די ייִנגערע שוועסטער פאַר גנבים און זשוליקעס. אויף אַן איבערפאַל אין וועלכן טירן העלפן נישט האָט ער זיך נישט גערעכט. און ווען יאָ?

„געראַטעוועט האָט ער דערמיט מיך".

די שטוב איז נאָך אַלץ פּוסט. איינגיכן וועלן זיך מסתמא אומקערן די עלטערן אפשר אויך אַ טייל פון דער פאַמיליע. „ווי אַזוי וועט זיין דאָס באַגעגעניש?" וויל טרעפן ציפּעלע. לאָזט זי זיך פון פאָדערצימער אין שטוב אַריין, גייט אַדורך דעם עס-צימער, פאַרקערעוועט אין קיך, פון דאָרט אין צווייטן צימער, דאָרט וואו סע הענגט דער שפּיגל. שפּילט זיך ווידער אַ זונען-שטראַל אין שפּיגל-קאַנט. דערמאָנט אין יענעם טאָג ווען זי האָט געזאָגט:

„אַ רעגנבויגן מיט אַ שווערד
פאַלט דער הימל צו דער ערד",

און ער, מעכל דער שפּינער, כמעט אַ געפּלעפּטער, האָט געענטפערט:

„וואָס דיר קאָן איינפאַלן, לאָז מיך אַ קוש טאָן דיין פעפערל".

„יאָ, דעמלט איז עס שוין נישט געווען דאָס חן-פינטעלע, נאָר גאָר דאָס פעפערל. מיינען האָט דאָס געדאַרפט אַז די וואָס טראָגט עס איז אַ טעמפּעראַמענטפולע. אַזוי פלעגט מען זאָגן, מיידלעך מיט שוואַרצע שפּרענקעלעך, מיט „פעפערלעך" זענען טעמפּעראַמענטפולע, פולבלוטיקע, לעבעדיקע.

„ווען דו מעכל, זאָלסט זיין אַ לעבנגעבליבענער, ווען זאָלסט זיך דערוויסן און וויסן, וואָס וואָלסטו געזאָגט?"

אָנגעקומען צום וואַלד זענען זיי פאַרטאָג. פאַרטראַכט דעם שפּאַציר צום נאָענטן וואַלד און פון דאָרט איבערן באַרג צום טייך, האָבן זיי שוין זינט אַ

לענגערער צייט, ווען זיי זענען ארוים פון שטוב האָט געפינקלט דער מאָרגן־שטערן, אָנגעזאָגט אז באלד וועט טאָגן. דעם וואלד האָבן זיי געפונען א פאר־זונקענעם אין שלאָף. ס'האָט אָבער נישט לאנג געדויערט. אויף א שפּיץ טאָ־פּאָליע האָט א טרילערל, זיך א קראצעלע טוענדיק מיטן לינקן פיסעלע, גע־עפנט דאָס רעכטע אייגעלע, דערזען דער הימל רויטלט זיך, א שאָס געטאָן אין די הייכן און אָנגעהויבן צוויטשערן, דערציילן וועגן שטראלן וואָס וועלן זיך באלד באווייזן, וועגן א זון וועלכע וועט לאָסקעווען גרינע בלעטער, וועגן נאכט־חיהלעך וואָס וועלן איילן אין זייערע נארעס, וועגן רויב־פייגל וועלכע וועלן אָניאָגן א שרעק און פארציקן שווערדירעוודיקע קאטשקעלעך. אזוי טובלענדיק זיך אין די הייכן איז דאָס טרילערל אריין אין התפעלות, אויף קול־קולות ארייג־געפאלן אין א גאָר־גאָרנדיקן עקסטאז פון דער וועלטס נישטבאנעמלעכקייט. פארכישופטע פון טרילערלס שפּילעוודיקייט, פון סאָלאָוויים געזעצטקייט, פון שפּערלעכער קונצנמאכעריי, האָבן זיי ביידע, ציפּעלע מיט מעכלען, פּאמעלעך גע־שפּאנט איבערן טעפּעך טרוקענע בלעטער, זיך צוגעקוקט פארוואונדערטע צו די פארשיידענעביימער, דאָס ערשטע מאָל באמערקט אז דער וואלד וואָס טראָגט דעם נאָמען בערעזעווע, איז גאָרנישט קיין בערעזעווע. הויכע בוקעס מיט גלא־טע לענגלעכע זילבערדיקע בלעטער קרעכצן פון אלטקייט; פארגליווערטע טאָ־פּאָליעס, אָנגעטאָנענע מיט לאנגע קיטלען, ווארפן טשיקאווע בליקן פון שוואר־צע אויגן; דאָ און דאָרט נעמען זיך איבער מיט זייערע קיילעכדיקע קרוינען פון טיף געקארבטע בלעטער נענביימעלעך; אָנגעהויערע דעמבן טרעטן מיט שווערע שאָטנס שוואכנקע געוויקסן; נישט ווייט שטייט פארשעמט א פאר־בלאָנדזשעט איידל קאשטאנען־ביימעלע פארפּלייצט מיט ווייכע דערנערלעך בא־דעקטע גרינע ניסלעך, גלייך סע וואָלטן זיך אויף דעם אָנגעהאָנגען צענדליקער טויזנטער פון ווער ווייסט ווענען אָפּגעשראָקענע קליינענקע שטעכלערלעך; זיך דערפילט א קליינענקע און נישט באהאָלפענע האָט ציפּעלע אָנגענומען מעכלען ביי דער האנט און זיי זענען געגאנגען פּאמעלעך מיט גרויס געעפנטע אויגן ווי צוויי פּיצלעך קינדערלעך. אזוי א צייט ביז ס'האָט זיך צו זיי דערטראָגן דער קלאנג פון א קלויסטער־גלאָק און געוועקט פון כישוף. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט און אויסברעכנדיק אין א העל געלעכטער האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן ביזן ברעג וואלד, ביז דעם שפּיץ בארג, ביז יענעם פלאץ פון וואנען מע זעט דעם טייך זיך שפּרייטנדיק א טיף פארטראכטער און פארוואונדערטער בישט קענענדיק פארשטיין פון וואו קומען עס אזעלכע באוואקסענע בערג אין זיינע איינגעווייידן.

דעם גאנצן טאָג וואָלטן זיי געווען פארבראכט מיט באָדן זיך אין טייך — אזוי איז עס געווען באשטימט פון אָנהויב — ווען נישט דער גאָס-רעגן וועלכער האָט זיי פון דאָרט פאריאָגט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן שפּיץ בארג האָט זיך ווידער באוויזן די זון און איבערן טייך א גרויסער, קלאָרער פילפארביקער רעגנבויגן מיט איין פוס אָנגעשפּארט גלייך אין מיטן טייך און מיטן אנדערן, א פארשפּיצטער, ערגעץ ווייט, ווייט אויף דעם גלאָקן-טורעם פון אן אָרטאָדאָק-סישן קלויסטער. דעמלט האָט זי געזאָגט דאָס מיטן „רעגנבויגן מיט א שווערד", דעמלט האָט מעכל געגאפט פון איר קלוגשאפט און אויך דעמלט האָט ער אָנ-ווייזנדיק יענע זייט רעגנבויגן וואָס האָט זיך ארויפגעלאָזט אין וואסער, דער-ציילט דאָס מעשהלע וועגן רעגנבויגנס טאָפּעלטער שליחות.

„געשען איז עס, האָט מעכל דערציילט, אין צייטן ווען די ערד האָט נאָך דערצאָרנט גאָט מיט אירע מעשים. אויף זי צו באשטראָפן האָט ער אויף איר אָנגעשיקט א מבול און געלאָזט זיך ראטעווען נישט מער ווי איינעם נח מיט זיין משפּחה און פון אלע חיות, בהמות און פייגל צו צוויי אָדער זיבן פּאָרלעך. נאָך אמאָל באשאפן די וועלט האָט זיך, ווייזט אויס, גאָט געפוילט. נישט געהאט מער קיין געפיל פאר יצירה. ס'איז אים אויסגעקומען באקוועמער זי אָפּווישן מיט א מבול און איבערלאָזן, דאָס וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, אויף זריעה. דאָס צעשטערן די וועלט האָט אים פארוויילט נישט מער ווי פערציק טעג און פערציק נעכט. ווען ער האָט דערזען דעם חורבן, דאָס פוסטעקייט, האָט אים אליין, דעם באשעפער, פארקלעמט ביים הארצן און ער האָט אָפּגעגעבן א שבועה אזא נארישקייט מער נישט טאָן. ווי אזוי זשע זאָל ער די שבועה פארגעדענקען? דעמלאָט האָט ער באשאפן דעם רעגנבויגן און געזאָגט מיט זיין שטענדיק דונער-דיק קול, א קול וואָס קאטשעט זיך אייביק אין די עולמות: און אויב סע וועט גע-שען די ערד זאָל פארוואָלקנט ווערן מיט א פינצטערער כמארע, זאָל זיך אין וואָלקן באווייזן מיין בויגן און מיך דערמאָנען אין דער אָפּגעגעבענער שבועה. אזוי איז דער רעגנבויגן באשאפן געוואָרן פון גאָט כדי צו שרעקן גאָט.

אזוי דערציילט דער חומש".

„און נאָך?" האָט געפרעגט ציפּעלע.

„נאָך איז פּשוטער. זעסט דעם פוס וואָס אין טייך? דאָרט ארום פּאָיען זיך די כמארעס און טראָגן דעם רעגן אהין וואוהין גאָט באפעלט".

„דאָס ווער זאָגט?"

„כשרע ווייבער, אומשולדיקע קינדער, שווארץ-חנעוודיקע מיידלעך און ביז איבער די אויערן פארליבטע נארישע יינגלעך".

.. מיט מעכלען וואָלט זי געקאָנט רעדן וועגן אַלעם, פון אָנהויב ביז סוף. אויב ס'איז דאָ א סוף... ער איז דער איינציקער וועלכער וואָלט פארשטאנען אפילו איר שווייגן. ער האָט שטענדיק אריינגעדרונגען אין אירע געדאנקען נאָך אין דער צייט וואָס זיי זענען געטראכט געוואָרן. איז אָבער מעכל נישטאָ. ווער ווייסט וואו ער איז אהינגעקומען. ווער ווייסט צי ס'איז אים געלונגען ארויס פון קלעם. ווער ווייסט פון וויפל קלעמען ער האָט זיך געמוזט ארויסרייסן. און אויב זיך יאָ ארויסגעריסן, קאָן מען דען וויסן וואָס ס'איז געשען ווייטער.

„מעכל איז פארשוואונדן. פון אים איז געבליבן נישט מער ווי פון אונדזער געמיינזאמער יונגט — א דערמאָנעניש... אפשר אצינד, נאָך אַלעמען וואָס געשען, וואָלט ער אויך נישט פארשטאנען... איבערלעבענישן, זאָגט מען, מאכן פאר־שטענדיקער, אָבער ווער ווייסט וואָס זיי האָבן פון אים געמאכט. לעבנגעבליבן א גאנצער איז איינס, אויב אָבער א קריפל איז דאָך אין גאנצן אנדערש... ניין, סע מוז נישט זיין דווקא א קריפל. איבערלעבענישן און וואלגערניש מאכן נישט שטענדיק פארשטענדיקער. זיי פארהארטעווען, נעמען אוועק דעם פארשטאנד, זיי דערפירן צו א הארטקייט וואָס וויל ניט וויסן פון שלום מאכן, פון פארגעבן, פון געפינען א זכות. דאָס לעבן פארלירט די פארביקייט, אלץ איז שווארץ־ווייס, אָדער, אָדער, אָן רחמים... כאָטש ווער דארף דאָס דעם רחמים, דאָס פאר־שטענדעניש זייערס. זענען זיי נישט אימשטאנד, זאָל זיי וואויל באקומען. נישט זיי פאר מיר, נישט איך פאר זיי".

„מעכל איז עפּעס אנדערש". ציפּע האָט זיך ווידער געלאָזט איבער די צי־מערן, זיי געמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. גייענדיק, זיך באוועגנ־דיק, טראכט מען אנדערש. צו מאָל איז עס צום גוטן, צו מאָל ווערן די געדאנקען, גייענדיק, שטורמישער, היציקער. אפשר דערפאר איז זי געוואָרן אזוי אומברח־מנותדיק מיט איר איינענעם טאטן.

„מיט אים קאָן מען דאָך לגמרי נישט רעדן. ער וואָלט דאָך יאָ געדארפט פארשטיין. ער מוז! זאָל זיין שוין דערפאר וואָס ער האָט מיך איבערגעלאָזט דאָ און אליין אנטלאָפן, געראטעוועט די אייגענע הויט און פארגעסן אין א לייבלעך קינד..."

ניין. ציפּע איז נישט גערעכט. זי פארמשפּטן, אין איר לאגע, פאר אזעלכע געדאנקען קאָן מען נישט איבערהויפּט ווען זיי בלייבן נישט ארויסגעזאָגטע. זי רעדט מיט אן אנדער טאטן, מיט דעם וואָס זי האָט געקענט ביז דעם אָפּגיין פון דער בידנער באן, דעמלט ווען זי איז שטיין געבליבן אויפן וואָקזאל מיט א המון מענטשן און דאָך איינע אליין, א פארלאָזטע פון די נאָענטסטע. ביז דע־

מלט האָט עס באמת אויסגעזען אז איר פאָטער איז אן אָפּגעפּרעמדטער. פאַר אים איז געווען גענוג וואָס ער זעט די קינדער ארום טיש. די מאמע באקלאָגט זיך נישט, איז א סימן אַלץ איז בסדר. זיי זענען אזעלכע ווי ער שטעלט זיך פאָר אז זיי דארפן זיין. אליין אויפגעוואקסן אין א פרומער שטוב, איז ער מיט דער צייט געוואָרן א האלבער משכיל, אפשר נישט ווייסנדיק וועגן השכלה. שפּע־טער איז ער געוואָרן א גאנצער פרייַדענקער, אָבער זיך אָפּטרייסלען פון זיין טאַ־טענס שניט, פון זיין אופן, איז אים נישט געלונגען. ער האָט דאָס אפילו נישט געפּרואווט. געווען אין בלוט. געבליבן ביי דעם זעלבן אופן באטראכטן און האנדלען מיט די קינדער ווי זיין טאטע. קיינמאָל נישט גערעדט ווי מיט זיין גלייַ־כן אפילו ווען זיי זענען שוין געוואָרן דערוואקסענע, אומאָפּהענגיקע. ער האָט קיינעם פון זיי מיט קיין וואָרט נישט באליידיקט, העכסטנס א פירוואָרף און דאָס אויך זייער זעלטן. מיט איר, מיט ציפּען, האָט זיין פירעכץ געטראָגן א באַזונ־דערן הותם, א האלב־שעמעוודיקן. קיינמאָל נישט ארויסגערעדט א וואָרט וואָס קאָן אָנדייטן אויף איר באזונדערקייט אַלס מיידל. דאָס האָט ער געלאָזט דער מאמען. „זי ווייסט בעסער, זי פארשטייט מער אין זייערע ענינים״. אציינד, וואָגלענדיק איבער די פּוסטע צימערן, לאָזט זי אוים איר פארלעגנהייט, איר ווייטיק, צו אים, ער איז דער שולדיקער אין אלעמען. פארוואָס באטראכט ער זי אזוי, וואָס איז דאָס פארא ביטול? ער האָט קיין שום רעכט דערצו, ער טאָר נישט משפּטן! וואו איז ער געווען אין יענע שרעקלעכע טעג? ווי אזוי האָט ער זי געקאָנט איבערלאָזן איינע אליין, אָן א שום אָנשפּאַר, אין יענע שרעקלעכע טעג, אין יענעם איבערקערעניש?

„אייגנטלעך, פאַר וואָס קומט מיך משפּטן?״

א מעסער רייסט די גדערעם, ציפּעלע כאפּט זיך אָן מיט ביידע הענט ביים בויך, קאָרטשעט זיך אין דרייען, שלעפּט זיך קוים, קוים צו צום בענקל. דער דאָקטער האָט געזאָגט אז ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקן, מע מוז איבער־שטיין די ליידן אז קיינער זאָל נישט באמערקן. בעסער פרעמדע זאָלן נישט ווייסן. דאָס זענען נישט מער ווי אָפּרופן פון דער אָפּעראַציע, לאנג וועלן די ווייטיקן נישט דויערן.

„יאָ, דאָס האָט ער דוקא יאָ געטאָן. די אָפּעראַציע ... צוגעשטאנען, געבעטן כמעט מיט טרערן אין די אויגן. געזאָגט אז דאָס טוט ער פאַר מיינעטוועגן ... פארוואָס פאַר מיינעטוועגן? פארוואָס נישט פאַר זיינעטוועגן? ער האָט קיין שום טייל דערין, ער האָט קיין שום געפילן נישט געהאַט דערצו? אזא כאָל ...״

„די קללה בלייבט הענגען אויף ציפּעס פלוצים פארבלויטע ליפּן. פּאמעלעך צעגייט זיך דער ווייטיק איבערן גאנצן לייב און וואָס מער ער נעמט ארום אלע

איברים ווערט ער אָפּגעשוואַכטער, שטאַרבט ער אָפּ, און די געדאַנקען ווערן מילדער.

„יאָ, ווען דער פעטער משה זאָל זיין דאָ, ווען מעכל זאָל זיך פּלוצים באַווייזן אויף דער טיר. זיי וואָלטן אַלץ פאַרשטאַנען. זיי זענען ביידע פלייש-און-בלוטיקע, נשמהדיקע, זיי וואָלטן נישט אָנגעהויבן פון סוף צום אָנהויב, נאָר פאַרקערט. הייבט מען אָן פון סוף איז דער אָנהייב קיין אָנהייב מער, ווערט דער סוף אַן אָנהייב, און דער סוף איז דאָך נישט מער ווי אַ טרוקענע פעסטשטעלונג. זיי יאָ, זיי וואָלטן געקאָנט אויסהערן פון אַלעף ביז תוו, אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט דעם אַלעף-בית אין חדר. נישט פאַרקערט. זיי וואָלטן אויסגעהערט שווייגנדיקע, מיט געדולד, און געפּרואווט אויב נישט אַלעם איבערלעבן איז כאָטש פאַרשטיין אַזוי ווי ס׳איז געשען און נישט פאַרקערט, נישט באַגלייט פון סוף׳ס שאָטן.“

... די פיינטלעכע קאַוואַלעריע האָט דורכגעריטן ווי אַ שטורעם און די טויט שטילקייט האָט זיך ווידער צעצויגן איבער דער שטאָט. פאַררייגלטע פענצטער און טירן, קיין לעבעדיק נפש. אַזוי דעם גאַנצן טאָג. ציפּע איז געבליבן זיצן לעבן דער דעמבענער טיר ביים אַריינגאַנג אין הויז ביזן צופאַל פון דער נאַכט. זי האָט אויף עפּעס געוואַרט. איר האָט זיך געדאַכט אַז עפּעס מוז געשען, עמעצער מוז אַ קלאַפּ טאָן, קומען זאָגן וואָס סע וועט זיין ווייטער, וואָס זי האָט צו טאָן, וויאַזוי זי קאָן זיך אַדורכשלאָגן צו די אייניקע. זיי זענען דאָך גאָר וואָס אָפּגעפאָרן, ווייט זענען זיי זיכער נאָך נישט פאַרפאָרן. עמעצער, אפשר דער טאַטע, וועט זיך דורכרייסן, אַ לייכטן קלאַפּ טאָן אין טיר און אַ שעפּטשע טאָן: קום! יעדעס מאָל ווען דער געדאַנק איז געקומען צום „קום“, האָט זי אויפגעציטערט, געוואָלט עפענען די טיר, אַ קוק טאָן, אפשר האָט איר געהער זי נישט געדינט און דער וואָס פון דער אַנדערער זייט טיר, דער פון דרויסן קאָן דאָך לאַנג נישט וואַרטן. ערגעץ, הינטער אַ פענצטער, לויערט אפשר אַ נישט פריינטלעכער בליק. אַזוי איז זי אָפּגעזעסן ביזן צופאַלן פון דער נאַכט. צוזאַמען מיט דער פינצטערניש האָט געניידערט אַ שרעקלעכע מורא. ווער ווייסט צי איז נישט אַמאָל עמעצער אַריינגעקראָכן דורך אַ פענצטער, זיך אַריינגעשלייכט און אַצינד וואַרט ער הערן אַ גערויש, אַ ריר פון אַ לעבעדיקער נשמה און ווי נאָר ער וועט דאָס דערהערן איז אַ סוף, איז אַ מעסער אין רוקן, איז אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער, אַ קלאַפּ מיט אַ ברעזנע איבערן קאָפּ. צי גאָר אפשר אַצינד, ווען פינצטערניש האָט אַלץ איינגעהילט, אפשר אַצינד וועט זיך באַווייזן עמעצער פון די אייגענע. ביי טאָג האָבן זיי נישט געקאָנט, ביי טאָג איז די סכנה גרעסער, ביי טאָג קאָן מען זיך אומזיסט מקריב זיין, אַליין אומקומען און איר מיט גאָר-

ניט ארויסהעלפן. דער טאטע האָט אוודאי אויך אזוי געטראכט, איבערצייגט אין דעם אויך די מאמע. ביידע קאָנען נישט שלום מאכן מיטן געדאנק אז זי איז געבליבן אליין ווי א בלאט אויפן וואסער, ביידע וועלן טאָן אלץ כדי זי צו ראטעווען. נאָר געדולד, נאָר זיך גוט איינהערן צו דעם וואָס געשעט אויף יענער זייט טיר ...

אויף יענער זייט טיר איז גאָרנישט געשען. די ארמייען האָבן געצויגן איבער אנדערע וועגן, געלאָזט דאָס באזעצן די שטאָט אויף שפּעטער. איז זי געבליבן א טויטע גאנצע דריי מעת-לעת. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויף דער גאס. אזוי ווי ציפּע האָט געווארט לעבן דער דעמבענער טיר, אזוי האָבן געווארט נישט ווייסנדיק אויף וואָס אויך די אנדערע וואָס זענען געבליבן אין שטעטל, די וואָס האָבן נישט באוויזן זיך צו עוואקואירן, אָדער פארהאלטענע פון א הינטער-געדאנק: „אזוי גרויס וועט דער אומגליק נישט זיין; מע וועט זיך יאקאָסיע אן עצה געבן; לאָזן אויף הפקר אלץ וואָס אָפּגעשפּאָרט א גאנץ לעבן קאָן מען נישט; זיך לאָזן אין דער וועלט מיט ליידיקע הענט? מע וועט שוין זען". אז געבליבן זענען א סך האָט זיך ציפּע איבערצייגט דעם דריטן טאָג, ווען די געבליבענע האָבן זיך געמוזט זאמלען אויפן פּלאץ וואָס ארום דעם געוועזענעם גאָרסאָוועט. געזאמלט האָט מען זיך משפּחות-ווייז. דאָס האָט זי פעסטגעשטעלט ווען זי האָט אָנגעהויבן זוכן צווישן עולם כאָטש איינעם א נאָענטן, עלעהיי מעכלען, עלעהיי דעם פעטער משה. קיין איינער פון די איריקע איז טאקע נישט געבליבן, און איר האָט זיך געדאכט אז אויפן גאנצן פּלאץ אז צווישן דעם גאנצן המון מענטשן איז זי די אומגליקלעכסטע, די פארלאָזנסטע, אז איר לאגע איז די ערגסטע, אז נאָר איריקע האָבן געקאָנט אָפּטאָן אזעלעכס, זי לאָזן איינענקע אליין. שפּעטער וועט זי מער נישט טראכטן אזוי, שפּעטער וועט זי נישט איין מאָל טראכטן אז ס'איז געווען בעסער אזוי, אז דאָס איז גאָר געווען כמעט א גליק; אז ס'איז גאָר בעסער ווען מע בלייבט אליין אָן משפּחה, אָן די נאָענטסטע. אזוי מוז מען נישט צוזען, א פון מורא אָדער ווער ווייסט פון וואָס געליימטער, ווי מען איזדעקעוועט זיך איבער אייגענע טאטע-מאמע. אָבער דאָס וועט זיין שפּעטער, א סך שפּעטער. ווייל געשען איז עס אין צייט ווען לעגענדעס און אויסטראכטענישן ווערן ווירקלעכקייט, ווען די געשעענישן דויערן פאר איינעם אן אויגנבליק און פאר איינעם א לעבן לאנג, ווייל דער קוילס טראיעקטאָריע איז אין צייט נישט די זעלבע פאר דעם וואָס שיסט און פאר דעם וואָס ווערט געשאָסן.

... מיט געמישטע געפילן טראכט ציפּע צו יענעם בראשיתדיקן טאָג. צוזאמענגעטריבענע אויפן פּלאץ זענען די מענטשן געשטאנען דערשראָקענע.

ארום פּלאַץ — סאָלדאַטן מיט לאַנגע ביקסן, אין צייט פֿון מלחמה געוויינטלעך גע־לאָדענע. געלאָדענע ביקסן קאָנען לייכט א וואָרף טאָן א קויל, עלעהיי א רוי־בערער א שפּיי. פֿון דער אויף גיך צוזאַמענגעקלאַפּטער טריבונע האָט געהאַגלט מיט פאַרוועזעכצן, סטראַשונקעס און וואָרנונגען: וועט מען... קומט שיסן; וועט מען נישט... קומט שיסן. שיסן... שיסן... שיסן... און כאָטש מע ווייסט אז די געפאַר איז גרויס, אז דאָס וואָס ווערט געזאָגט איז גרויזאַם ערנסט, זענען הונדערטער אויגן פאַרנומען מיט באַטראַכטן די טונקלהויטיקע סאָלדאַטן, און נישט אזוי די סאָלדאַטן ווי זייערע ביז גאָר קאָמישע קאַשקעטן. און זיי די הונדערטער קאָנען נישט באַהערשן א שמייכל. פֿון וואו נעמט זיך, פרעגט זיך ציפּע, צום מענטשן דער כח פֿון שמייכל, פֿון אָט דער גרימאַסע, ווען צוקאָפּנס שטייט דער טויט? אז ס'איז נישט אומבאַוואוסטזיניק איז זי זיכער. זאָל אין דעם באַשטיין זיין, דעם מענטשנס, באַזונדערקייט? נישט מער ווי א גרימאַסע? א געשלאָגן באַשעפעניש וואָס שמייכלט, אין דעם זאָל באַשטיין דעם מענטשנס מענטשלעכקייט?

נאָך דעם איז געקומען דער געטאָ. אָפּגעזונדערטע דריי־פיר גאַסן, די פאַר־עיפּושסטע: דאָ איז אייער פּלאַץ, דאָ וועט איר וואוינען, הונגערן, קרענקען און אויסגיין.

„אָבער נישט אזוי לייכט גייט מען אוים.

„ווער ווייסט דאָס בעסער פֿון מיר?“

ציפּע האָט חרטה. בעסער ווייסן אפשר די וואָס זענען אויסגעגאַנגען. זי איז דאָך געבליבן א לעבעדיקע, א געזונטע.

„א צו געזונטע“, טראַכט ציפּע און אין ווינקל מויל וואַקסט אוים דער שמייכל. דאָס מאָל א ביטערער. דער ווייטיק איז נישט אין גאַנצן פאַרשוואונדן, ער דרייט זיך אין בויך אָבער שניידט נישט, ער וואַרפט פשוט אן אן אומבאַגרענעצטן טרויער.

איבערן געטאָ האָט געבאַלעבאַטעוועט פריקאָפּ. זיין גוטע זייט איז וואָס ער איז א גרויסער כאַבאַרניק; זיין שלעכטע, וואָס ער פאַרגעסט. מיט דער לינ־קער האַנט נעמט ער און מיט דער רעכטער פאַרגעסט ער. אָבער... נישט אלץ פאַרגעסט פריקאָפּ. געדענקען די גאַנצע צייט — א מעת־לעת אין מעת־לעת — געדענקט ער אז ער איז באַלעבאָס, אז אויף די וואָס אין געטאָ האָט ער אומבאַגרע־נעצטע רעכט. אריינגיין אין א שטוב און באַפעלן אלע זאָלן זיך אויסטאָן אדם־נאַקעט און הייסן אָפּגעמען דאָס וואָס אים דאכט אז ס'האָט א ווערט, האָט ער רעכט; פאַראָרדענען שיקן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן האָט ער רעכט; באַשטראָפן

מיט פינעפאונצוואנציק, פערציק אָדער נאָך מער קלעפּ מיט אַן אײן דרײַען גע־פלאָכטענער בײַטש, האָט ער רעכט; אויסרײַסן בערד צום פאַרגעניגן מיט די אײגענע הענט האָט ער רעכט; פאַרגוואלדיקן מײדלעך, האָט ער רעכט; שיסן און הענגען, האָט ער רעכט, אָבער שיסן שיסט ער זעלטן. אײנמאָל אָפּגעשאָסן איז אױס באַלעבאָס, דאָס װײסט אױך פריקאָפּ. איז ליבערשט מוטשען. װאָס מער דער געמוטשעטער װערט דערשלאָגן, אַלץ מער איז ער באַלעבאָס. אַזױפיל פאַרשטײט אפילו פריקאָפּ. זענען אָבער מענטשן דאָך געשטאָרבן. אין גאַנג צום אָנלאָדן װאַגאָנען, אָדער אױפן װעג צוריק אױסגעגאַנגען; געענדיקט מיט פריקאָפּס ממשלה.

פאַר ציפּען אין אַ לאַנגע צײַט פּריקאָפּ געװען נישט מער װי דער נאָמען פון אַן אױסװאורף, אַ הענקער. כמעט אַן אַבסטראַקט באַשעפעניש. אַ באַגריף נאָך װעלכן סע שלעפּט זיך אַ ריקע בלוט. װער ער איז, פון װאַנען ער האָט זיך גענומען, פון װאו דאָס אכזריות, האָבן אײניקע געפּרואװט פאָרשן, טרעפן, אױסטײַטשן, געפינען אַ שורש, אַ קװאַל. זי איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען, פאַר איר איז עס נישט געװען אַ פאָרשונגס־אָביעקט, דאָס האָט נישט געהערט צו איר אופן. פאַר איר איז ער געװאָרן אַ דערשײַנונג װי אַלע אַנדערע צו יענער צײַט. מענטשן קאָנען זײַן אױך אַזױ. אָפּפרעגן איר אײנשטעל האָט מען נישט געקאָנט און קײנער האָט דאָס נישט געפּרואװט. ציפּע האָט געװאוסט אײנס: מע דאַרף זיך היטן, מע דאַרף אױסמײַדן זיך באַװײַזן פאַר זײַנע אױגן און אױב מע מוז דאַרף עס זײַן אַ פאַרמיאוסטע, אױב מיגלעך אַ צעקנײטשטע ,אַ פאַרעל־טערטע.

װען ס׳איז איר אױסגעקומען גײן אױף אַרבעט אין דער קאָמענדאַטור איז ציפּעס ערשטער געדאַנק געװען: װײַל אַלײן, װײַל קײנער העלפט נישט אױס־מײַדן די סכנה. אַנדערע האָבן פרײַנד, עלטערן, זי איז אַלײן, כמעט אַ יתומה. אױף אַ יתומה פלעגט מען בײַ ייִדן רחמנות האָבן, געװען כמעט אַ געבאָט אַזאַ. הײַנט פאַרגעסט מען אין אַלעם. הײַנט פּרואװט מען זיך אַלײן ראַטעװען. אפשר דערפאַר װײַל דער געטאָ האָט זיך פאַר דער צײַט אַ סך געענדערט. פון די היגע, פון די מאַשטאָפּאָלער, זענען געבליבן װײניק; מ׳האָט אָנגעבראַכט רעשטלעך פון אַנדערע געטאָס, פון בעסאַראַביע, פון דער בוקאָװינע ,פון אוקראַינישע שטעטלעך, אַן אױסגעמישטע װעלט.

אַז זי איז נישט גערעכט האָט זי געקענט װיסן נאָך דעמלט װען מ׳האָט זי פאַרטײלט צו דער קאָמענדאַטור. זי איז דאָך נישט געװען די ערשטע. נישט װײניק האָבן דאָרט געלאָזט די נשמה פאַר איר. איבערצײַגט אַז איר געדאַנק איז נישט קײן גערעכטער האָט זי זיך װען מיט איר איז געשען נישט װי מיט

אנדערע. אין יענעם מאָמענט האָט זיך איר געדאַכט אַז אפשר האָט מען גאָר געדאַרפט שיקן זי די ערשטע. אויב איר איז געלונגען אַנטקעגנשטיין פריקאָפּן, אפשר ווען מע זאָל זי געווען שיקן די ערשטע וואָלט מען געווען אויסגעמיטן קרבנות. און מיט דעם האָט זי ווידער איבערגעטריבן.

אמת איז אַז פריקאָפּ האָט אין דעם אָפּגעשליסענעם פאַרמענלאָזן מיידל אַנטדעקט דעם אַמאָל — איר פריערדיקע שלאַנקקייט, איר אַמאָליקן לייכטן גאַנג, איר באַהאַלטענע ווערדע, איר ליכטיקן בליק, אירע נישט רעגעלמעסיק־רעגעלמעסיקע שטריכן וועלכע האָבן זי באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערן חן. אָנגע־הויבן האָט ער מיט זי שאַנעווען. פּלוצים געקומען אויף דער אַרבעט, זיך שרעק־לעך צעבייזערט, אַזוי ווי ער פריקאָפּ האָט געקאָנט, אויפן אויפזעער פאַרוואָס ער מאַטערט אַ שוואַכע פרוי מיט אַזעלכע שווערע אַרבעטן, אים אויפן אָרט באַשטראָפט מיט קלינגנדיקע פעטש, מיט אַ צעבלוטיקטער נאָז, מיט אַ פּאָר טריט אין הינטן און אין די ריפּן, פאַרזאָגט אַכט געבן דאָס מיידל זאָל נישט פאַרמוטשעט ווערן. און דער אויפזעער האָט געוואוסט אַז ס׳איז לייכטער אים מיט פעטש, סטוסאַקעס און פאַרבלוטיקט איידער ציפּען מיט פריקאָפּס פאַר־זאָרגן זי.

ציפּעס ווידערשטאַנדס־קראַפט איז אפשר געבוירן געוואָרן און זיך געשטאַרקט אין דעם צייטאָפּשניט וועלכן פריקאָפּ האָט אָפּגעגעבן פאַר זיינע צוגרייטונ־גען; אפשר האָט איר דאָס אַרויסגעהאָלפן ווערן אַזוי אויסגעהאַלטן און פאַר־בימן, געפונען אין זיך און פעסטיקן דעם כמעט איבערמענטשלעכן כח בייצוקו־מען דעם אויסוואורף. זי האָט געפילט ווי מיט יעדן טאָג זאַמלט זיך אָן דאָס געפאַר, זי האָט געוואוסט, אַזוי ווי אַלע האָבן געוואוסט, אַז ביי פריקאָפּן איז נישט קיין אויסנאַם צו ברענגען סאָלדאַטן זיי זאָלן אים העלפן באַוועלטיקן זיי־נע קרבנות בעת ער פּלעגט זיי פאַרגעוואַלדיקן, ציפּע האָט אָבער אויך איינגעזיי־טיק פאַרשטאַנען, עפּעס האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אין איר פאַל וועט ער דאָס נישט טאָן, אַז דאָס מאָל וויל ער זיין נצחון זאָל אויסזען אַנדערש. ער פּלעגט אָפּט פאַרבייגיין, זי גלייך ווי נישט־ווילנדיק פאַרטשעפּן, דערנענטערן זיין פּנים צו אירן זיך מיט אַ ברייטן שמייכל אַנטשולדיקן. דאָס פּלעגט געשען אַזוי אומגעריכט אַז ציפּע פּלעגט זיך קוים באַהערשן נישט אויפצושרייען. זיין פּנים אַזוי נאָענט האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ שרעקלעכע מורא, ס׳האָט אויס־געזען דריי קעפּ צוזאַמענגעגאָסענע אין איינעם און אין גאַנצן אַ ווילד פּאַרזע־עניש. נאָר אין קינאָ האָט זי געזען אויפן פּאַדערפלאַן אַזעלכע שרעק־אַנוואַר־פּנדיקע פּאַרזעענישן מיט אומגעהויערע וואַסער־קעפּ. דאָס געשפּענסט האָט

זי א צייט באַגלייט טאָג און נאַכט און דערמיט אַליין געהאָלפן זיך קאָנען אַנט־קעגנשטעלן, זיך באַווייזן, אויב סע׳וועט דערצו קומען, שטאַרקער.

און ס׳איז דערצו געקומען. אין איינעם אַ טאָג האָט פּריקאָפּ באַפוילן דעם אויפזעער אופּצוראַמען דאָס הויף ביי דער קאָמענדאַטור. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט האָט זיך באַוויזן פּריקאָפּ, אַריין אין דער געביידע און נאָך אַ ווײַלע גערופן ציפּען זי זאָל ריין מאַכן אין זיין קאַבינעט. כאָטש זי האָט זיך אַזאַ לאַנגע צייט געשראָקן פאַר און געגרייט צו אָט דעם רוף, איז ער געקומען אַזוי פּלוצימדיק, אַזוי אומגעריכט, אַז זי האָט געפילט ווי די ערד אַנטלויפט פון אונטער אירע פיס, אַז אָט, אָט און זי פאַלט חלשות. מיט קוים שלעפּנדיקע טריט איז זי אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, שטיין געבליבן ביי דער טיר איבערכאַפּן דעם אָטעם אָדער גאָר זיך אַרומקוקן, געפינען עפּעס אַזעלכס וואָס זאָל איר דינען אַלס געווער, מיט וועלכן זי זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן. זי האָט זיך גענומען קערן די פּאָדלאָגע. אַ שמייכלענדיקער האָט פּריקאָפּ צוגעקוקט אַ צייט ווי זי קערט, ס׳האָט אויסגעזען דאָס מיידל איז שיכורלעך, איז נישט אימשטאַנד האַלטן דעם בעזעם. פּריקאָפּ איז צוגעגאַנגען, און אַרויסגענעמענדיק דעם בעזעם פון אירע הענט געפּרואווט זי צוציען צו זיך. איר בליק האָט אים אַ רגע געבראַכט אין פאַרלעגנהייט. ער האָט נאָך אַזעלכס נישט געזען. און ס׳איז נישט געווען אמת. ער האָט פּשוט קיינמאָל נישט געקוקט, ס׳האָט אים נישט אינטערעסירט, די וועלכע ער האָט ביז אַצינד פאַרגוואַלדיקט זענען פאַר אים געווען באַשעפענישן אָן אויגן. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז די לאַנגע צייט פון גרייטן זיך פאַר זיין דעראָבערונג האָט אַריינגעפּלאַכטן אין זיין באַגער אַ נייעם עלעמענט, אַ פּרימיטיוו מענטשלעכן. דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ טיילעכל פון אַ רגע און אָט דאָס טיילעכל האָט זי דערמלט אָפּגעראַטעוועט, ווייל פּריקאָפּ האָט זי אָפּגעלאָזט און באַפוילן ענדיקן די אַרבעט.

אָפּט האָט פּריקאָפּ אָנגעהויבן גיין אין די איבער איבערגעפּולטע הייזקעס, יעדעס מאָל זיך אָפּגעשטעלט ביים שטיבל אין וועלכן ס׳האָט געוואוינט אויך ציפּע, באַפוילן אַלעמען זיך אויסטאָן אדם־נאַקעט, וועגן מכולמרשטער אָבלאווע ...

„וואָס דערצייל איך דיר דאָ פאַרא מעשיות מעכל? נישט דאָס בין איך דאָך אויסן. דערציילן וועגן געטאָ אין דער צייט פון דער רומעניש־דייטשער אָקופּאַציע, האָט דאָך באמת קיין זין. ווער ווייסט נישט ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען? נאָר דער וואָס וויל נישט. ניין, מעכל, נישט דאָס בין איך אויסן. אין דער אמתן ווייס איך אַליין נישט אויף וויפל דאָס האָט געווירקט. אין אַ פאַרנאַכט זענען געקומען צוויי זעלנער, מיט לאַנגע ביקסן, מיט צוויישפּיציקע קאַסקעטן,

מיך געפירט צו דער קאָמענדאַטור. פריקאָפּ איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן אין זיין גאַנצער נישטיקייט און איך האָב געוואוסט, בין געווען איבערצייגט אַז איך וועל אים קאָנען ביישטיין. אָבער ביז ווען? ווי לאַנג וועלן זיי דינגען, מיינע כוחות?

איך האָב נישט געהערט ווען די טיר האָט זיך געעפנט. כ׳האָב נישט מער ווי דערפילט ווי זיין קלעם איז מיטאַמאָל אוועקגענומען געוואָרן און ס׳איז צו מיר דערגאַנגען אַ פאַרסאָפּעט קול.

— לעבן זאָלט איר, הער מאַיאָר! לייטנאַנט פריקאָפּ געאָרגע, קאָמאַנדאַנט פון מאַשטאָפּאָלער געטאָ...

— וואָס געשעט דאָ? האָט דער מאַיאָר געפרעגט אַנווייזנדיק אויף מיר און איך האָב ערשט דעמלט באַמערקט וואָס ס׳איז געבליבן פון מיינע קליידער און פון מיין לייב, גלייך אַ טשאַטע הינט וואָלטן געווען געריסן מיט זייערע ציין און נעגל מיינע קליידער און הויט.

— פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער, האָט פריקאָפּ געענטפערט מיט קיין אויג נישט פינטלענדיק.

דער מאַיאָר איז געבליבן אַ רגע אין פאַרלעגנהייט, נאָך אַ ווײַלע געהייסן מיך אָפּפירן אין אַרעסט״.

ווען מ׳האָט ציפּען אַרויסגעלאָזט פון אַרעסט און געהייסן גיין אין געטאָ איז פריקאָפּ מער נישט געווען קאָמאַנדאַנט. אויף זיין פּלאַץ איז געבליבן דער מאַיאָר.

„ניין, מעכל, האָסט אַ טעות. דאָ איז נישט די רייד פון אָנערקענונג, פון דאַנקבאַרקייט. ביסט זיך אין גאַנצן טועה, זאָג נישט ניין, איך זע עס אין דיין בליק. דיינע אויגן זאָגן מיר אַז אַזוי טראַכסטו. דער פעטער משה נישט. ער פרעגט נישט, ער זאָגט נישט. ער וואַרט מיט געדולד. דערפאַר איז מיר דאָך אַזוי שווער דאָס באַגעגעניש מיט מייניקע. איבערהויפּט מיטן טאַטן. זיין בליק איז דאָך נישט צום איבערטראָגן. אַ שטאָלענער אַזאַ, אַ שאַרפער ווי אַ חלף, מיט אים איז נישט צום ריידן, נישט צום דערציילן. ער ווייסט אַלץ פון אַפריער. ער פאַראייִנפאַכט, ער קומט אָפּ מיט איין וואָרט: אַן אויסגעלאָסענע. ניין, ניין, נישט אַזוי איז עס געווען...״

זינט דער מאַיאָר איז קאָמאַנדאַנט בלאָזט אַ ניי ווינטל. אפשר דערפאַר ווייל די פראָנטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אויף צוריק. קיין כאַבאַרניק איז ער נישט. נישט אַלץ זאָגט ער אָפּ, אָבער אַ כאַבאַרניק קאָן מען נישט זאָגן. אויך אַצינד מאַכט מען אָבלאַוועס, אויך אַצינד זוכט מען יענע וועלכע האָבן

פארבינדונגען, אויך אצינד שמייסט מען מיט דער בייטש, אויך אצינד הענגט מען, אָבער דעם מאיאָרס נאָמען ווערט זעלטן דערמאָנט און ווען יאָ זעט עס אוים כמעט ווי א בעל-ברחודיקע באטייליקונג, דער נאָמען וואסילעסקו קלינגט פאר די מאשטאָפּאָלער מאָדנע פרעמד, רופן זיי אים פשוט עסקו. ער קומט צומאָל אין געטאָ, פרעגט זיך נאָך אויף לערערס, מענטשן וואָס קענען תלמוד, זוכט מוזיק ליבהאָבער, פרעגט צי געפינט זיך נאָך ערגעץ א נישט פארפירטע פיאַ-נינע. אויך ער שיקט זעלנער זיי זאָלן אים ברענגען מענטשן פון געטאָ, מיינ-סטנס טאקע פון די וועגן וועלכע ער האָט זיך נאָכגעפרעגט מיט א פּאָר טעג פריער, אָדער טאקע די מיט וועלכע ער האָט גערעדט. צעקאליעטשט קומט נישט צוריק קיינער, אָבער אויך נישט א צופרידענער, גערופן ווערן צו דער קאָמענ-דאטור ווארפט אָן א שרעק, פרעסט אויף יעדן געדאנק פון זיין צופרידן. דאָס סכנה-געפיל איז טיף איינגעגעסן אין די ביינער און נישט אָן א פארוואָס. אזוי איז אדורך א צייט.

ציפּע איז אָפט געשיקט געוואָרן ארבעטן ביי דער קאָמענדאטור. ווען סע פלעגט איר אויסקומען אויפצוראמען דעם קאבינעט, פלעגט עס זי שרעקן. זי האָט געפילט אז אין דעם צימער לויערט א געפאר. א צווײדייטיקע, אָן אומ-באשטימטע סכנה. זי האָט געוואוסט אז פאר אזא איינעם ווי פריקאָפּ האָט זי אצינד נישט וואָס מורא צו האָבן. סיידן ... סיידן, האָט פאר איר געהייסן עפּעס מער ווי די שטענדיקע סכנות וואָס שוועבן אין דער לופט אָן אויפהער פאר אלע פון געטאָ. און וואָס זי באשטייט די געפאר האָט זי זיך נישט געקאָנט דערקלערן. אפשר אויך דאָס וואָס דער מאיאָר דערקענט זי נישט. וואָלט ער זי דערקענען, וואָלט ער זיכער עפּעס געפרעגט. זיין בליק גייט אָבער פארביי איר גלייך זי וואָלט נישט געווען, אָדער נאָך ערגער גלייך ער וואָלט זי אויסמיידן ווי מע מיידט אוים א צום טויט פארמשפּטן.

דער מאיאָר, א נישט זייער הויכער און אויך נישט גאָר יונגער, איז געווען א רעזערוו-אָפיציר. אָנגעהערט האָט ער צו יענער רומענישער אינטעליגענץ וואָס האָט נישט געזען דעם לאנדס צוקונפט צוזאמען מיט היטלער-דייטשלאנד, וועלכע איז אָבער נישט געווען גרייט טאָן צוליב דעם עפּעס וואָס וואָלט געקאָנט שטעלן אין געפאר זייער אייגענע לאגע. ניין, אויף אזוי ווייט נישט. מיליטאנ-טיזם איז זיי געווען פרעמד, זיי האָבן דערויף געקוקט מיט א געוויסן ביטול. אין אָט דער איינשטעלונג זיינער האָט וואסילעסקו אָנגעהויבן צווייפלען ווען ער איז געקומען נענטער אין קאָנטאקט מיטן געטאָ. ער איז קיין מאָל נישט גע-ווען א חובב ישראל. א יידן ליבהאָבער, אָבער אויך נישט קיין יידן-פיינט. ער האָט

געזען אין יידן סתם מענטשן מיט וועלכע מע קאָן יאָ אָדער נישט לעבן אין נענטערע באציאונגען. דערפאַר האָט ער אויך דאָ געפּרואווט בלייבן אויף ווי פיל ס׳איז מעגלעך א זייטיקער, אַן אָביעקטיווער אויספירער פון באַפעלן. זענען אָבער די באַפעלן געווען ווייט פון זיין אָביעקטיווע און די פאָרמען וואָס זיי האָבן אָנגענומען אין דער פּראַקטיק, גרויזאַם נישט־מענטשלעכע. דאָס האָט געווירקט אויף זיין מאָראַלישן גלייכגעוויכט און כאָטש ער האָט געפּרואווט מילדערן דעם גורל פון די אַלע אומגליקלעכע איז ער ארומגעגאַנגען אין א באַשטענדיקן קאָשמאַר פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען.

א צייט האָט ציפּע אויפגערוימט זיין קאַבינעט, א פּוסטן, אונטער דער אויפזיכט פון א סאָלדאַט. דער מאיאָר פלעגט קומען שפּעטער. אַזוי אַז איר שרעק איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין א טאָג איז ער ווידער געקומען פרי. אויסגעזען האָט ער צעמישט.

— נאָך נישט פאַרטיק? האָט וואַסילעסקו געפרעגט ברוגז וואָס מע שטערט אים. דער סאָלדאַט האָט א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן, עפּעס געענטפערט, און אין דער צייט האָט זיך ציפּעס בליק באַגעגנט מיט דעם מאיאָרס און די באַוועגוניש האָט אָנגעהאַלטן מער ווי א רגע. וואָס שרעקט דיך אַזוי? האָט געפרעגט דער מאיאָר און צווישן זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען איז אויסגעוואַקסן א קנייטש.

ציפּע האָט נישט געענטפערט נאָר אָנגעהויבן ווישן גיכער דעם שטויב. דער מאיאָר האָט באַפוילן דעם זעלנער גיין און אַליין איז ער שטיין געבליבן לעבן פענצטער אָפּוואַרטן ביז דאָס מיידל וועט ענדיקן איר אַרבעט. סתירהדיקע געפילן האָט געוועקט אין איר זיין אָנוועזנקייט. אין דער לופט האָט געהאַנגען א געפאַר אָבער א נייעם, אַזעלעכע פין וועלכער מע וויל נישט אַנטלויפן, לעבן וועלכער סע וויל זיך בלייבן וואָס לענגער. אין דער סכנה האָט געשלענגלט א סוד וואָס פאַרכאַפּט, וועלכנס זין סע וויל זיך אויפדעקן. פון דער גאַנ האָט זיך דערטראָגן א גערויש פון קאַדענצירטע טריט. דאָס האָט מען געפירט צום פּלאַץ באַשטראָפטע צום שמייסן. ציפּע האָט אויפגעציטערט, פון אונטער די ברעמען געקוקט צום מאיאָר און געבליבן געפּלעפּט פון אויסדרוק פון זיין בליק. ס׳איז געווען כמעט דער זעלבער ווי דער פון די וועלכע מ׳האָט געטריבן צום פּלאַץ בייזיין ביים דורכפירן די שטראָף.

און ווידער איז געשען ער זאָל קומען אומדערוואַרט. דאָס מאָל, דערמאַנט זיך ציפּע, האָט זי זיך נישט געאיילט. פאַרקערט, זי האָט לאַנגזאַמער געווישט דעם שטויב. „וואָס פאַרא סודות האָב איך געזוכט, געפּרואווט אַנטדעקן אויף

זיין געזיכט, וואָס אזוינס האָב איך געוואָלט אראָפּליִיענען פון זיינע באוועגונ־גען?" פרעגט זיך ציפּע און אויך אצינד געפינט זי דערויף קיין ענטפער.

„אצינד זענען אלע סודות אנטפּלעקטע, נישטאָ מער וואָס צו דערגרונטעווען. אָדער בין איך זיך טועה?"

מעכל האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם איינציקן בענקל וואָס אין צימער און ציפּען האָט זיך געדאכט אז ער האָט אָנגעהויבן פארשטיין, אז ער איילט זיך נישט מיט ארויסטראָגן א פסק־דין. זי האָט אויף אים געקוקט אין שפּיגל און דער בליק האָט זיך ווידער פארטשעפּעט אין חן־פּינטל.

„ניין, ס'האָט מער נישט געהייסן חן־פּינטעלע, נישט מער פעפערל, נאָר גאָר שיינקייטם זערנעלע. אזוי האָט אים עסקו א נאָמען געגעבן. ער פלעגט זאָגן 'גרען דע באָטע' וויל אזוי ארויסגערעדט האָט עס געדארפט אונטערשטרייכן זיין אָנגעהערן צו אן אנדער סאָרט מענטשן, צו א קאסטע וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט דעם גאנצן מלחמה־טאראראם, מענטשן וועלכע ס'האָבן פארטשעפּעט מילשטיינער און זיי האָבן נישט דעם כח זיך ארויסצורייסן. צומאָל איז אויסגע־קומען אויסטערליש צו הערן אזעלכע רייד פון א געזונטן מענטשן, פלעגט אָבער זיין גאנצער וועזן אויסדרוקן אן אין־לשערדיקע אומבאהאָלפנקייט, און מ'האָט אים געמוזט גלויבן."

דאָס איז געווען שפּעטער. ביז ס'איז געקומען דערצו האָט געדויערט. טעג זענען קוים געקראָכן — לאנגע, אומענדלעכע פון נעכט פארלענגערטע טעג.

„סע מוטשעט דיך מעכל, דער געדאנק וועגן אָנהויב. דו פרעגסט זיך ווי אזוי האָט געקאָנט געשען אז דיין ציפּע זאָל פארגעסן כאָטש איין און איינציקע רגע אז ער איז דער הענקער? זאָל זיין נישט א צעווילדעוועטער, זאָל זיין נישט מער ווי איינער וואָס פירט אוים מיט דערווידער זיין הענקערישע שליחות, אָבער דאָס שליחות איז דאָך געבליבן דאָס זעלביקע? אפשר ביסטו אויף דיין אופן גערעכט. כאָטש...

ס'איז מיר שווער צו מאכן א פארגלייך, מעכל, אוודאי איז שווער. פארשיי־דענע וועלטן. אָבער לאָמיר זיך קוקן אין די אויגן ווי אמאָל און לאָזן די פראגע פּאָפּערעק אזוי ווי זי פאלט נישט פרעגנדיק צי מע דארף פון עמעצן א דערלוי־בעניש. געדענקסט דאָך ווי איך ... מיר האָבן דאָךביידע געהערט און געזען...

שרעק, מורא און פּחד האָבן ארומגענעמען הימל און ערד איין מאָל און נאָכ־אמאָל און נאָכאמאָל. צוערשט איז עס געווען ווער וועמען. אלץ איז צעטיילט געוואָרן אין צווייען. א ים האָט זיך געשפּאלטן: איין וואסער־וואנט א ווייסע און די צווייטע א שווארצע. און ווער איז געווען אויף דער צווייטער זייט, אויף דער שווארצער? קורעלאפּניקעס, שניידערם און שוסטערם. מ'האָט געשניטן ווי

מע שניידט ווייץ אָדער פּאָפּשויעס און כבוד האָט מען אָפּגעגעבן די וועלכע האָבן געהאַט די שווערד, געהאַקט קעפּ. פאַרוואָס? איז דען יענע געקומען מוטשע־ניש און טויט נאָר ווייל זענען געווען קורעלאַפּניקעס און אויסגעגאַנגען יאָרן לאַנג דריי מאָל א טאָג פאַר הונגער? פאַרוואָס?

נאָך דעם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א סאָרט וואָפנשטילשטאַנד. די געבלי־בענע זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און די אַנדערע, די העג־קערס אין לעדערנע קורטקעס. און מ׳האָט זיי געלויבט ביזן הימל, אָפּגעגעבן גרויס כבוד ... אפשר האָט עס אַזוי געדאַרפט זיין, אפשר איז אין יענעם קאָכע־ניש נישט מעגלעך געווען אַנדערש. אפשר האָט געמוזט בלייבן פאַריתומט און פאַרשרפעט די העלפט פון די הייזער. אָבער פאַרוואָס כבוד, פאַרוואָס האָט מען געמוזט לויבן ביזן זיבעטן הימל די האַק?

די פראַגע האָבן מיר נישט געשטעלט ווייל ס׳האָט געדאַכט אַז אַזוי האָט עס געמוזט זיין, אַז אַנדערש האָט מען נישט געקאָנט. אפשר דאָס ערשטע מאָל. אָבער דאָס צווייטע מאָל, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן אוועקהרגענען דעם גלויבן, ווען מ׳האָט צעשטערט מיטן יסוד שילן, סאָבאָרן און מעטשעטן? דו האָסט אַמאָל געטראַכט דערצו, מעכל? פאַרוואָס זאָל מען צעשטערן, פאַרוואָס דאַרף מען ליקווידירן מאָראַליש און פיזיש דעם גלויבן? וואָס איז אייגנטלעך דער גלויבן? מיר דאַכט אַז ס׳איז שטרעבונג צו אידעאַלער גערעכטיקייט. איז דאָך לייכטער אים צו טייטן, אויב מע מוז אים טייטן, ברענגענדיק אַביסעלע מער גערעכטיקייט איידער אויסראָטן די גלויביקע. די מענטשלעכע געשיכטע איז, דאַכט מיר, א באַווייז אַז וואָס גרעסער דער טעראָר אַלץ מער וואַקסט דער גלויבן אַלס איינציקער אָנהאַלט אין לעבן. אַנדערש וואָלט עס געקומען צו מאַסן־זעלבּ־מאָרד. כל זמן מע באַטראַכט דעם אָרום ווי אן אָנשיקעניש קאָן עס נישט פירן ווי נאָר צו א טיפן גלויבן אין א בעסערן גורל, צום פאַרפעסטיקן די איבערצייי־גונג אַז אַלץ איז פאַרגענגלעך. נאָר אַזוי קאָן מען איבערלעבן. אַזוי איז עס געווען בעת דער טאַטאַרן־אָנשיקעניש, אַזוי פריער בעת דעם רוימישן יאָך, אַזוי אין דער צייט פון די וואַנדאַלן. און ווידער איז געקומען צו א וואָפנשטיל־שטאַנד. פעלדער פאַרפלייצטע מיט ווילדע גראָזן, באַשעפענישן הוילע ביינער; הונגער־טויט האָט געקאָסעט אין שטעט אַלט און יונג, האָט עס געמוזט קומען צון א וואָפנשטילשטאַנד. און ווידער האָט מען געלויבט די טרעגער פון דער האַק. וואָס האָט באַרעכטיקט זייער האַק אויב די רעזולטאַטן זענען געווען פאַרקערטע? און דאָך האָט מען געוואָלט האָפן אַז דאָס מאָל איז געווען דאָס לעצטע. איז געקומען די דריטע כוואַליע. געדענקסט מעכל, דעם פּחד וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט איבער אַלעם וואָס האָט געאָטעמט, מיט וואָס פאַרא שאָדנפרייד זיי

פלעגן זיך אריינרייסן אין מיטנאכט שעהן אין פארשלאָפענע הייזער? אָבער יענע זענען געווען אונדזערע. ס'איז אונדז אפילו נישט איינגעפאלן זיי אָנרופן ביי זייער אמתן נאָמען: הענקער. זיי האָבן געפייניקט און געקוילעט אייגענע און דאָס איז געווען געווען גענוג מע זאָל ווידער נישט נאָר שאנעווען, נאָר גאָר לויבן די אויסוואורפן דערפאר ווייל זיי זענען מכלומרשט אייגענע. בלוט האָט געטריפט פון זייערע הענט, די וועלט איז ביי זיי געווען נישט מער ווי א יאטקע, און דאָך האָט מען באטראכט אלס א כבוד צו האָבן אזאן איינעם פאר א מאן, איידעם אָדער ברודער. פארוואָס, מעכל, פארוואָס?

אוודאי איז עס נישט אין גאנצן דאָס זעלבע. אפשר אויך דערפאר ווייל דאָסמאָל איז דער גורל געווען דער ביטערסטער מיט אייגן בלוט און פלייש, מיט די פון געטאָ. אפשר דערפאר פרעגסטו ווי אזוי איך האָב געקאָנט. אפשר איז דאָס באמת נישט צום פארשטיין. אויך איך פארשטיי נישט. אויך איך געפין נישט קיין ענטפער. אפשר איז מיר נאָך שווערער צו געפינען אן ענטפער ווייל דער נאָכדעם האָט בארעכטיקט דעם אָנהויב, ווייל געגעבן מיין לעבן א ווערט. צי ווייסט מען דען ווען סע געהערט דער בליק וואָס כישופט. און אז מע ווייסט? קומט ווייזט אוים א געפיל וואָס פארטונקלט דאָס וויסן, פילן פילט מען אז ס'האָט זיך באוויזן א כישוף, אז נישט אפרייסן וויל זיך פון אים, נאָר גייען טיפער און דער פארקאָלדונגעוועטקייט. איך האָב זיך אפילו נישט געפרואווט אנטקעגנ-שטעלן. ס'איז פאר מיר געוואָרן דער זין פון מיין עקזיסטענץ. איך האָב אים האָלט געקריגן. ער האָט געמוזט זיין מיינער. ניין, מעכל-לעבן, דאָס איז נישט געווען א געפיל וואָס לאָזט זיך נישט באהערשן, נישט א פלאם-פייער, נאָר א רואיק, שטיל, זיך לאנגזאם אין אלע איברים באזעצנדיק געפיל וואָס ווערט א טייל פון דיר, אָדער מער, וואָס פולט אוים דיין ליידיקייט, וואָס גיט דיר אלעס.

ניין, דאָס זענען נישט בלויז ווערטער מיט וועלכע איך פרואוו זיך אליין אָפּ-נארן. א בלענדעניש אזא האָט אונדז געפירט איינעם צום צווייטן. און מיר האָבן זיך געלאָזט פירן. א צייט האָבן מיר נישט געוואגט דערנענטערן דאָס באגעגעניש. מיר האָבן דאָסביידע אויסגעמיטן. ס'האָט אונדז באהערשט א מורא, עפּעס א סטראשידלע אזא האָט געשוועבט איבער אונדז. און סוף כל סוף איז עס געשען, און גליק האָט גענידערט איבער אונדז, און ליכט האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער דער פארפינצטערטער וועלט, און א גרויסע האָפענונג אין אונדז געפלאנצט. דעמלט האָט ער גערעדט וועגן „גרעין דע באָטע". צוליב אָט דעם שיינקייט-זער-נעלע זאָל ער געווען וואגן שפאצירן אין וואלד?".

דער וואלד וואָס הינטער מאשטאָפּאָל איז נישט געווען פריינטלעך צו די פרעמדע אוניפאָרמען. די אָקופּאנטן האָבן דאָס אויסגעמיטן און נישט אָן א

פאַרוואָס. פאַר איינעם א דערהרגעטן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פינעף און צען און נאָך מער אייננוואוינער פון שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער. באָטש אזוי האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער נקמה און פון צייט צו צייט האָט מען געהערט וועגן אַן אָפּגעדושעטן אָפיציר אָדער סאָלדאט. די מורא פאַרן וואַלד איז געוואַקסן, אָבער עסקו פלעג זיך נישט אָפּזאָגן פון שפּאַציר. אפשר האָט אים געצויגן די אומבאַשטימטע סכנה. אין וואַלד פלעגט ער ווערן באַרעדעוודיק.

„אין אונדזער וואַלד האָט זיך אים לייכטער גערעדט וועגן זיין ווייב, וועגן זיינע קינדער, וועגן אַלץ האָט ער דאָרט געקאָנט רעדן".

„וועגן אונדזערע אויספלוגן אין וואַלד האָב איך אים קיינמאָל נישט דער־ציילט. כ'האָב נישט געטראַכט, ס'איז מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען אַז איך קאָן דערמיט פאַרזינדיקן קעגן דיר. מיט דיר איז געווען אַנדערש. מיר זענען געווען קינדער און אויב ס'האָט אפילו אַמאָל געשפּראָצט א צוזאָג, איז עס געווען נישט מער ווי א נעפּל. פאַרוואָס קוקסטו אזוי אויף מיר מעכל? דו ביסט פון מיין נעפּל נישט אַרויס. דו ביסט פאַר מיר געבליבן דערביי."

אויף איינעם אַזא שפּאַציר האָט וואַסילעסקו זי געפּרואווט איבערצייגן ווי וויית זיי זענען ביידע אין דער זעלבער לאַגע, ביידע קאָנען נישט מער ווי טראָגן די ליידן אין זיך: ער לעבן הענקער און זי לעבן קרבן; זי קאָן נישט ראַטעווען דעם געשלאָגענעם און ער קאָן נישט אָפּשטעלן די בייטש; ביידע זענען זיי פאַר־משפּט צוצוקוקן און העכסטנס קריצן מיט די ציין, טראָגן דאָס פּחדנות מיט דעם אָנשטעל אַז אזוי מוז עס זיין.

„און כ'שווער דיר אַז קיין פּחדן איז ער נישט געווען". א צייט האָט מיך געמוטשעט דער געדאַנק אַז ער וועט זיך נעמען דאָס לעבן, ווייל אַזא איז דער אופן פון מענטשן פון זיין שניט, האָב איך געפילט אַז איך וואָלט דאָס נישט איבערגעטראָגן. ער איז געוואָרן פאַר מיר מיין גאַנץ לעבן. נישט מער אַצינד און דאָס אויך אָן א פאַרוואָס. אָבער דעמלט ... נישט דאָס זעלבע איך פאַר אים. ער פלעגט זאָגן „מיינע", באַטייט האָט עס אָבער אויך מיינע. איך בין פאַר אים געווען א דערגאַנצונג צו דעם וואָס ער האָט איבערגעלאָזט איך דער היים, אויף וועלכן ער קאָן נישט און וויל נישט מוותר זיין. ער האָט דאָס פאַר מיר נישט פאַרהוילן. אפשר דערפאַר ...

ציפּע געפינט נישט די פּאַסיקע ווערטער. אויך פאַר איר איז נעפּלדיק א־לעם וואָס געשען. נעפּלדיק און הייליק. א באַזונדערע מין ליבע, שטענדיק אַן איין־טאָגיקע, א כסדרדיק לויפניש צום אָפּגרונט, אַן אייביק קלאַמערן זיך אין א צווייגל וואָס מוז זיך אָפּרייסן. אפשר דערפאַר איז די ליידנשאַפט געווען אַזא ברעגענדיקע, אַזא פלאַמיקע, אַלץ פאַרקווילנדיקע. נאָר אזוי האָבן זיי געקאָנט

פארגעסן ווי ווייט זיי זענען איינער פון צווייטן, ווי אומברחמנותדיק ווייט דער גורל האָט פארוואָרפן זייערע וואָרצלען פון וועלכע אָפּרייסן קאָן נאָר דער טויט. אזוי האָט עס אויסגעזען. און פּלוצים האָט זיך אַלץ איבערגעקערט. פּלוצים נאָר פאר זיי. ווייל די גאנצע צייט האָבן זיי זיך צוגעהערט נאָר צו זייער אייגענעם אָטעם, צום ריטעם פון זייערע הערצער, צום גליק-ווײ פון זייערע געבליטן, נישט געוואָלטן וויסן וואָס סע געשעט ארום. וואָס דאַרף זי דעם ארום אז דאָס סאמע אויסטערלישע געשעט מיט איר און אין איר. דאָס איז א לאנגע צייט געווען איר סוד. זי האָט זיך מיט אים ארומגעטראָגן ווי מיט אן אוצר וועמענס פייערל נאָר זי קאָן זען. זי האָט באקומען א באזונדערע ווערדע, א באזונדערן כבוד האָט זי אָפּגעגעבן איר סוד, זי איז געווען איבערצייגט אז דאָס וואָס געשעט מיט איר איז נאָך קיין מאָל מיט קיינעם נישט געשען. אפשר יאָ, פלעגט זי צומאָל צוגעבן מיט א שמייכל, אָבער נישט אזוי. איר גאנג, איר באנעמען האָבן געהאט אין זיך עפּעס מילדעס, א באזונדערן דרך-ארץ פאר זיך אליין, פאר איר אייגענעם איך. זי, נאָר זי, קאָן טראָגן אין זיך ביידע, אי עפּעס מער פון זיך, אי עפּעס מער פון אים. עסקון האָט זי נישט געזאָגט. אויף זיינע פראגעס פלעגט זי אויסמיידן א קלאָרן ענטפער.

„מיין גליק ביסטו, מיין ווערדע ביסטו, מיין שיינקייט אויך דו, און אלע פארענדערונגען וואָס קומען אין מיר פאָר אויך דו". פלעגט זי אים צערטלענדיק ענטפערן. ניין, דערציילן וועט זי נישט. ער האָט צייט, וואָס שפּעטער וועט זיין איבעראשונג זיין טיפער, די פרייד פולער און זיין גרויסקייט גרעסער.

זיי האָבן זייער פארבינדונג נישט אויסבאהאלטן אָבער אויך נישט געפּויקט איבער די גאסן. אַלץ האָט זיך אָפּגעוויקלט נאטירלעך. ציפּע האָט געארבעט ווי אלע אנדערע, עסקום פּרואוון זי צו שאנעווען האָט זי אָפּגעשטויסן. ביידע האָבן געהאט פארשטענדעניש פאר זייער האלטונג. ס'האָט געהערט צו זייער פערזענלעכקייט. וואָלט עס געווען אנדערש, וואָלטן זיי נישט געווען דערגאנגען ביז דעם וואו זיי זענען אצינד. די חיי-שעה וואָלט פארלוירן פון איר פייערלעכקייט, פון דראמאטישן ערנסט אין וועלכן ס'האָט זיך אָפּגעוויקלט.

לאנג האָט מען דעם ארום נישט געקאָנט איגנאָרירן. ארום איז געשען אזוי אז ס'איז פאר אלעמען קלאָר געוואָרן א באלדיקער צוריקצו פון די פיינטלעכע ארמייען. אפשר האָט זיך דער אָפּטריט אויסגעוויזן באלדיקער ווי אין דער ווירקלעכקייט ווייל די באפעלקערונג האָט אים געוואָלט א וואָס גיכערן. קלאָר איז געווען אז ער איז אומפארמיידלעך. דאָ האָט אָנגעהויבן ציפּעס קאָמשאר, איר קומער, פארמאטערנדיקע נעכט, טעג פול זאָרג. בליי האָבן אין איר געגאָסן פינצטערע געדאנקען. די ליידן זענען אירע און נישט נאָר אירע. א שרעקלע-

כער אומרו האָט זי באוועלטיקט. וואָס טוט מען איצט? וואָס וועט זיין ווייטער? פון עסקון האָט זי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן. און אז יאָ? ס'איז א סוד פאר גאנץ בראָד. אויב אזוי וואָלט זי דאָס קינד געקאָנט לאָזן. ביים געדאנק פון „לאָזן" פלעגט זי דערציטערט ווערן ווייל מיט נישט לאָזן האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט און נישט געקאָנט שלום מאכן. זי וועט קיינמאָל נישט מותר זיין אויף איר אייגענעם באשאף. ביי אָט אזעלכע געדאנקען איז זי באפאלן א מורא, א פּחד, א שרעקלעכער אומרו. איר פּיין האָט זי פאר עסקון נישט געקאָנט מער פארהוילן. זי האָט געמוזט טיילן אירע גרויזאמע ליידן מיט אים. זיי זענען זיינע ווי אירע; דאָס באשעפעניש וואָס קיינער קאָן נישט זען און וועלכס פילן קאָן נאָר זי, טראָגט אין זיך ביידע, זייערע אָנאָטעמדיקע נעכט, זייער שוועבן אין א וועלט פון סאמע ליכט און דאָ שטייט א שווארצער שאָטן מיט א בלאנקער שווערד, דער פּסק־דין איז אָנגעשריבן, געחתמעט, מע דאַרף נאָר לייגן דעם זיגל.

„דו זעסט מיין טרויער, מעכל, פילסט מיין ווייטיק, פארשטייסט מיין קומער און שווייגסט. די שפּראך פון טויטע און לעבעדיקע איז ווייזט אוים די זעלבע ..."

זינט א פאָר וואָכן באווייזט זיך אָפט אין מאשטאָפאָל א מאָדנער יונגערמאַן. א זעלנער און נישט קיין זעלנער. זיין אוניפאָרם איז פון א בעסערן געוואנט ווי א פּשוט זעלנערישע, כמעט ווי פון איינעם וואָס וואָלט געדארפט טראָגן א טשין. קיין טשין האָט ער נישט. צומאָל קומט ער אויף דער קאָמענדאטור, מעלדעט זיך צום מאיאָר וואסילעסקו מיט וועלכן ער פארברענגט א לענגערע צייט. זיין אויסזע איז א יידישער, כאָטש אין רומענישן מיליטער זענען קיין יידן נישט פאראן. אים האָט וואסילעסקו אָנפארטרויט זיין סוד. אפשר דערפאר ווייל דער יונגערמאן טראָגט מיט זיך א וועלט מיט סודות. דער יונגערמאן האָט געזאָגט נישט מער ווי: מ'עט זען. ווען וואסילעסקו איז צוגעשטאנען, געפּרואווט געוויינען זיינס דורך אָנבאָטן א פּרייז, האָט דער יונגערמאן געענטפערט מיט א צי פון די אקסלען, ווי איינער רעדט: כ'וויים, אָבער מער איז נישטאָ וואָס צו זאָגן. צוגעזאָגט האָט ער צו טאָן אלץ כדי דעם מאיאָרס בקשה זאָל מען נעמען אין אכט און אויב סע וועט זיין מיגלעך, אויסגעפּולט ווערן וואָס ניכער, אין דער קורצסטער צייט.

נישט ווייט פון מאשטאָפאָל איז פאראן א לאגער, דאָרט געפינען זיך יידישע געפאנגענע. די געפאנגענע האָבן א ספּעציעלן רעזשים, זיי זענען פּאָליטישע. דאָרט זענען אויך פאראן דאָקטוירים. פון דאָרט האָט וואסילעסקו געוואָלט אראָפּברענגען צוויי דאָקטוירים און וועגן דעם האָט ער פארהאנדלט מיט דעם מאָדנעם יונגערמאן. נאָר זיי האָט ער געוואָלט אָנפארטרויען ציפּען, צו זיי וועט זי האָבן מער צוטרוי. זי לאָזן מיטן קינד האָט ער געהאלטן איז אויסגעשלאָסן.

וואָס קאָן דערוואַרטן אַזאַ קינד? און וואָס קאָן דערוואַרטן ציפּען מיט אַן אײי־ביקן עדות ווענן איר חברן זיך מיט אַ פּײנטלעכן אָפּיציר? דאָס טאָר ער נישט און קאָן נישט צולאָזן. סוף כל סוף האָט ער איבערצײַגט ציפּען.

— „כ׳וועל מוזן אָפּטרעטן.

— און איך?

— דו וועסט נישט וועלן מיטגײן אפילו ווען איך זאָל דיך קאָנען מיטנעמען“.

ס׳איז געווען אַ זונטיקדיקער פרימאָרגן. פון אַזאַ שמועס וואָלט געדאַרפט אויסברעכן אַ שרעקלעכער צוזאַמענשטויס. נישט מיט היסטערישע געשרײען, נישט מיט וויינען אויף אַ קול. ניין, אַ פיל שאַרפערער — אַ צוזאַמענשטויס פון שנאה־בליקן; האָבן זיך אָבער קלויסטער־גלעקער איבער געשמועסט פרידלעך, געשפּרייט שלום־קלאַנגען איבער אַ בלוטפאַרגיסנדיקער וועלט און זיי האָבן זיך ווידער פאַרלוירן אײנער אין צווייטן מיטן געדאַנק אַז שוין פון אָנהייב איז זייער ליבע געווען ווי פון זומערפײנגעלעך: אַן אײנטאָגיקע.

... די דאָקטוירים זענען געקומען באַגלייטע פון אַ סאָלדאַט. אָפּגעפירט האָט מען זיי אין אַ שטוב אויסער דעם געטאָ.

— אַלצדינג האָט ער נאָכגעגעבן.

זיי האָבן געבונדן ציפּען צום טיש מיט פּשוטע שטריק.

— אַזוי ריזיקירן?! האָבן זיי זיך געוואונדערט און ציפּע האָט נישט פאַרשטאַנען ווער סע ריזיקירט, זי צי זיי.

— אפשר איז ער נישט תופס מיט וואָס דאָס שמעקט.

אין אירע ווײען האָט ציפּע נישט אויף זיך רחמנות באַקומען.

— וואָס הייסט נישט תופס זײַן?

פון איר האָט געגאָסן בלוט פון די דאָקטוירים ריקעס שוויס. זיך וואַשנדיק די הענט האָט דער זעלבער צוגעגעבן:

— ער ווייסט באַשייד און דאָך ריזיקירט ער.

— צוליב אַ יידיש מיידל? האָט נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין דער אַנדערער.

— ער קאָן ווייזט אויס נישט אַרויס פון זיך. פּשוט פאַרלאָזן, אָפּטרייבן מיט אַ „געַנוּג פאַרבראַכט“ איז ווייזט אויס נישט זײַן שניט.

— היינט צו טאָג דערלעדיקט מען אַזעלכע זאַכן פּשוטער.

ציפּע קוקט אַ רגע אויף מעכלען. ער זיצט נאָך אַלץ אויפן בענקל אַ שווייגנדיקער, ער וואַרט מיט געדולד אַזוי ווי זי האָט אים געבעטן, אַזוי ווי זי האָט געמיינט אַז סע וואָלט געזעסן איר פעטער משה און זי אויסגעהערט פון אָנהייב

ביז סוף. פון אלעף ביז תוו, כדי דער סוף זאָל קיין שאָטן נישט וואַרפן אויפן אָנהייב, ער זאָל אים נישט פאַרשוועכן.

„ניין, מעכל. פאַרשוועכן איז נישט ווערט, כ'שווער דיר ביים הייליקסטן אז ס'איז נישט ווערט. ריין און לויטער איז מיין געווּיסן. אויך זיינס, מיין עס־קום. קיין פּחד איז ער נישט. נישט מער ווי א מענטש. דאָס וואָס די דאָקטוירים האָט געוואונדערט, דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין איז דערפאַר ווייל די צייט איז געווען אזעלכע, א צייט ווען די פּשוטסטע מענטשלעכע געפילן האָבן אויסגעזען מאָדנע, אויסטערליש. פאַרוואָס זאָל ער געווען ריזיקירן ווען דער דעמלטיקער שכל־הישר האָט געזאָגט אז א יידיש מיידל וואָס געפינט זיך אין מיין לאַגע קאָן מען איינפאַך ליקווידירן און פּטור אן עסק. מיט דער צייט פאַרגעסט מען.“

ציפּעס בליק פאַרטשעפּעט זיך אין שפּיגל־קאַנט. אין דעם זעלבן אין וועלכן זונען־שטראַלן שפּיגלן זיך רעגנבויגנדיק. דער גרימאַס, דער ביטערער שמייכל בליעט אויף אירע ליפּן.

„אזא איז ווייזט אוים, מעכל טייערער, אונדזער יאָרהונדערט:
רעגנבויגן אויפן דאך
מיטן שכל האַלט עס שוואך“.

*

„ווי מיינסטו מעכל, מייניקע ווען זיי וועלן קומען, דאָס האַרץ גייט אוים זיי זאָלן שוין קומען, וועלן דאָס קאָנען פאַרשטיין?“

מיין האלב-שעהדיקער פאלאץ

אָפט, זייער אָפט פארבענקט זיך שמואל נאָך זיין האלב-שעהדיקן פאלאץ. אין יענעם פאלאץ איז מען געלעגן צעוואָרפענע, פרייע, אָן זאָרגן, גליקלעכע. וואָס מער יענע צייט בלייבט ארונטער, וואָס מער זי ווערט פארגאנגענהייט אלץ אָפטער בענקט זיך אים נאָך איר. געשעט, נאָך האלבער נאכט, ער גייט שלאָפן, ווייל ס'איז צייט. ציט זיך אוים מיט דער גאנצער לענג אין באקוועמען בעט, אונטער א הויכער סטעליע אין א רחבותדיק צימער, דערטראָגט זיך פון גאס א קלאפּ פון א טיר, דאָס אָנפירן פון א מאָטאָר, באפאלט אים אן אומרו, א שרעק, א מורא, ווען מיינט דער קלאפּ נאָך חצות, וואָס דארף באטייטן דאָס מאָטאָרגעשאָס ווען אלע פענצטער זענען פינצטער און אלע גאסן פוסט? דעמלט ווערט די בענקשאפט נאָך דעם האלב-שעהדיקן פאלאץ שטארקער, כמעט קיין בענקשאפט נאָר א גארן פון א חיה נאָך דער נאָרע, נאָך א באהעלטעניש, ווען א טשאטע יעגער-הינט יאָגן זיך נאָך איר.

ס'איז געשען די ערד זאָל זיך א וועלב טאָן, צעכוואליען און פארקילט ווערן, יאָגן עד היום די כוואליעס פארגליווערטע — אן אייביקער אימפּעט פון אוים-טערליש פאָרעמדיקע בערג באדעקטע מיט שיטערע וועלדער. א לאנגע צייט האָט שמואל געמיינט אז די טאָפּאָליע רופט זיך סאָסנע און פארקערט. אצינד ווייסט ער באשייד אז ס'איז נישט אזוי, אז נאָר זיין צוגאנג צום ארום, זיין אויבערפלעכלעכקייט אין באציאונג צו דער נאטור האָט געקאָנט פירן צו אזא גראָבן פעלער, אזא שרעקלעכן טעות; אז דאָס הייסט באליידיקן די יצירה און ווער ווייסט צי דאָס וועט אים אמאָל פארגיבן ווערן. אצינד ווייסט ער אז א טאָ-פּאָליע געהערט צום מין דערציילער. דעם גאנצן טאָג דערציילט זי מעשהלעך, באוועגט אָן אויפהער די קליינע בלעטלעך ווייזנדיק דער זון אָט איין זייט, א גלאנציקע, א גלאטע, אָט די צווייטע אן עטוואָס באוואקסענע מיט א ווייכן מאָך ווי א דרייצן יעריק ייִנגעלעס בעקעלע. זי באוועגט די בלעטלעך מיט א קוים-

קוים נעפּליסטער, דערציילט וועגן סוד פון אייביקייט און דערציילנדיק הייבט זי זיך העכער און העכער כמעט ביז צום הימל באַרירן. וואָס העכער זי וואַקסט אַלץ אייביקייטס-סודותפולער ווערן אירע מעשהלעך וואָס זי האַלט אין איין דערציילן. ס׳ע זענען מעשהלעך אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, אָפּגעריסענע שטיקער פון אין סוף, פון אַ מיט איר אָפּטימיזם באַדרוקנדיקע אומענדלעכקייט. אַנדערש די סאָסנע. שפּיציק אויבן, ברייט אונטן, נאַרישלעך ווי אַ היטל צוקער צי גאָר ווי אַן עטוואָס איבערגעוואַקסענע כלה-מויד וואָס וואַרט מיט אַלע צווייגן אויף אַ חתן וואָס וויל זיך נישט באַווייזן. קיין סודות האָט זי נישט, אַלץ איז קלאָר, שטענדיק גרין, אייביק לאַקריץ. ווייסט נישט אַז דאָס יאָר קאָן געטיילט ווערן אויף פירטלען, נישטאָ קיין פרילינג, נישטאָ קיין אָסיען, הוילע ווינטער. צייט איז אַ פאַרגליווערניש אַזעלעכס אָן אייביק גרינס.

אַצינד ווען ער ווייסט שוין באַשייד וואָס ס׳איז אַזוינס אַ סאָסנע און ווי אַזוי ס׳ע זעט אויס אַ טאָפּאָליע, ספּקט ער צי זיין אָפּשאַצונג איז אַ ריכטיקע צי זינדיקט ער נישט ווידער אָפּגיבנדיק מער כבוד דער טאָפּאָליע. זענען דאָך פאַראַן סאָסנעס הויכע קורצקליידלדיקע און אַנדערע נידעריקע, געדיכט באַוואַקסענע וועלכע באַהאַלטן צווישן זייערע צווייגן גאַנצע שטיקער נאַכט באַלויכטענע פון גליווערעמלעך-שיינוואַרפער. די באַן לויפט, שטאָק-חושך וואַרפט אָן אַ שרעק, גלייך מע וואָלט יאָגן אין אָפּגערונט, רויעט אַ וואָלקן זילבערנע שפּילקעפּיילן, לויכטן אויף די שיינוואַרפער און דאָס לעבן ווערט ליבערשט, דער אָפּגרונט באַקומט אַ דנאָ. ניין, באַרעדן די סאָסנע טאָר מען נישט. אַזאַ זינד קאָן צומאָל נישט פאַרגיבן ווערן. אַ טאָפּאָליע איז נישט מער ווי אַ טאָפּאָליע. שטייט ווי אַ לולב, דאַר און הויך און שמעקט נאָך רויך. אָדער נאָך גאָרנישט. אַנדערש אַ סאָסנע, זי שפּרייט אין אַרום מחיהדיקע ריחות, שיכורט די וועלט מיט רעזינגערוך, מיט גאָלדענעם האָניק-באַלזאַם.

דערפער און שטעט ליגן ווייט מיט אַלע זייערע טועכצן, מיט אַלע זייערע מלאכות, מיט בויען און פּאַשען, זייען און שניידן, גיין אין בית התפילות, זיך פרייען מיט געבורט און טרויערן נאָך אַוועקגעגאַנגענע. אַ פאַרשידנאַרטיקער טרויער: צומאָל אַ ראַשיקער, פול געשריי און יאָמער, אַ ווילד צעפּאַטלטער, צומאָל אַ שטילער ווערבע-טרויער, געבויגענע צווייגן וואָס שעפּטשען אָן אויפהער על נהרות בבל.

שמואל כאַפּט זיך אַז אַ לעבן לאַנג איז ער געווען אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, ביי געווען, מיטגעפילט, אָבער קיין מאָל אַריינגעטאָן אין די געשעענישן, קיין מאָל איינגעטונקען, גלייך זיין גאַנץ וועזן וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ פּאַנצער, אָדער גאָר געשמירט מיט אַ זאַלב אַזאַ וואָס לאָזט נישט צו צו זיך אַזוי

ווי קאטשקע פעדערן. שווימען אריבער דעם טייך און בלייבן טרוקענע. דריי מאָל אונטערגעטינקען דאָס קעפּל, יעדעס מאָל געכאַפּט א פרעשל און אָנגעקומען אויף דער אנדערער זייט טייך, איז נישט מער ווי א טרייסל מיטן הינטן און מאַק-מאַק.

פארכאַפּן אים אַזעלכע געדאנקען בענקט ער נאָך מער נאָך דעם האַלב-שעהדיקן פּאַלאַץ, נאָך יענעם טאָג ווען זיי זענען געליגן צעוואָרפענע, פרייע, אָן זאָרגן, גליקלעכע.

שווער מיט דער פארפרעמדקייט, שרעקלעך שווער. געווען אין טעאַטער, געזען א פאָרשטעלונג; ניין, נישט אמת, נישט נאָר געזען, נאָר מיטגעלעבט יעדן ראָל, זיך געפרייט מיט יעדן פערזאָנאַזש, געוויינט ווען ס'האָט געטראָפן אן אומגליק, מיטגעטאַנצט אויף א חתונה, געווען דאכט זיך אין סאמע צענטער. ארויס פון זאַל האָט עס גענומען אן ענדע. ווידער אליין. ווידער פרעמד. ווידער זייטיק. און נישט נאָר ער, נאָר אויך דער שוישפּילער, דער אַקטיאָר, דאכט זיך צוזאמען געוואַקסן, צוזאמען געליטן, צוזאמען זיך געצייטיקט. פאַלט דער פאָרהאַנג איז מען ווילד פרעמדע, אַזוי פרעמד אַז עס נעמט אָן א גרעסער רחמנות אויף יענעמס פארפרעמדקייט, אויף יענעמס איינזאמקייט, מער ווי אויף דער אייגענער.

שטעט און דערפער זענען ווייט, ערגעץ אויף יענער זייט בערג, באַהאַלטענע אין טאָלן, פארוואָרפענע אויף ברייטע סטעפּעס. דאָרט גיבן זיך מענטשן אָפּ מיט זייערע טועכצן, מיט שלום-טועכצן. מיט אָט די טועכצן לעבן די מענטשן. אַזוי זעט עס אויס פון ווייטנס, פון אויבן-אויף. קוקט מען זיך איין איז עס נישט פּינקטלעך אַזוי און דאָס דערפאר ווייל אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָט זיך אריינגעפלאָכטן א מיט אומרו פארסמטער פאָדעם וואָס נאָגט און פרעסט. די בייטש הייבט זיך א פריילעכע — צום קנאַלן, פאַלן פאַלט זי א בייזע, א פארביטערטע. און דאָס נאָר דערפאר ווייל פון די בערג, פון די פארגליווערטע מיט שיטערע וועלדער באַדעקטע כוואַליעס בלאָזט א נישט-שלום-ווינט. אויף די בערג פירט מען קריג, אן אומענדלעכע מלחמה מיט אַלט געווער, מיט פארזשאַווערטע באַגנעטן, מיט צעריסענע אוניפאָרמעס.

אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אויסגעמאָגערטע, מיט בלוטיקע פיס, מיט טיף אין די אויגן-לעכער פארקראָכענע אויגן, אויסגעהונגערטע יאַוועט זיך די זין פון שטעט און דערפער, נישט מער ווי אויף א מינוט, איבערכאַפּן דעם אָטעם. נאָך זייער גיין, נאָך זייער פארשוואונדן אין די בערג בלייבט הענגען איבער שטעט און דערפער א פראַגע: ווי לאַנג קאָן ברענען אין אויגן-לעכער דאָס גרויזאמע פייער פון הארטנעקיגען גלויבן אין שנאה? די שנאה ברענט, ציט א פאר-

פלאָנטערטע גרענעץ צווישן פייטנלעכע און נישט פייטלעכע פראָגטן, ווייסט מען קוים ווער וועמען ס'האָט ארומגערינגעלט, ווער וועמען סע וועט נעמען אין געפאנגענשאפט, ווער וועט פארטיליקן וועמען. אפשר ווייסן עפּעס מער די וועלכע געפינען זיך ערגעץ ווייט, ווייט אויף יענער זייט בערג, אפשר פארשטייען זיי עפּעס מער פון דעם געפלאָנטער, אפשר איז גאָר דער געפלאָנטער זייער לעבנס-באדינגונג. אָבער וועגן דעם טראכט מען נישט. מעגלעך ווייל אויך זייער לעבנס-באדינגונג איז געוואָרן דער פארפלאָנטערטער קנויל, די אומבאשטימטקייט פון גרענעצן.

א ווינטעלע האָט א בלאָז געטאָן שפּילעוודיק. דער פוך איז ארוים פון דער באָבעם זיפּ און געפאָלן פאמעלעך ביז ער האָט צוגעדעקט די שטאָט מיט שנייאיקע תכריכים. נישט מעגלעך זיך צו דערשלאָגן ביז דעם נאָענטן געוועלב. ברויט מוז מען האָבן, אָן ברויט ... פרעגט ביאפרא, פרעגט א דריטל איינוואוינער פון ערד-קיילעך. זיי ווייסן באשייד ווי אזוי סע זעט אויס אָן ברויט. אויך שמואל ווייסט, אָבער אנדערש ...

קיין שאָרך, קיין פּיפּס, כמעט קיין געדאנק. דער געדאנק קאָן זיך פארגנבענען דורך דעם רער פון ביקס, אוועק איבערן טאָל, פארקריכן אויף א בארגשפּיץ פארראטן די אָנוועזנדיקייט דאָ. אזוי א טאָג, אזוי צוויי און נאָך מער. געשעט דער פייף פון א קויל זאָל באגעגענען א האַרץ אָדער א שלייף, איז מען מקבר אויפן פּלאַץ. א נישט זייער טיף גריבל צוגעדעקט מיט נאכטיקע בליקן, מיט שאָקלען די קעפּ און א וואָרף טאָן דריי שפּיציקע שטיינדלעך. דעמלט קריכן די געדאנקען אויף צוריק. פאלן איין כל ערליי אבסורדן, דרייען דאָס בגד אויף דער לינקער זייט, ווערט אַלץ אונטערשלאקיג, באקומט א געפעלשעוועטן גלאנץ. דעמלט איז שמואלן געקומען אויפן רעיון אז ליבע מיינט איינעם, ליב האָט מען נאָר זיך, מקריב איז מען זיך אויפן אייגענעם מזבח, דענקמעלער שטייען אויף שוואכע פּיעדעסטאלן. דעמלט איז אים איינגעפאלן אז אפשר האָט ער פארפעלט דאָס פּשוטסטע, דאָס טאָג-טעגלעכסטע. פארבראכט א צייט אין שכנות מיט תנאים און זיך נישט געכאפּט אז א גרויסע טייל פון זייער וועזן האָבן זיי אָפּגעגעבן אויף הילן תאוה און ליידנשאפט אין כמארע. זיי האָבן זיך נישט באגנוגט מיט קערפּערלעכער, מיט איינפאכער גוף באהעפטונג. זיי האָבן געוואָלט די באהעפטעניש זאָל זיין אויך א נשמהדיקע און אפשר דערפאר אויסגעהאנגען די מוטער-שייד אויף פּרוכתן. ער האָט דערפילט דעם אָרגאזם פון א פּרוש, אָבער נאָר א רגע. איבערגעשלאָגן האָט דער רוף צו גראָבן טשאוואָלאס. דאָס זענען אזעלכע ערד-אלקערם (מיט יאָרן שפּעטער וועט ער דאָס רופן זעמליאנקע), פון צווייגן אויפגעשטעלטעביידלעך אין וועלכע נישט געוואשענע פאסטוכער

פארברענגען דעם גאנצן זומער אין שווערן געשטאַנק פון נישט געגאַרבטע פעלצן, פון איינגענעם שוויס, פון שאָפּס־מיסט און זויערער מילך. אין אזעלכע טשאַ־וואָלאָס ווערן זיך סאָלדאַטן זומער קעגן רעגנס און ווינטער קעגן זאַווערוכעס. דער באַפעל צו גראָבן אָדער אויפשטעלן טשאַוואָלאָס איז געקומען ווייל נאָר אזוי האָט מען געקאָנט איבערצייגן סאָלדאַטן אז דער באַרג־שפּיץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א היים אין וועלכער מע וועט פאַרברענגען א לאַנגע צייט, אז ס'איז אן ענדע צום בלאָנדזשען פון איין באַרג צום צווייטן, אז דער זיג ליגט אין דער טיפקייט פון ערד־אַלקער. האָט מען געגראָבן מיט פליס, מיט דער האָ־פענונג אז דאָס מאָל איז נישט ווי יעדעס מאָל, אז דאָס מאָל איז עס אפשר אויף מער ווי איין נאַכט.

ליוווערטאס גראָבט נישט. א נישט־גראָבנדיקע וועלט־אַנשויאונג ביי אים. אייביק לעבט מען נישט. דאָס איז אים געבליבן פון אנאַרכיסטישן וואַוויוועץ איבער קליינשטעטלדיקע געסלעך. אזוי בעת ער איז געווען א האַלב־דערוואַקסע־נער, אזוי ווען ער האָט געקאַרטשעוועט קאָרקי־וואָרצלען אויף קאַטאַלאַנישע סאַפּקעס. קאַמיש קומט אים אויס וואָס העגט וועלכע האָבן קיינמאָל נישט גע־האַלטן א קירקע אָדער א לאָפּעטע גראָבן מיט אזא ברען. דער שוויים גיסט רי־קעסווייז אָבער א שטיינדל פון אָרט רירן זיי נישט. ס'איז עפּעס א ווילד קראַצן, א נאַריש קיצלען דעם פעלדז. וואָלט דער פעלדז נישט זיין אזוי שטיינערדיק, וואָלט ער שוין אַנגעהויבן קאַטשען זיך פאַר געלעכטער. זיי האָבן ווייזט אויס נישט אָנגעטראָפן דאָס ריכטיקע אָרט. קיצלען קיצלט מען אונטער דעם אָרעם. אזוי וויל זיך ליוווערטאסן א ווערטל טאָן, אָבער זאָגן, זאָגט ער גאָרנישט. דאָס אויך דערפאַר ווייל ער קען זיי ביידע. ער ווייסט אז זיי זענען געטריי זייער גראָבנדיקער אַנשויאונג, זיי זענען איבערצייגט אז דערמיט, מיט אָט דעם גראָבן, קאָן מען און מע וועט איבעראַנדערשן א וועלט. פרעמדע אַנשויאונגען נעמט ליוווערטאס אויף מיט א באַזונדער פאַרשטענדעניש, איבערהויפּט ווען ער איז זיכער אז זיי זענען אויפריכטיקע. ביי אים איז אויפריכטיקייט מער ווי חכמה, מער ווי די אַנשויאונג, קוקט ער א צייט ווי זיי גראָבן אָן שפּאָר, וואַרפט אראָפּ דעם פּידזשאַק, נעמט די קירקע, א קלאַפּ רעכטס, א קלאַפּ לינקס און שוין קומט זיין באַפעל — ליוווערטאס קאָן אָפּגעבן באַפעלן נאָר ווען ס'איז די רייד פון קאָרטשעווען פּניאַקעס אָדער רירן שטיינער — וואָס שטייט איר צעטומעלטע? נעמט די לאָפּעטע און רייניקט אוועק די ערד. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די שענסטע פון אַלע טשאַוואָלאָס איז געשטאַנען א פּאַרטיק אויסגעבעטע מיט סאָסנע צווייגן, גרייט אויפצונעמען געסט, ווי אַן אמתר פּאַלאַץ.

זענען זיי אין אים געלינגן פרייע, צעוואָרפּענע, אָן זאָרגן, נאָר ער שמואל האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם מיין פון גרויסער חברשאַפט; ווי אַזוי האָט יהונתן מוותר געווען אויף דער קרוין, אוועקגעשענקט זי דודן אָן פּרעטענזיעס, געוואָלט נישט מער ווי פריינטשאַפט. זאָל דאָס טאַקע געווען זיין אהבה שאינה תלויה בדבר פון ביידע צדדים? קאָן מען נישט אַמאָל חושד זיין, חס וחלילה, דעם הייליקן דוד אין צביעות? זאָל מעגלעך זיין ער זאָל געווען זיין אַ צבועק? יהוגתן נישט, אים קאָן מען נישט חושד זיין, פּונקט אַזוי ווי מ'האָט נישט געקאָנט חושד זיין אין צביעות מאַטעסלען פון באַיאַן דעמלט ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון חזקה.

אויך ליוווערסן איז אין גאַרנישט חושד צו זיין.

אָפּט, זייער אָפּט פאַרבענקט זיך שמואלן נאָך דעם האַלב-שעהדיקן פּאַלאַץ. אָנגעהאַלטן האָט עס נישט מער ווי אַ האַלבע שעה ביז ס'איז געקומען דער באַפעל: ווייטער גיין! האָט מען ווידער געבלאָנדזשעט איבער שטיינערדיקע בערג באַדעקטע מיט שיטערע סאָסנע וועלדער.

דערטראָגט זיך פון גאָס אַ קלאַפּ פון אַ טיר, דאָס אַנלאָזן פון אַ מאָטאָר, פאַרשווינדט דער פּאַלאַץ, ווערט נעלם ליווערסט, בלייבט נאָר אַן אומרו, אַן אומבאַשטימטע שרעק...

חבר מילנער

כ׳בין מקנא די ביי וועלכע די זון איז שטענדיק א פריילעכע, דאָס ווינטע־לע לאַסקעוועט, בערג וואַקסן כדי אונטערצושפּאַרן דעם הימל, ביימער גרינען פייגעלעך זאָלן זינגען שירה, מע לעבט אין א שטענדיקן גן־עדן. הונגעריקע קרעציקע און דאָרשטיקע זענען געשפּענסטן, א נישט ווירקלעכקייט אזא באַשאַפן צוליב בעלי־צדקה וואָס שטייען גרייט מיט בערשטלעך צום קראַצן די וואונדן, גרייט אונטערצוטראָגן א קאַלטן טרינק וואַסער, א וואַרעם ייִכל צום דערקוויקן געפּייניקטע גופים און געקווײלטע נשמות.

אז וואויל איז זיי.

*

א פּוילער ווינט קריכט איבער די גאַסן, קלעפּט צו שוואַרצע שטיינער און גרויע ווענט, דרינגט מיט פּליים אין די ביינער. גיט ער זיך שוין יאָ א ריר, איז עס אין א קרייזעלע, א פּיצל רעדעלע, הייבט קוים אויף א פּאַרפּוילט בלעטל און טוט עס כלאחר יד, גלייכגילטיק ,א וואַרף ווי א נאַסע שמאַטע, גלייך אין פּנים. ווייניק זיך שלעפּן איבער דער גאַס איינגעשרומפּן, געבויגן אין דרייען, איז נאַ דיר א צוגאָב — א כראַקע אין פּנים.

איך ווייס נישט צי דער ווינט איז די סבה, צי גאָר מיין צעבראָכענער מצב רוח, מיין שטימונג הייסט עס, כ׳ווייס נאָר אז היינט איז מיר אַלעם קאַפּויר, אַלץ מיטן הינטן אַרויף, אָדער איידעלער געזאָגט מיטן קאָפּ אַראָפּ. כאָטש ווער דאַרף זי די איידלקייט, וועמען פעלט זי?

אָנגעהויבן האָט עס דאָס מאָל אינדערפרי אין קלוב. מיר האָבן אן אייגענעם קלוב. שוין א יאָר פערציק זינט כ׳בין מיטגליד פון אָט דעם קלוב. אין שטאָט זענען פאַראַן א סך אַזעלכע קלובן, לויט דער פּראָפעסיע, לויט דער אַרבעט וואָס מע טוט אויף צו מאַכן פון לעבן א לעבן, אָדער לויט דעם קוואַרטאַל אין

זועלכן מע פירט אדורך דאָס לעבן, אָדער דאָס וואָס געבליבן דערפון, ווייל די מערהייט מיטגלידער פון די קוואַרטאַל־קלובן זענען פּענסיאָנערן, מענטשן זואָס לעבן פון דעם וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער אָפּגעטאָן אַמאָל, אין פריערדיקע צייטן. אזעלכע קלובן זענען פאראן א היבשע צאָל. אונדזערער איז א באַזונדערער, א מפנימעדיקער, אָדער ווי אנדערע זאָגן — און ס'איז שווער צו וויסן צי ערנסט אָדער מיט א טראָפּעלע חוזק — א לעילאָ־דלעילאָדיקער, שמן זית זך, הוילע סמעטענע. אפשר דערפאר זאָגט איינער א באַקאַנטער מיינער, א וויצלינג, א האַלבער לץ אזא, וועגן די דאַמען פון אונדזער קלוב אז זיי זענען „בוימל־פּישערינס". אוודאי איז שווער צו זאָגן אז דער אויסדרוק איז זייער איידעלער, ס'איז אָבער אויך שווער צו לייקענען אז אין א סך פאַלן איז ער א טרעפלעכער; מע מוז צוגיבן אז ס'איז א פּלאַסטישער אופן פון כאַראַקטעריזירן א געוויסן סאָרט דאַמען.

ווייניק, זייער ווייניק איז געבליבן פון זייער אַמאָל. מיניסטאָרשעס, אַקטריצעס, פרויען פון געוועזענע הויכע אָפיצירן און טאַקע די אָפיצירן אליין, פרויען פון שופטים אָדער אליין געוועזענע ריכטערנס, גענעראַל־דיקעקטאָרשעס, סעקרעטאַרשעס פון זייער־זייער־הויכגעשטעלטע־אָנגעשטעלטע, אַלע געוועזענע. היינט זענען זיי עלטערע ווייבער. צו דער פאַרזאַמלונג גרייט מען זיך אויך איצט, אָבער נישט ווי אַמאָל צו אויפנעמעניש, קאָקטיילן, טעג, טייען אָדער נאָך אַזעלכע געלעגנהייטן וועלכע זענען געבליבן טיף איינגעבאַקן. מע קוקט איבער טאַאַלעטן, הוטן, מיט א קרעבץ אָדער מיט א ביטערלעך זיפצעלע, מע לייגט אוועק טיף דעקאָלטירטע קליידער, סע וויל זיך נישט באַווייזן די הויט און ביינער — זיי זענען פאַרוויאַנעט. הוץ דעם וואָלט עס געקאָנט אויסזען נישט באַנעמען. ביי א טייל פון די אָנוועזנדיקע ציטערט א האַנט, דער קאָפּ צי גאָר דער גאַנצער קערפּער אין וועלכן ס'האָט זיך באַזעצט א מיאוסער פּאַרקינסאָן, אָנגעשוואָלענע העלדזער, אויסגעשטאַרצטע אויגן פון באַזידאָוו. ניין, אויף די אַלע קליידער מוז מען מותר זיין, העכסטנס א שפּיצן־קעלנערל אויף א טונקל־פאַרביק באַשיידן קלייד. שפּיצן־קעלנערלעך דערמאָנען אַן אַנדער אַמאָל ווען זיי, די מיניסטאָרשעס, גענעראַל־דירעקטאָרשעס, אָדער ריכטערנס האָבן קוים געחלומט זיין דאָס וואָס זיי זענען געווען, אַצינד רעדט מען וועגן צדקה, וועגן אָפּגעבן א טייל פון צייט פאַר יתומים, אָדער פאַר מענטשן וועלכע מוזן נעבעך פאַרברענגען זייערע לעצטע יאָרן, זייערע געציילטע טעג אין הייזער פאַר אַלטע און ווי גוט די באַדינגונגען זאָלן נישט זיין נייטיקן זיי זיך זייער אין אַביסעלע וואַרעמקייט. (ביים וואָרט וואַרעמקייט פּרואווט די ברוסט א שוועל טאָן און פאַלט צוריק א ליידיקזעקלדיקע). העלפן די אַלטע לייט אַרויסטראָגן זייער שוואַכקייט אויף

דער זון, א קוק טאָן אויפן בלויען הימל. מע דערציילט זיך ווי אזוי דאָ נישט לאַנג האָבן די איינציקלעך פון אונדזערע קלוב-דאַמען אונטערגעטראָגן אַזאַן אומבאַהאָלפענעם א בלום. אין די אַלטע אויגן האָט זיך באַוויזן א טרער וועלכע ער האָט נעבעך נישט געקאָנט אויסווישן. א טרער פון פרייד און אָנערקענונג וועלכע מע קאָן נישט אויסווישן רירט אפילו א שטיין. אָט אזוי זעען אויס די פאַרזאַמלונגען אין אונדזער קלוב.

איז, ווי געזאָגט, האָט עס אָנגעהויבן אינדערפרי אין קלוב. אזוי פירט זיך ביי אונדז, די פאַרזאַמלונגען האַלטן מיר אָפּ אינדערפרי. געקומען, א שמועס געטאָן וועגן דעם און יענעם, אָפּגעגעבן דעם מיטגלידטס-איינטראָג און זייט מיר געזונט. ווער סע איילט צום אייניקל, ווער אין מאַרק שטיין א פּאָר שעה אין דער רייע, ווער אהיים אין קיך אָדער זיך אוועקזעצן אָפּרוען פון דער אָנשטרענגונג אין פּאָטעל און טראַכטן צו דעם וואָס געשען און וואָס געזען אין קלוב. אַלעם איבערטראַכטן, אַלץ איבערקייען און פּאַמעלעך, געלאַסן, נישט געשטערט אַלע-מען באַרעדן אין געדאַנק. ווייזט אויס דערפאַר קוקט אזוי די גאַנצע צייט א טייל פון די פאַרזאַמלטע צו די אַנדערע, פירט דעם בליק איבער אַלע בענקלעך, שטעלט זיך אָפּ אויף איינעם מער אויף איינעם ווייניקער, אָפּהענגיק פון דעם צי האָט מען נאָך עפּעס צו דערגיין, צו דערגרונטעוועןן, צו אַנטדעקן אויף די שרעק-לעך פאַרשלאָסענע שטערנס, אָדער אַלץ איז שוין לאַנג קלאָר. זוכט א שטריך, אַן אויסדרוק, א תנועה וועלכע מע וואָלט געקאָנט אויסטייטשן, פאַרגעדענקען, ווייל אויסטייטשן וועט מען שפּעטער, אין דער היים אויפן פּאָטעל, ווען מע וועט באַרעדן געלאַסן, מיט צייט, אין געדאַנק, מיט זיך אַליין, נישט געשטערט פון קיינעם.

מיט זיך אַליין, ווייל די מערהייט זענען זינט לאַנג אַליינגעבליבענע וועלכע האָבן נישט מיט וועמען א וואָרט אַרויסצורעדן, סיידן מיט די ווענט, מיטן מעבל, אָדער גאָר מיטן וואָלף וואָס וואויעט אין קוימען.

הייגט האָבן מיר באַשטימט א נייעם מיטגליד אין דער קלוב-פאַרוואַלטונג. איינער איז אוועקגעגאַנגען אין דער אייביקער רו האָט מען געדאַרפט קלייבן א נייעם. האָבן מיר זיך לאַנגזאַם, סע זאָל חס וחלילה ביי עמעצן נישט ברעכן א ביין, אופגעהויבן, אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד דעם אוועקגעגאַנגעם מיט א גאַנצער מינוט שווייגן. לאַנג, זייער לאַנג איז א שווייג-מינוט. סע דאַכט זיך אז אין דער שווייג-מינוט קאָן מען נישט באַרעדן. איז עס א טעות, ס'איז נישט פּינקטלעך אזוי. אין אָט דער מינוט, בשעת אָט דעם שווייגעניש באַרעדט מען מער ווי אין א גאַנצער באַרעדעוודיקער שעה. מע טרייבערט סיי דעם אוועקגע-גאַנגענעם, סיי די געבליבענע מיט שרעקלעכער אכזריות. מיגלעך כ'בין זיך

טועה, אפשר בין איך נאָר אזא איינער וועלכן אין אזעלכע מאָמענטן קומען אויפן געדאַנק כל-ערליי אָפּטועכצן ... נאָך דעם האָט מען זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שמועסן וועגן קאנדידאט. דער שמועס איז אייגנטלעך געווען איבעריק ווייל קיין צווייטן קאנדידאט האָט קיינער נישט ארויסגעשטעלט; נאָר אזוי פירט זיך: שלאָגט מען עמעצן פאָר דארף מען זיך ארויסזאָגן.

דעם קאנדידאט קען איך ווייניק. אז ער איז א קרומער ווייסן אלע — מע זעט. באשטייט דאָך אָבער נישט א מענטש נאָר פון א פוס און דערצו א קרומען. מיר האָט זיך שטענדיק געדאכט אז ער איז א פארשלאָסענער, א שלעכטער, א פריקרע אזא. זיינע רעאגירונגען אויף די לויב-רייד מיט וועלכע די וואָרט-נעמער האָבן אים באשאָנקען האָבן גלייך ווי באשטעטיקט מיינע השערות. האָט אָבער גענומען דאָס וואָרט א דאמע וועלכע טיילט זיך אוים פון די איבעריקע מיט דעם וואָס זי טראָגט מיט ווערדע בעשיינפערלעכע רעשטלעך פון אן אמאָליקער שיינקייט. זי האָט געזאָגט: „כ׳דערמאָן מיך דעם טאָג ווען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט‘‘. זיך דערמאָנען דעם טאָג נאָך אזויפיל יאָרן איז א זאך פון סטיל, נישט פון פינקטלעכקייט. דאָס הייסט נישט מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק, דאָס הייסט אויך נישט דעם ערשטן אָדער צווייטן טאָג פון חודש. דאָס דארף הייסן אז אין זכרון איז געבליבן לעבעדיק דער פייזאזש, דער הימל, די פייגעלעך, דאָס קעצל וואָס איז איבערגעלאָפן דעם וועג און דאָס הארץ האָט א ציטער געטאָן ווייל אפשר א שווארצס. אזוי האָב איך מיר אויסגעלייגט מיין קאָמענטאר צום טאָג. „ס׳איז געווען מיט איבער פופציק יאָר צוריק. אויף דער ראָגאטקע ...‘‘ וואָס זי האָט געזאָגט ווייטער האָב איך נישט געהערט. ס׳האָט מיך פארכאפט דער פלוצימדיקער אויסדרוק אויף דעם זיבעציקער קאנדידאטס פנים. ווען מ׳האָט געזאָגט: דאָס וואָרט האָט די גנעדיקע פרוי ... האָט ער פארווארפן דעם קאָפּ אויף ארונטער, געוואָרן מיט א שטאָק העכער, אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אן אָנהייב פון א פייערל, א גרויסע פונק אזא. ווען איר קול האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן איבערן זאל האָבן זיך זיינע שטריכן פאמעלעך געביטן. פארשוואונדן די קנייטשן, די נאָז — א צעפלאָסענע פון עלטער — האָט באקומען קלאָרע קאָנטורן. א שיינע נאָז פון וועלכער סע וואקסט א הויכער שטערן און אונטער איר א וואונדערבארער בויגן. פון בויגן טריפט א שמייכל, בלייבט הענגען אין די מויל ווינקלען. דער גלאַנץ פון די אויגן ווערט מאט, אויפן אָרט פון פייערל א מילדע ליכט. ניין, מע טאָר זיך נישט טועה זיין, דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט עראָטישע דעראינערונגען, נישט מיט בענקשאפט נאָך א נישט דערפולטן באגער, ס׳איז פשוט אן אלטע פריינטשאפט צווישן צוויי מענטשן. א פריינטשאפט וועלכע נישט די צייט און נישט די קלובאמפערענישן איז נישט

געלונגען צו פארטונקלען, אָדער צו פארעלטערן. זי איז געבליבן א פרישע ווי דעמלט ווען זי איז געבוירן געוואָרן אויף דער ראָגאטקע וואו זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באגעגנט און ס׳איז באשטימט געוואָרן די פריינטשאפט זאָל זיין אן אייביקע.

דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי אזויפיל וויפל מ׳איז געשטאנען און געשענקט אביסעלע שווייגן דעם אוועקגעגאנגענעם און אויפן אָרט כ׳זאָל זען א לויטערן הימל אָנגעשפארט אויף די ווייסע קעפ פון הויכע בערג איז צו מיר דערגאנגען דאָס וואויען פון קאלטן ווינט.

ס׳איז א פארפאלענע זאך. די שלעכטעקייט ליגט ווייזט אוים אין מיר און זי אויסקארעניעווען איז שוין שפעט צי גאָר ארויסגעווארפענע ארבעט.

כ׳בין נישט געגאנגען אהיים, מיין אומוועג האָט געפירט איבערן מארק, קויפן עטלעכע מערלעך. א גרויסער ליבהאָבער פון מערן-צימעס בין איך. מערן העלפן צום געלויף פון די געבליטן. אזוי זאָגן די דאָקטוירים. נישט אלע, נאָר יענע וועלכע זענען נאָך געבליבן ביי דער שיטה. מערן האָב איך נישט געפונען. לעבן א שטעלעכל מיט שווארצע רעטעכער איז געשטאנען יאניקוש.

— רעטעכער פארקויפסטו, יאניקוש?

— האָסט א טעות, סע זענען נישט קיין רעטעכער, סע זענען קינדער-מעשה-לעך.

— וואָס פארא מעשהלעך דערציילן דיינע רעטעכער?

— אז וואָס פון דרויסן שווארץ קאָן זיין פון אינעווייניק ווייס.

— א פארפאלענער אָפּטימיסט ביסטו, יאניקוש.

— און דו?

— איך עלטער מיך. די ביינער...

— קלאָג נישט ברודער! דומאן זאָגט: כ׳ווער אלט טוט עס מיר אָן א גוואל-דאָווגע פרייד. ס׳א סימן איך לעב.

אמר רבא... ווער איז ער אָט דער דאָזיקער נייער רבא? וואָס זאָל ער געווען האָבן אויפגעטאָן סע זאָל אים קומען א „אמר“, אפילו ווען דאָס געזאָגטע איז נישט געזאָגט? האָב איך מיך געפרעגט און אויף דער מינוט זיך נישט געקענט דערמאָנען. ערשט שפעטער. נאָך דעם וואָס זיך אָפּגעזעגנט און פארלאָזט דאָס שטעלעכל, האָב איך זיך דערמאָנט. ס׳איז יאניקושס ברודער, דער האלבער חכם, דער אמאָליקער שומר, אָדער ווי מע פלעגט נאָך זאָגן, דער סטרוזש.

לאנגע יאָרן איז ער אָפּגעשטאנען ביי פשוטע טויערן, טויערן וואָס פירן אין צען מאָל צען שטאָקיגע הייזער אָדער אין קליינע פארזאָליעטע פאבריקלעך.

דאָרט האָט אים באַגעגנט די „אונטערערד“, אַן אומגעווײנטלעכע דערשײנונג אַזאַ. געשען איז עס אין דער צײַט וואָס ער איז געשטאַנען שמירה בײַ אַ ברײטן פֿון אײַזן געשמידטן טויער וועלכער האָט געפֿירט אין אַן אײן־שטאָקיק הויז מיט גרויסע פֿענצטער. צו דומאַנס אופֿן האָט געהערט אָפּהײבן דאָס שומר־היטל אָדער זיך ווירעדיק באַוועגן פֿאַר די אַרײַן־און־אַרויס־גײער. פֿלעגן פֿאַרבײַגײן מיט שטילע טריט, קוים די ערד באַרירנדיק, שמאָל־אַקסלדיקע דאַמען, פֿלעגט ער אָפּהײבן דאָס היטל, ער האָט געוואוסט אַז דאָס זענען אײדעלע, געלערנטע דאַמען וועלכע געבן זיך אָפּ מיט ענינים און סע קומט זײ אָפּגעבן כּבוד. אַזוי איז דאָס היטל־הײבן געוואָרן נישט נאָר אַ פּראָפֿעסיאָנאַלע פֿאַרפֿליכטונג נײַערט אויך אַ מין אַריבערטרעטן אַ שוועל אין היכל פֿון־פֿון. אויסגעקומען איז עס אים דאָך אַביסעלע מאָדנע. ער ווײסט פֿון דור־דורות אַז די אײבערהאַנט געהערט דעם מאַן, אַז מענער זענען די וואָס געבן זיך אָפּ מיט ענינים און דאָ אין שטאָט זעט עס צו מאָל אויס פֿאַרקערט.

די דאַמען האָבן אים אויסגעזען פֿרעמדע. נישט פֿון שטאָם צו וועלכן סע געהערן די מערהײט דאַמען פֿון שטאָט. שפּעטער, אַ צײַט נאָך דעם וואָס אײנע פֿון די דאַמען האָט אים געלאָזט רופֿן מכּלומערשט עפּעס פֿאַרריכטן, אָדער אָנהענגען אַ בילד אויף דער וואַנט, איז געהײסן זיצן, אויסגעפֿרעגט פֿון וואַנען ער קומט, ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ שומר, צי ער האָט קינדער און ווי סע גײט זײ דאָרט אויפֿן דאָרף; און דאָס צווײטע אָדער דריטע מאָל פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן זײַן און זײַנע קינדערס צוקונפֿט, האָט ער סוף כּל סוף פֿאַרשטאַנען אַז די דאַמע איז אַזעלכע וואָס זאָרגט פֿאַר דער וועלט. „אַ פֿײַנע דאַמע, האָט ער געטראַכט, טראָגט אַ גרויסן עול“. שפּעטער האָט אים געוואונדערט וויאַזוי טראָגט מען אַזאַ שווערן עול אויף אַזעלכע שמאָלע און שוואַכע אַקסלען? נאָך שפּעטער האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז זײ פֿירן זיך מיט אים ווי מיט זײערס גלײַכן און אײנציײַטיק אַז פֿון דעם קאָן שטאַמען זײער פֿרעמדקײט.

אַלס אַ גלײַכער צווישן גלײַכע האָט דומאַן אויסגעשריגן, ווען דער מאָמענט איז געקומען: מיר האָבן געזיגט! די וועלט איז אונדזערע! דעמלט האָט ער פֿאַרלאָזט די טויערן פֿון צען מאָל צען שטאָקיגע הײַזער אָדער פֿון קלײנע וואַרשטאַטן, ווײַל די זעלביקע דאַמע האָט אים אַוועקגעזעצט, אַלס אויטענטישער פֿאַרשטײער פֿון דער נײַער וועלט וועלכער עס געהערט דער גאַנצער נצחון און אַלע זײַנע פֿרוכטן בײַם שער החיים, בײַם סודותפֿולן טויער וואו עס ווערט באַשטימט ווער צום לעבן און ווער צום טויט.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די סודותפֿולקײט פֿון נײַעם טויער איז פֿאַר דומאַנען געוואָרן אַ זעלבספֿאַרשטענדלעכקײט. דאָס וואָס האָט געדאַרפֿט און

געמוזט געשען איז געשען. דאָס נאַטור־געזעץ, די פּריאָריטעט פון מאַן, האָט אויסגעשפּילט זיינס.

דומאַן האָט אָנגעהויבן געבן קאָרטן, ווייל אזוי דארף זיין. די דאַמען האָבן זיך ארויסגעוויזן, אלס פול־ספקותדיקע אינטעליגענטקעס. אויך יענע וועלכע האָט אים אַמאָל געלאָזט רופן. און דומאַן האָט געזאָגט: איר ביימראָג צום נצחון קאָן מען אין גאַנצן נישט אָפּלייקענען. אָבער א ביימראָג איז נישט מער ווי א ביי־טראָג און שעצן דארף מען אים אלס אזעלכען.

מענטשן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אייניקע האָבן אפילו געשעפּטשעט: הער נאָר א זאָג!

אַזוי איז פון דומאַנען געוואָרן א רבא.

נישט ווינדיק פון אמר רבא האָט יאניקוש גרוים הנאה ווען ער קאָן א ווארט טאָן: דומאַן זאָגט ... נישט אזוי ווייל ער האלט פון זיין ברודערס זאָגעכצן, מער דערפאר ווייל דאָס דערמאָנט אים אז זיין ברודער איז געווען און געבליבן א האלבער חכם און דאָך זיך ארויפגעארבעט צו אזא מדרגה.

ווער קאָן ווימן ווי ס׳האָבן אויסגעזען אנדערע הייליקע?

ב

זינגען פייגעלעך שירה ...

פארלאָזנדיק יאניקושן האָב איך אויף א רגע פארטריבן דעם ווינט, אויסגע־לייטערט דעם הימל, צוריקגעשטעלט די זון אויף איר אָרט, דאָרט פון וואנען זי שיינט ליבלעך און צערטלעך, די פייגעלעך שירה זינגען, האָט דאָך דאָס אלעס באמת ווערט א לאָך. אזוי אז ווען כ׳האָב דערזען אויפן ווינקל, נישט ווייט ביים ארויסגאנג פון ליידיקן מארק — אויף וועלכן דער איינציקער פארקויפער איז יאניקוש ווענעם רעטעכער סע זענען קיין רעטעכער נאָר גאָר קינדער־מעשה־לעך — אן אלטן, זייער אלטן באקאנטן, האָט מיר געדאכט אז כ׳האָב זיך דער־פרייט. האָב איך מיך צו אים א לאָז געטאָן מיט אלע לעבעדיקע כוחות וואָס פלימן אין מיינע פארהארטעוועטע אָדערן און כמעט אויסגעשריגען: „אָט שטייט ער דער אלטער קעמפער, דער מיט ערע און מעדאלן באלוינטער העלד!“

— ווען נישט דו, וואָלט איך געהאט נאָך מער ערע און נאָך מער מעדאלן, האָט מיין אלטער, זייער אלטער באקאנטער, א בריזגע געטאָן, און ס׳האָט אויס־געזען אז דער פוילער ווינט האָט זיך א ריר געטאָן, אויפגעהויבן אין ווירבל א פויל בלעטל און דאָס א ווארף געטאָן מיר אין פּנים עלעהיי א כראקע פון אן אלטן שיכור.

אוודאי איז מיין פול־פרייד אויסגעשריי אומגעלומפּערט. קיינער גלויבט אים נישט. קוים, קוים איך אליין. איבערהויפּט אצינד ...

נאָך רעטלאָווס זיבן ליגנס און ניין אויסטראַכטעניש האָט ער באמת קיין זין. אוויאַנען זענען נישטאָ, פון טאַנקן קאָן קיין ריידע נישט זיין, אפילו ביקסן קלעקן נישט פאַר אלע. רעטלאָווס זיבן ליגנס און ניין אויסטראַכטעניש מיינען עפּעס אנדערש. ער דערציילט מיט אַזאַ פּאַטאָס, מיט אַזאַ דונערדיקער שטימע וועגן דער אַנצאָל פּאַנצערס, קוילנוואַרפערס און אוויאַנען ווייל זיי זענען נישט פאַראַן, וואָלטן זיי געווען וואָלט דער שמועס קיין זין נישט געהאַט, וואָלט מען נישט געדאַרפט רעדן וועגן זיי. זענען זיי אָבער נישטאָ און ווידערשטיין דעם שונא — אַ פון קאָפּ ביז פוס באַוואָפנטן — קאָן מען נאָר ווען מ'האָט דעם נייטיקן כח-הדמיון, נאָר אויב מע קאָן זיך פאָרשטעלן אַז זיי זענען יאָ דאָ, זיך פאָרשטעלן ביז אַבסאָלוטער איבערצייגונג אַז זיי זענען דאָ אין אַנדערע פאָרמען, אַז מע לאָזט זיך נישט אין שלאַכט מיט ליידיקע הענט. קאָן מען זיך דאָס נישט פאָרשטעלן, גלייבט מען נישט אין ניסים, איז מען פון אָנהייב אַ פאַרפאַלענער...

און ראַטעווען מוז מען זיך...

אויף רעטלאָווס זיבן ליגנס און ניין אויסטראַכטעניש האָט דער אָנגעזאַמלטער המון געענטפערט מיט אַ געוואַלטיקן הוראַ און זיך געלאָזט אין שלאַכט כאָטש כמעט אלע האָבן געוואוסט אַז זיינע רייד זענען אַן אויסטראַכטעניש, אַ סאָרט כלב בן יפונה איינפאַל כדי אויף אַזאַ אופן נעמען דעם עולם, באַפליגלען זיינע פאָרשטעלונגען און פון טויזנט זאָלן בלייבן הונדערט. נאָר ער אליין, מיין אַלטער באַקאַנטער, איז שטיין געבליבן אַזאַ ווי איצינד, הויך און ברייט געוואַקסן דער שינעל האָט אויף אים געהאַנגען שמאַטעדיק און ס'האָט אים ווײ געטאָן ביז גאָר וואָס אַזאַ ברייטע וועגן מעדאַלן באַשאָפענע ברוסט קאָן אומקומען נאָך איידער מע וועט זיי, די מעדאַלן, אויף איר אָנהענגען. איז ער געשטאַנען אַ צו גרויסער אויף נישט באַמערקט צו ווערן, האָט נישט געשריגן הוראַ און נישט געפּליעסקעט, זיך נישט געלאָזט אין דער שלאַכט. אפשר האָט אים אונטערגעזאָגט אַ געדאַנק אַז אויב מע וויל און מע דאַרף זיך ציילן צווישן די הונדערט וואָס וועלן אפשר בלייבן לעבן, איז בעסער זיך פון פּלאַץ נישט רירן און אַ טיפער טרויער — אַ פיל טיפערער ווי איצינד — האָט זיך באַזעצט אין זיין בליק. ווען אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט האָט ער אַ צי געטאָן איבער דעם טרויער אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל. געדויערט האָט די באַגעגעניש נישט מער אַ ווי אַ טיילעכל פון אַ טיילעכל אָבער גענוג מע זאָל זיך דערמאָנען אין אַן אַנדער שמייכל. יענער האָט אָנגעהאַלטן מער, ווייל ער איז געווען אַ פריינטלעכער מיט אַ צוגאָב. עפּעס אַ נישט באַשטימטער צוגאָב אַזאַ וואָס האָט געקאָנט ווערן אַן אָנהויב פון, אויב נישט שנאה, איז פון אַ קילקייט, אַ מאָדנע קילקייט.

אויך דעמלט האָט זיך געשלעפּט איבער גאסן א פוילער נאסער ווינט. ער האָט נישט געקלעפּט צו די שטיינער ווייל די גאס איז נישט געווען ברוקירט. א שיטער בלאָטקעלע, און אין די ביינער קריכנדיקע קעלט און צוואנציק, אָדער דרייסיק צי גאָר הונדערט טאָפּטשענדיקע פאר־זעלנער. זעלנער וועלן זיי ווערן מאָרגן אָדער גאָר היינט ווייל דער מאָרגן האָט שוין אָנגעהויבן. טאָפּטשענדיק די שיטערע בלאָטע האָבן זיי אין איר איינגעקנעטן דעם נעכטן, די בלאָטע איז דערפון נישט געוואָרן גערדיכטער אזוי אז זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון ווען זיי זענען אריבער די גרענעץ צום היינט וועלכער איז מיט א פּאָר מינוט פריער נאָך געווען מאָרגן. זיי האָבן די גרענעצן נישט באמערקט אפשר אויך דערפאר ווייל איעדער איינער פון די דרייסיק אָדער הונדערט איז געגאנגען אליין, געשמועסט מיט זיך וועגן דעם וואָס בלייבט ארונטער און וועגן דעם וואָס קומט און בשום אויפן נישט געקאָנט פארטרייבן דאָס נעפּל פון דעם וואָס געווען און אויך נישט פון דעם וואָס וועט זיין. האָבן זיי געשפּאנט אין דער נאכט כמעט פארגעסנדיק אז דעם וועג וועלכן זיי האָבן באטרעטן ווילן זיי א צו גליק (א זייער אומקלאָרער באגריף) און וואָוויליטאָג (א באגריף וואָס איז נענטער צום מענטשלעכן פארשטאנד) פירנדיקן.

גערדיכטע כמארעס האָבן פון זיך געריסן שטיקער, זיי געוואָרפן אויף ארונטער ביז זיי האָבן באדעקט דעם הימל, אים געניידערט צור ערד און אלץ צוזאמענגעשמעלצט אין איין שטאָק־פינצטער — א פארבראשיתדיק פינצטערניש. א שפּאן פאר זיך האָט מען נישט געזען. פון שכן האָט מען געפילט דעם אָטעם. דער קלויסטער איז אויסגעוואקסן ווען די ערשטע ריי האָט זיך אין אים פארטשעפּעט, עלעהיי א פּלויט, און אין א פּלויט מוז זיין א טויער. דער טויער האָט זיך געעפנט און אין ליכט וואָס האָט זיך קוים געזיפּט פון אינעווייניק איז געשטאנען מיין זייער אלטער באקאנטער, דעמלט נאָך אן אומבאקאנטער, מיט זיין גאנצער ברייט און הייך.

— איז נישט אמאָל פאראן צווישן אייך כאָטש איינער א לעפּישער, האָט דאָס אָנגעהויערע באשעפעניש גערעגט מיט א פריילעך קוויטשעדיק דין־דין קעלעכל וואָס האָט אין אזא מאָס נישט געפּאסט צו דער דאָזיקער הייך און ברייט אז ס'איז נישט מיגלעך געווען צו גלויבן אז דער משוגהדיקער סקריפּ קומט פון זיינע אינגעווייד.

כאָטש כ'בין פון לעפּיש האָב איך נישט געענטפערט. מיט א צייט שפּעטער האָב איך מיך אליין פאָרגעשטעלט אלס א לעפּישער, אָבער אין גאנץ אנדערע באדינגונגען דאָס איז געשען אין וואלענסיא, אין דער שטאָט וועגן וועלכער כ'האָב א צייט לאנג געטראכט אז זי טראָגט דעם לייכטזיניקסטן נאָמען וועלכן

א שטאָט קאָן טראָגן און דאָס צוליב א נארישן ראָמאנץ וואָס הייבט זיך אָן מיט: „וואלענסיא, ביסט דאָס שענסטע מיידל...'' אצינד דאכט מיר אז ס'איז גאָר געווען א טאנגאָ. אצינד ווייס איך אז אלע שטעט האָבן ליב מע זאָל וועגן זיי זינגען. אצינד טראכט איך אז אפשר האָב איך זיך אין גאנצן טועה געווען, אפשר איז דאָרט באמת די רעדע וועגן א מיידל וואָס האָט דעם מחבר שרעקלעך גע- פעלן און דער ראָמאנץ איז גאָר נישט אזא נארישער ווי מיר האָט זיך געדאכט. ס'איז אָבער דעמלט געווען א פעריאָד אזא ווען יונגטלעכע ווי מיינע חברים פלעגן חוזק מאכן פון ראָמאנצן. זיי האָבן געהאלטן אז אזעלכע לידלעך פירן אראָפּ פון וועג, אז זיי נוצן פיינטלעכע קלאסן. געווען א צייט אזא.

געשען איז עס אין דער צייט פון גרויסע באָמבארדירונגען. אין יענע צייטן האָבן זיי געהערט צו די גרעסטע און אכזריותדיקסטע. כ'האָב געזען מיט די אייגענע אויגן די אויפפירונג, דעם באנעם פון דער וואלענסיאנער באפעלקערונג בעת די באָמבארדירונגען און דער שטאָטס נאָמען איז נישט מער געווען א לייכטזיניקער. ער האָט אויפגעהערט דערמאָנען אין ראָמאנץ, אָדער דער ראָ- מאנץ האָט געביטן זיין מיין אין א מילדער נאָסטאלגיע, אין אן אומבאשטימ- טער בענקשאפט. אין איינעם א פארמיטאָג, טאקע אין דער צייט פון אָט די באָמ- באַרדירונגען, האָבן מיר — א חבר מיינער מיט מיר — שפאצירט איבער די גאסן, זיך אריינגעכאפט אין א קאפעהויז זיך אָפּרוען. קאווע האָט מען נישט געפונען, צו מאָל ביר, שטענדיק געזאלצענע גארבאנצאָס, א נעהוט אזא וואָס מחמת דער געזאלצנקייט רעגט ער צום טרינקען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט ביי א טישל, דאָס קאפע-הויז איז געווען האלב ליידיק. פלוצים איז אריינגעקומען א קליינער, דארינקער אלטיטשקער, א מענטש איבער די זיבעציק באגלייט פון צוויי ריזן, באוואָפנטע מיט וואלטערס אין הילצערנע שיידן, געמיינט האָבן מיר אז דאָס איז דער פרעזידענט פון דער רעפובליק מיט הויט און ביין, כאָטש ס'האָט נישט אויסגעזען. לויט די פאָרטרעטן איז דער פרעזידענט געווען א בעל-גוף, נישט אזא דארינקער. דער קעלנער האָט אונדז אויפגעקלערט אז ס'איז טאקע נישט דער פרעזידענט, אז ס'איז גאָר דער בארימטער שרייבער און דרא- מאטורג באסינטאָ בענאווענטע, וועלכן די רעפובליק היט ווי דאָס שווארצאפל פון אויג.

— הערסט, זאָג איך צו מיין חבר, סע וויל זיך מיט אים א שמועס טאָן.

— וועגן וואָס?

— וועגן גאָרנישט.

— ווי אזוי?

— אָט אַזוי, האָב איך געענטפערט זיך אויפהייבנדיק פון בענקל און שפּאַ־נענדיק גלייך צום טישל ביי וועלכן דער שפּאַנישער גאָון איז געזעסן אַן אָפּגע־היטער פון די צוויי שרעק אַנוואַרפנדיקע טשערבערס. ווען כ׳האָב מיך דערנעג־טערט האָבן זיי אינסטינקטיוו אַ פּיר געטאָן די הענט צו די הילצערנע שיידן. מיר איז אָבער געלונגען אַרויסצורעדן: „פּערמיטע״, דאָס וואָס האָט געדאַרפט הייסן, דערלויבסטו האַר זיך צו דיר ווענדן מיט אַ קשיא?

— סיענטעסע אוסטע, האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל בענאַווענטע. דאָס האָט געהייסן, זעצט אייך צו יונגערמאַן, אָבער דאָס צווייטע וואָרט, דער „אוסטע״ איז מיר געווען אין גאַנצן פרעמד. פאַר מיר איז אין דער פרעמדער שפּראַך איעדער געווען „דו״. האָט עם מיך אַביסעלע צעמישט, און דער אַלטיטשקער האָט דאָס מאָל מיט אַ זיידע־געלעכטערל, וואָס פרייט זיך מיט אַלעמען אָבער דוצן דוצט ער נישט ווייל ס׳איז אים נישט אין דער נאַטור, ווייל איבעראַל זעט ער דעם באַשאַף, איבערגעחזרט: סיענטעסע אוסטע.

כ׳האָב מיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שפּיץ פון פרייען בענקל.

— וואָס וויל דער יונגערמאַן? האָט ער געפרעגט מיט טיפן ערנסט גלייך דער יונגערמאַן, דאָס הייסט איך, וואָלט פון אים וואַרטן ער זאָל אים דערקלערן ווי אַזוי סע וועט אויסזען דער קץ, דער אחרית הימים.

— אָט דאָס, האָב איך געענטפערט במעט אַ פאַרשעמטער.

— וועלעכס? האָט ער זיך געוואונדערט נישט וויסנדיק אויף ווי פיל דער פרעמדער איז געוואָרן אַ היגער.

— אָט דעם סיענטעסע אוסטע האָב איך געוואָלט הערן, האָב איך געענט־פערט אַ תמעוואַטע צופרידענער, ווייל מיר האָט זיך געדאַכט די נייגיריקייט אַ באַפרידיקטע און דער כבוד אַן אומדערוואַרטער.

— ווי אַ שפּאַניער, האָט ער אויסגערופן און זיך צעלאַכט מיט אַ קול וואָס האָט נישט געדונערט, נישט געשאַלט, נישט געברויזט נאָר פּשוט אַלטיטשק געלאַכט. פון וואַו ביסטו? די פראַגע איז געווען אַזאַ היימישע אַז כ׳האָב נישט גע־קאָנט עפּעס אויסטראַכטן און געענטפערט דעם ריינעם אמת.

— אַ לעפּישער בין איך, דאָס הייסט פון לעפּיש. געוואַרט האָב איך אויף דער געוויינטלעכער פראַגע: וואו געפינט זיך אָט דאָס לעפּיש, אָבער כ׳האָב מיך אָפּגענאַרט.

— אַך, האָט ער זיך גלייך ווי דערפרייט, אַ לעפּישער, די געגנט איז מיר באַקאַנט. אָבער פאַרוואָס זאָגסטו פון לעפּיש?

— כ׳בין אַ לעפּישער ווייל דאָרט געבוירן, פון לעפּיש ווייל אַ שבת־לעפּי־שער.

וואָס ער האָט אזוינס געפונען מאָדנע און וואָס ס'האָט אים אזוי געפעלן אין מיין אופן דערקלערן פון וואנען כ'שטאם ווייס איך נישט, כ'ווייס נאָר אז ס'איז אים זייער געפעלן און ער האָט געפרואווט מיך אויפקלערן אז מיר זענען גאָר פריינט, אז אלע די וואָס טראָגן אין נאָמען א בען האָבן עפעס בשותפות־דיקס מיט די שבת־לעפישער.

אָבער דאָס איז געשען שפּעטער. דאָס איז געווען אן אומגעריכטער שמועס מיט א וועלטבארימטן מענטשן, שמועסן אין וועלכע, ווי סע ווייזט אויס, מע גיט יענעם מער ווי מע שטעלט זיך פאָר, ווייל דער יענער איז פון די געבענטשטע מיט א באנעמונגס כח, מיט א תפיסה וואָס איז פשוטע מענטשן כמעט פרעמד. ער איז געווען פון יענע וואָס פירן דעם שמועס מיט סקאלעס און היילן, מיט פייגל און בהמות. מיט טיגערן און לייבן, מיט אלעם וואָס ער האָט באגעגנט אין זיינע אויסטערלישע וועגן און פארשטייט אלעמענס טיפסטע טיפענישן. פאר מיר איז עס פון אָנהייב געווען א מין „שוויץ־טאָן", א מין באוויזן זע־נאָר־וואָס־כ'בין־אימשטאנד־צו־טאָן, א סאָרט פריי לאָזן די חוצפּה. און נאָך דעם איז עס א לאנגע צייט געבליבן א מאָדנע אנגענעמע דערמאָנונג וועלכע האָט זיך אריינגעפלאָכטן ווי א גאָלדענער פאָדעם אין דער וואלענסיא בענקשאפט.

ווי געזאָגט איז דאָס געשען שפּעטער. אציגד שטייענדיק ביים אריינגאנג אין קלויסטער, איז מיר די פראגע נישט געפעלן. זי האָט געקלונגען צו לעפיש און נישט נאָר מחמת דעם קעלעכל וואָס האָט זיך געריסן פון אָט דעם הויכן און ברייטן סאָלדאטס גערגעלע. זי האָט גלייך ווי אויסגעשלאָסן די שבת־לעפי־שער, אפילו די פאר וועלכע דער שבת האָט געקריגן א נייעם זין. און ווייל די פראגע האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט, האָב איך סוף־כל־סוף געענטפערט צוגעבנדיק צום ערשטן מאָל אין לעבן: א שבת־לעפישער. ניין, כ'האָב מיך נישט אָפּגענארט, לויט דעם ווי ער האָט מיר געגעבן צו פארשטיין — ווען מיר, די דרייסיק אָדער הונדערט אָנגעקומענע, האָבן זיך צוגעזעצט צו די אין קלויס־טער געגרייטע טישן עפעס איבערצוכאַפּן — אז צווישן עכטע לעפישער און שבת־לעפישער איז קיין שום, אָבער באמת קיין שום, חילוק נישט, האָב איך מיך איבערצייגט אז פאר אים איז דווקא יאָ פאראן א חילוק און דערצו א גרויסער. בשעת דעם שמועס האָבן זיך אונדזערע בליקן נישט איין מאָל באגעגנט — כ'האָב געמוזט פון צייט צו צייט א קוק טאָן אין טעלער, אָנטרעפן מיטן לעפל די ארבעסלעך וואָס האָבן אין אים געבלאָנדזשעט. אויף דעם קוק האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט פארציכטן נאָך א טאָג און האלבער נאכט וואנדערן — און די באגעג־נישן פון אונדזערע בליקן האָבן אָנגעהאלטן מער ווי א טיילעכל פון א טיילעכל. זיי זענען געווען פריינטלעכע, אָבער מיט א צוגאָב. עפעס א נישט באשטימטער צוגאָב אזא וואָס האָט געקאָנט ווערן אן אָנהייב, אויב נישט פון שנאה איז כאָטש פון א קילקייט. אן אויסטערלישע קילקייט אזא.

דאָס מאָל, דאָ אין מארק, איז אָבער קיין רעדע נישט פון קילקייט, כאָטש דער ווינט איז א פוילער און נאסער. דאָס מאָל איז די רעדע פון כבוד און מעדאַלן. איך וואָלט אפשר געדארפט געפינען א וואָרט אים איבערצובעטן, מיט אים שלום מאכן, אים איבערצייגן אז נישט איך בין שולדיק אין דעם וואָס דער כבוד וועלכן מע גיט אים אָפּ — און לויט מיר דאכט גיט מען אים די והותר — די מעדאלן מיט וועלכע מע באשענקט אים — לויט מיר דאכט באשענקט מען אים איבערמאָסיק — זענען לויט זיין מיינונג נישט גענוגנטלעך. געפין איך דערצו קיין ווערטער, ווייל אזוי ווי ער שטייט גיט זיך דער ווינט א ווירבל אין א קליין קרייזעלע א רעדעלע א שאָלטיק אין מיטן דער נאסקייט, רייסט אוועק א פּאָלע פון מאנטל און ווען ער לאָזט זי צוריקפאלן זעט ער אוים — דער חבר מילנער, אזוי רופט מען מיין זייער אלטן באקאנטן, מילנער — שמאטעדיק ווי דער שינעל זיינער דעמלט ווען רעטלאוו האָט געזאָגט זיבן ליגנס און ניין אויסטראכטענישן. א טיפער טרויער שפּארט פון מילנערס בליק, אויף זיין ברוסט געפינט זיך נאָך פּלאַץ פאר נייע מעדאלן און די לעצטע צייט פארגעסט מען אין אים. חושד אין דעם וואָס מע פארגעסט אים איז ער מיך. מיינען, מיינט ער אז איך בין דער שולדיקער אפשר דערפאר ווייל אונדזערע בליקן האָבן זיך באגעגנט בשעת מע האָט אים יאָ געשענקט א מעדאל, אפשר דעם ערשטן. ווער קאָן עס געדענקען די מעדאלן כראָנאָלאָגיע אויף אזא ברייטער ברוסט און דערצו א וועגן מעדאלן באשאפענע?

ניין און נייניציק איז די צאָל פון די לעבנגעבליבענע אין יענער שלאכט אין וועלכער ס'האָט זיך א לאָז געטאָן מיט אימפּעט דער המון נאָך דעם וואָס ער האָט אויסגעהערט רעטוואלס זיבן ליגנס און ניין אויסטראכטענישן. לעבנגעבליבן זענען זיי פאר וואָגלענישן און איבערלעבענישן וועלכע עלטערן פאר דער צייט. האָבן זיי זיך געעלטערט. זייערע העלדזער, באקן און נעז, זייער בליק און שמייכל האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען אין א גרענעץ. אן אנדער גרענעץ, נישט יענע וואָס ציט צווישן צוויי טעג, אויך נישט אזעלכע וואָס טיילט אָפּ צוויי לענדער. זייער בליק און שמייכל האָט גיכער דערמאָנט אין דער גרענעץ צווישן צוויי אָקעאנען, צווישן צוויי אומפארשטענדלעכקייטן, צווישן צוויי סודותפולקייטן און דאָס דערפאר ווייל באוואוינגן האָבן זיי זיך דאָזייטיק און דער שמייכל אָדער דער בליק איז שוין געוואָרן א יענזייטיקער, אן אנדערוועלטיקער, אן אין אנדערע סודותפולע שטחים דערמאָנענדיקער.

האָט מען זיי גערופן אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד — א כבוד וואָס ס'איז כדאי אָפּצוגעבן מענטשן וואָס האלטן ביי באלד, באלד אריבערטרעטן אזא גרע-

נעץ — פאר דעם וואָס זיי האָבן באוויזן אין יענעם טאָג פון דער האָפענונגס־לאָזער שלאכט, ווען ס'האָט געהייסן: ראטעווען מוז מען זיך.

ווייזט אוים אז די צאָל ניין און ניינציק — אזויפיל איז דעמלט געבליבן פון המון — האָט געשטערט די מעדאלן פארטיילער. אפשר ווייל ניין און ניינציק איז דריי מאָל דריי און דרייסיק צי גאָר מחמת אנדערע רמזים. פאקט איז אז די צאָל האָט זיי געשראָקן, אָדער פשוט אויסגעקומען פריקרע. זיי האָט זיך געוואָלט דוקא א קיילעכדיקע ציפער און די צוויט קיילעכדיקסטע איז הונדערט. דאָ, האָט מען זיך דערמאָנט אז בשעת רעטלאָוום רעדע איז געווען צווישן עולם איינער א הויכער און ברייטברוסטיקער, דער חבר מילנער, דער ברייטברוסטיקסטער פון אלע לעבנגעבליבענע.

שלים-שלים-מזל, אויך דעמלט האָבן זיך אונדזערע בליקן באגעגנט. פון זיינעם איז דער אמאָליקער טרויער פארשוואונדן, פון דער טיף פון זיינע שיינע אויגן האָט געשפארט א גרויסע האָפענונג: ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון אימאנענטער גערעכטיקייט; דער גורל פון זיין ברייטער וועגן מעדאלן באשאפענער ברוסט הייבט אָן ווערן ווירקלעכקייט.

אין מיינעם האָט זיך באזעצט אן אומפארשטענדלעך פארשטענדעניש פאר אלעם וואָס געשעט אָדער קאָן געשען.

*

ניין, כ'געהער נישט צו די פאר וועלכע די זון איז א שטענדיק פרייליכע דאָס ווינטעלע א שטענדיק לאסקעוודיקס, די בערג הימל-אויטערשפארגדיקע, די פייגעלעך שירה זינגענדיקע...

מאַזעפּאַ

כ׳בין נישט א קדיש-זאָגער, נישט א מצבה-שלעגער, אַפילו צו מזכיר נשמות גיי איך נישט. צו מזכיר גיי איך נישט ווייל פּלעשל-פאהדיקע קרומע בליקן זענען מיר דערווידער און חושן-אַפּודיקע רבנים אין גלות זעען מיר אוים ווי גאָטס-גנבים. קיין קדיש-זאָגער בין איך נישט ווייל סע דאכט מיר אז די מתים ווילן מע זאָל זיי לאָזן מיט זייער אייביקער רו, און אויב עפּעס קאָנען זיי זייער שטעטל אליין באשטיין. איז אָבער געשען אז דריי טעג נאָכאנאנד זאָלן מיר פאלן פאר די אויגן עפּעס נישט אָנגענעמענע ידיעות אזעלכע, ידיעות וועלכע וועקן פארפלאָסענע בילדער, ציען איבער זיי פארבן און די פארבן זענען בלוטיקע. כ׳האָב געלייענט אז אין פאריז איז מען באפאלן א שיל נאָר ווייל זי איז א יידישע און געהרגעט אומשולדיקע מענטשן; אין מינכען האָט מען געווארפן א באָמבע אויף אייניקע וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין לינקע, ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט מיט כמעט צוויי צענדליק טויטע און אָן א שיעור פארוואונדעטע; ערגעץ אין א שטעטל נישט ווייט פון מינכען טרעט ארוים א נייער סוואסטיק-משיח — האָפמאן זאָל ער הייסן — מיט וואָנצעלעך, מיט אָרעמבענדער, מיט שטיוול און מיט נאָך אזא קלאפערגעצייג; כ׳האָב געלייענט פון איינעם וואדים אין א מאסן צייטונג אן ארטיקל אין וועלכן ס׳איז די רייד פון „געשעפטאר“ און „טארטאן“, ווערטער מיט וועלכע מע באשייגעצט געוויינטלעך יידן. לייענענדיק אָט די ידיעות איז ארויסגעקראָכן פון זכרון א פּאָסט-קארטל מיט א בילד. מע פלעגט דאָס פארקויפן אין פאריז אין די דרייסיקער אָדער פערציקער יאָרן. כ׳קען מיך נישט אוים אין דעם באגריף פון צוואנציקער, דרייסיקער אָדער פערציקער ווייל כ׳בין קיינמאָל נישט זיכער צי דאָס ציילעכץ איז אויף צוריק אָדער אויף פאָרויס. אזוי ווי כ׳האָב גראָד נישט ביי וועמען צו פרעגן וועל איך מוזן פשוט אָנגעבן דאָס יאָר. אין 1937 פלעגט מען פארקויפן אין פאריז פּאָסט-קארטלעך מיט דעם אָפּבילד פון אין שפּאניע געפאלענע פרייוויליקע. מיט דעם געלט וואָס מ׳האָט

מיט דער געלעגנהייט געזאמעלט האָט מען ארויסגעהאָלפן זייערע פאמיליעס. אויף איינעם אזא בילד — אויף דעם וואָס איז מיר געקומען פאר די אויגן נאָך דעם וואָס כ׳האָב געלייענט די ידיעות — איז געווען א יונגער בחור מיט א רייכן קאָפּ האָר, מיט גרויסע אויגן. פון אלע זיינע שטריכן, פון זיין אָפענעם בליק האָט געשפּארט מיט א שרעקלעכן ערנסט. זיין נאָמען איז געווען וולאדי־מיר מאזעפא. אונטער דעם נאָמען האָט מען געשריבן מיט קליינע אויסיאלעך אז ער איז העלדיש געפאלן אין די שלאכטן ביי מאדריד.

דאָס מאָל ווען כ׳זע דאָס בילד אין דמיון, האָב איך דעם איינדרוק אז צום טיפן ערנסט האָט זיך צוגעשטעלט א פראגע:

„שוין ווידער?“

*

שוין א פּאָר שעה אז זיי גייען איינער לעבן צווייטן. צו מאָל דאָרט וואו דאָס סטעזשקעלע פארשמעלערט זיך, בלייבט איינער ארונטער. צו מאָל גייט פאָרנט דעזשע, צו מאָל וועלוול. ווער סע מאכט דער ערשטער דעם ברייטערן שפּאן גייט פאָרויס, דאָס געשעט מעכאניש אָן שום געדאנקען. זיי זענען ביידע אויף דער זעלבער מדרגה, גערופן פון דעם זעלבן קול אָדער געשיקט פון קול אין דער זעלבער שליחות. אפשר האָט דאָס קול נישט גערעדט צו ביידע מיט די זעלבע ווערטער, אָבער אצינד געפינען זיי זיך ביידע דאָ, אויף דעם זעלבן וועג און אויף דעם זעלבן שטאפּל.

כאָטש...

דער כאָטש איז אפשר נישט קיין זייער וויכטיקער אָבער ער הויערט ערגעץ צוליב דער עלטער אָדער דעם אָפּשטאם. מעגלעך צוליב ביידע. וועלוול איז יונ־גער ער האָט פאר דעזשען גרויס אָפּשיי. אפשר איז עס צוליב דעם צרעת וואָס פרעסט זיין הויט. דעזשע איז צופרידן וואָס זיין קרעץ טראָגט א קלינגענדיקן נאָמען: פּזאָריאזיס. דאָס זאָל זיין א שוועמל אזא וואָס טרוקנט די הויט און דרויבלט זי. געשעט ער זאָל אריינקומען אין א שטוב מיט טעפּעכער, לאָזט ער נאָך זיך א גרויסן קלייען פלעק. דאָס דערפאר ווייל ער קראַצט די הויט. דאָס בייסעניש איז גרויס מוז ער קראצן און ער טוט דאָס מיטן גאנצן הארצן שעמט זיך נישט דערמיט ווייל דאָס קראצן שטילט אויף דער מינוט דאָס בייסע־ניש און אויך ווייל זיין קראנקהייט האלט ער איז א בכבודיקע. דאָקטוירים וויסן וועגן אָט דעם צרעת זייער ווייניק, קיין רפואה דערצו האָבן זיי נישט צו־געטראכט, נישט מער ווי דער קראנקהייט א נאָמען געגעבן און דערצו א קליג־

גענדיקן. ביי אים מיינט ער האָט זיך עס גענומען פון דער תפיסה. סע זענען דאָ אַזעלכע וואָס ליידן פון דער זעלבער קרענק און זענען אין תפיסה קיינמאָל נישט געזעסן. ביי יענע איז עס טאַקע נישט מער ווי אַ קרענק, אָבער ביי אים נאָך יאָרן תפיסה און צוואַנציק טעג הונגער-שטרייק ... באמת מען זיך אָפּגעבן כבוד דעם קראַנקן און דער קראַנקהייט. נישט אַזוי וועלוול. ער דאַרף זיך נישט באַמיען, דער כבוד שפּאַרט פון אים ווייל ער איז איבערצייגט אַז אַזאַ שיינער, שטאָלטנער מאַן ווי דעזשע וואָלט זיכער נישט געווען באַקומען אַזאַן אָנשיקעניש ווען נישט די תפיסה און דער הונגער-שטרייק. דאָס צרעת ווערט אַזוי אַרום אַ דערהויבנס. האָבן דאָך געליטן פון אַזעלכע הויט-קראַנקהייטן יידישע תנאים און גריכישע פילאָסאָפן. פאַלט אים איין: זע נאָר זע! אַ קראַנקער מענטש געליטן ווען כלל און דער כלל איז גרייט אים אָפּגעבן וואָס ער קאָן כדי אים צו מאַכן דאָס לעבן לייכטער, אים שיקן אין סאַנאַטאָריעס, אים פאַרשאַפן אַביסעלע רו און ער, דעזשע, קריכט אין דער נאַכט איבער בערג, גייט זיך ווידער איינשטעלן דאָס לעבן ... ווערט דער אָפּשיי נאָך גרעסער, פאַרוואַנדלט זיך אין ליבשאַפט.

אויך דעזשעס אָפּשטאַם רופט אַרויס ביי וועלוולען יראת הכבוד. דעזשע שטאַמט פון אַ וועלוולען אין גאַנצן פרעמדער שטאָט — טערגו מורעש אָדער מאַראָש וואַשאהעי. די מענטשן פון יענער געגנט רעדן מיט אַ באַזונדערן ערנסט, אַלץ וואָס זיי זאָגן באַקומט די שווערקייט, די וואָגיקייט פון אַ גערינצלטן שטערן, רינצלען פון אונטער וועלכע סע שפּאַרן טיפע געדאַנקען. די פּשוטסטע געדאַנקען פאַרלירן זייער פּשטות, סע קומט אויס אַז זיי זענען געלעגן, דאָרט אונטער די רינצלען, אַ לאַנגע צייט, זיך געבראָטן און געבאַקן אין שרעקלעכע געבורטסווייען. אַזוי אַז אפילו דאָס ווערטל וואָס דעזשע האָט אים דערציילט וועגן איינעם אַן אַלטן רעוואָלוציאָנער וואָס האָט געזאָגט אַז דער אָנהייב פון דער רעוואָלוציע אין פּעטראָגראַד איז געווען אַ טעות, אָנהייבן האָט זי גענדאַרפט די רעוואָלוציע, לויט אַלע סאָציאַלע געזעצן אין טערגו מורעש אָדער מאַראָש וואַשאַרהעי, קלינגט אים נישט כופר-בעיקרדיק נאָר ווי אַ זאָגעכץ וואָס האָט אפשר אין זיך אַ קערנדל אמת. ווערט דער יראת-הכבוד נאָך גרעסער און די חברשאַפט, וועלכע דעזשע שענקט אים, נאָך געשעצטער.

דעזשע וואָלט פון וועלוולען פאַר קיין זאַך באַרשט נישט אָפּגעטרעטן. ער ווייסט ווען אים ווייניק אָבער דאָס וואָס ער ווייסט איז גענוג אַז דאָס יינגל זאָל זיך אים געווען איינבאַקן אין האַרצן. דאָס איינבאַק-געפיל איז ביי דעזשען אַ טיפּס, אַ האַרציקס, סע דרינגט פון אַלע איברים, ס'איז כמעט אַ מוטערלעכטערערנדיקס. וואָלט מען געזאָגט דעזשען אַז דאָס ליבע געפיל צו מענטשן איז,

ביי אים כמעט א חסידיש, וואָלט ער זיך געוואונדערט און געלאַכט. פון וואו קאָן צו אים קומען אזא געפיל, זיין טאטע איז געווען א מאַלער און ער אויך א מאַלער? מאַלערם האָבן א געפיל פאר א גלעזל וויין, אָבער א חסידיש? דאָס איז נישט נאָר ווייל ער ווייסט נישט אז אזעלכע געפילן קלייבן נישט איבער, אז זיי באזעצן זיך מיט בילכערקייט דווקא ביי וואסער-פירערס, האַלצהעקערס, לאטוטניקעס, בעלכער און אויך מאַלערס; דאָס איז אויך ווייל ער האלט אז א געפיל וואָס קאָן ווערן באצייכנט אלס חסידיש, מוז זיין א צוריקגעשטאנענס, א רעאקציאָנער געפיל. אים געפעלט דער יונגער בחור ווייל אן איבערגעגעבע-נער. ער פארגעסט אָבער נישט אז וועלוול איז א בעסארעבער. זיין א בעסא-ראבער איז ווייניקער ווי זיין א טראנסילוואנער און דערצו פון טערגו מורעש אדער מאַראַש וואשאהעי.

וועלוול שטאמט פון א שטעטל וואָס רופט זיך בעלץ. באקאנט האָבן זיי זיך אין פאריז וואו וועלוול האָט א צייט געארבעט אין א שניידער אטעליע אויף רי די טאמפל. געווען דאָרט א שניידעריי אין א צווישן וואוינונג, נישט פארטער און נישט דער ערשטער שטאָק נאָר אינמיטן, אָדער ווי מע רופט עם דאָרט מע-זאנין. דער שניידער א קליין יידעלע, מיט צוויי גרויסע טעכטער, ביידע שווארצ-בקע, ביידע שלאנקע, ביידע גרוים-אויגיקע, ביידע מיט סענסועלע ליפּן. ניין נישט אָנגעשוואָלענע, נישט פיאווקעסמייסיקע, פּשוט פליישיקע ליפּן וועלכע ציען. וועלוולען האָבן געצויגן דער גרעסערערס. דאָס האָט געפעלן נישט נאָר דעם מיידל נאָר אויך איר פאָטער דעם שניידער. ער איז נישט פון די וועלכע זאָלן האלטן פון פארעלטערטע מנהגים צוערשט אויסצוגעבן די גרעסערע, נאָר אויב ס'האָט זיך אזוי געמאכט... האָט וועלוול געפונען גרוים חן אין זיינע אויגן און דאָס ניגונדל וואָס דער שניידער פלעגט זינגען בעתן צושניידן דאמען-קליידער איז געוואָרן פרייליכער און אָפט מאָל געווידמעט דעם יונגן מאן וואָס שטייט אין טונקלען ווינקל ביים שווערן פרעסאייזן און פרעסט די רעקעלעך ביז זיי באקומען די פאָרם פון לעבעדיקע מיידלעך.

כאָטש מ'האָט וועגן קיין חופה נישט גערעדט, איז זי געווען ווי אָפגערעדט. דעם מיידלס ליבשאפט און איר פאָטערס גוטקייט האָבן וועלוולען איינערוימט אז פאר פאריז פּאסט בעסער דער נאָמען וולאדימיר. אזוי איז געוואָרן פון וועל-וול מאזעפא — וולאדימיר מאזעפא און קיינער האָט נישט געטראכט אז דער משנה שם וועט מיט זיך ברענגען אן איבערברוך אין גאנג פון זייער לעבן. און דאָך...

געשען איז עס אין יאָר תר'צז, א יאָר אין וועלכן ס'איז אויסגעבראָכן א מלחמה וואָס האָט אויפגערירט אן אין שלום לעבנדיקע וועלט. זי האָט אָנגע-

ווארפן א שרעק אויף פרידלעכע מענטשן און כמעט פון אלע עקן ערד האָט זיך א לאָז געטון יונגווארג ראטעווען דעם שלום. דער שטראָם האָט פארכאפּט וולאַ-דימירן און אים אוועקגעטראָגן פון שניידער אטעליע וואָס אויף רי די טאמפּל נישט פארטער און נישט אויפן ערשטן שטאָק נאָר אינדערמיט, אין א וואוי-נונג פון טונקעלן מעזאנין. געבליבן זענען די טונקעלקייט, דאָס קליינענקע שניידערל און זיין גרעסערע טאָכטער די שווארצנקע, די שלאנקע, געהילט אין א טיף בענקעניש וואָס האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אירע גרויסע אויגן.

אצינד גייען זיי ביידע, קלעטערן איבער די פּירינייען אין א פינצטערער נאכט. זיי גייען איינער לעבן צווייטן, צו מאָל, דאָרט וואו דאָס סטעזשקעלע פאר-שמעלערט זיך, גייט איינער פון זיי פאָרויס, די נאכט איז לאנג, לענגער ווי א זומער נאכט, כאָטש ס'איז תמוז. די נאכט פארלענגערט די גרענעץ-וואך, נישט די שפּאנישע וואָס ווארט אויף זיי, נייערט די פראנצויזישע וואָס היט וועגן און סטעזשקעלעך כדי אָפּצוהאלטן דעם שטראָם וואָס ציט אהין ראטעווען דעם שלום אויף דער וועלט, ראטעווען מענטשלעכע ווערדע, ראטעווען די רו אין מאמעס הערצער, ווייל דער ווינט וואָס בלאָזט פון דייטשלאנד, פון וואו רו און ווערדע ווערן אויסגעמעקט, אָט דער פארשאָלטענער ווינט האָט זיך פאר-גנבעט אויף יענער זייט פּירינייען און בלאָזט אָן א שרעק אויף גאָר דער וועלט. רעדן רעדט מען ווייניק, דאָס אויך ווייל די גרענעץ-וואך לויערט. שפּאנט מען מיט אייגענע געדאנקען ביי דער זייט, שטילע באגלייטער אין א לאנגער תמוז נאכט, פּונקט אזוי ווי די שטערן. גרויסע שטערן אויף די בארגשפּיצן, שווערע געדאנקען אין די הערצער.

— הערסט דעזשע, שעפּטשעט וולאדימיר, אויב ס'איז מיר אָנגעשריבן, וואָלט איך וועלן סע זאָל געשען מיטאמאָל, כהרף עין, דערשלאָגן אויפן אָרט ווי פון א דונער.

— וואָס פלוצים אזעלכע געדאנקען? מיר גייען דאָך וועגן לעבן.

— כ'ווייס. אזוי מיין איך אויך. נאָר לעבן וויל זיך א גאנצער, מיט אלע איברים. ווייזט אויס אז אין יענע מינוטן האָט ער געטראכט צו דעם שניידערס עלטע-רער טאָכטער און געוואָלט האָט ער זי מיט זיין גאנצקייט. איידער פארלירן א האנט, אן אויג, אן אויער איז שוין בעסער גאָרנישט. און אויב גאָרנישט וויל זיך מיר כהרף-עינדיק, אָן מוטשענישן. מוטשעניש קאָן מאכן פון מענטשן אוים מענטש.

דעזשע האָט געשמייכלט. דער געדאנק האָט אים אויסגעזען נארישלעך, נאַיוו, אביסעלע קליינשטעטלדיק. ער האָט געהאָט פאר דעם געדאנק פארש-טענדעניש אויף אזוי פיל אויף וויפל וועלוול איז פון א בעסאראבער שטעטל

און דאָרט ווערן געדאנקען ווייניקער צעקייעט, דאָרט זאָגט מען זיי ארויס אזעל־כע ווי זיי קומען אויפן רעיון, נישט געיווירענע. דערמאָנען וועט ער זיך וועגן וולאַדימירס באַנער א סך שפּעטער, נישט תיכף נאָך דעם געשעענעם, נאָר א סך שפּעטער, דעמלט ווען די געשעענישן וועלן איבערגעטראַכט ווערן מיט צייט און מיט אָפּשטאַנד, נישט אין ברען. אין ברען זענען געשעענישן צו פיל אויף זיך אָפּשטעלן אויף יעדער איינער באַזונדער. אין ברען דערוואוסט מען זיך, און שוין. כל זמן דער קעסל קאָכט זענען אלע בולבעלעך איינאַרטיק, האָבן אלע די זעלבע פאָרם. צו שנעל באַווייזן זיי זיך און פאַרשווינדן סע זאָל קלעקן צייט זיך צום פאַרטראַכטן דעריבער וויפל איעדעס פון זיי האָט אדורכגע־מאַכט ביז ס'איז דעם געלונגען זיך באַווייזן אויף דער אייבערפלאַך.

די נאַכט איז געווען א טונקעלע, דער הימל איז געשטאַנען א פאַרכמאַרע־טער. געהילט אין געדיכטער טונקלקייט זייערע שטילע טריט. אויף די פּיס האָבן זיי געטראָגן מעשטעס, די שיך וואָס הענגען אויפן אקסל וועט מען אָנטון ווען דאָס געפּאַר די גרענעץ־וואַך זאָל זיי הערן, וועט אריבער. א שפּיז האָט צעריסן די כמאַרעס, נישט מער ווי א רגע און וולאַדימיר האָט באַמערקט דעזשעס שמייכל און דעזשעס וולאַדימירס ערנסט. ס'האָט זיי נישט געוואונדערט. וולאַדימיר — ווייל אזוי דאַרף רעאַגירן א מענטש וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס וואָס דעז־שע, א מענטש וואָס ליידט פון א צרעת צו וועלכן ס'איז נאָך קיין רפואה נישט צוגעטראַכט; דעזשע — ווייל אזוי ווי געזאָגט. מער האָט מען וועגן דעם נישט גערעדט. שפּעטער, א סך שפּעטער, וועט זיך דעזשע דערמאָנען און סע וועט זיך אים דאַכטן אז וולאַדימיר האָט איבערגעחזרט צען מאָל, אויב נישט מער זיין באַנער אז אויב סע וועט קומען דער טויט זאָל עס זיין כהרף־עינדיק.

דעם שניידער־ייִנגלס גורל האָט געוואָלט ער זאָל באַגעגענען די ערשטע שלאַכט אין א געגנט וואָס רופט זיך סיודאַד אוניווערסיטאַריאַ. שווער צו זאָגן צי ער האָט געוואוסט אז דאָס איז דער קוואַרטאַל פון וועלכן סע דאַרף שטראָ־מען מיט וויסן. קלאָר איז אים אז יעדער הויז דאַרף זיין א פעסטונג פון מענטשלעכקייט צו וועלכער מע טאָר נישט צולאָזן די ווילדקייט. אים מיט זיינע חברים איז אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן אזא פעסטונג און זיי האָבן זי געהאַלטן, די פעסטונג, א טאָג און צוויי און נאָך מער. נישט צום ציילן זענען געווען די אָפּגעשטויסענע אָנגריפן. פון קאַיאָר ביז אין דער נאַכט האָט זיך דער שונא געוואָרפן, א פון קאָפּ ביז פוס באַוואָפנטער, איין מאָל און נאָכאמאָל און נאָכ־אמאָל, אזוי צוואַנציק אָדער נאָך מער מאָל א טאָג, און זיינע אטאַקעס זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט שרעקלעכער פאַרביסנקייט. פאַר דער צייט האָט זיך וולאַדימיר באַקאַנט מיט כלערליי האַנטוואָפן — מכשירים וועלכע זענען אים

מיט נישט מער ווי א פּאָר טעג צוריק געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט. אַזוי ביז ער איז געבליבן אַליין מיט צוויי קוילנוואַרפער.

און די פעסטונג האָט ווייטער געהאַלטן...

וולאַדימיר מאַזעפּא האָט פעסטגעשטעלט אַז ער איז אַליין ערשט דעמאָלט ווען ער האָט געמוזט קלעטערן מיטן קוילנוואַרפער צו די העכערע עטאַזשן. די אונטערשטע האָט ער געמוזט פאַרלאָזן ווייל זיי זענען געשטאַנען אין פייער. אוממעגלעך זיך אַדורכצורייסן. דאָס איינציקע וואָס בלייבט איז אויסקויפן דאָס אייגענע פאַרפאַלענע לעבן מיט אַנדערע לעבנס וועלכע וואָלטן זיך געקאָנט ראַטעווען. יענע מוזן אָבער באַצאָלן אַ גרעסערן חוב. אַזוי טראַכט ער ווען סע בלייבט צייט צום טראַכטן. בלייבט אַביסעלע צייט וואַכט אויף דער געדאַנק אַז ס'איז נאָך אפשר פאַראַן אַ מעגלעכקייט סע זאָלן קומען די אייגענע מיט לייטערס און ראַטעווען. די צוויי לעצטע עטאַזשן זענען נאָך פון פייער נישט פאַר־כאַפּט. שטויסט מען אָפּ דעם שונא. וועט מען זיכער קומען מיט לייטערס און מיט וואַסער, לעשן דאָס פייער און ראַטעווען דעם וואָס איז געבליבן מיטן קוילנ־וואַרפער, דעם וואָס האַלט דעם שונא אויפן אָרט. ניין, קאַנאָנען אויף צו באַשיסן זיין פעסטונג האָט דער שונא נישט געבראַכט. אָדער ער האָט נישט, אָדער ער מיינט אַז סע לוינט זיך נישט. סע וואָלט אפשר געווען כדאי אים באַווייזן אַז סע לוינט זיך. דאָס וואָלט אויך געשאַפן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען אַ שראַפּ־נעל אין פּנים און פּטור, אַזוי ווי ס'האָט זיך געוואָלט און אַזוי ווי סע וויל זיך. סע וויל זיך אַזוי פון מידקייט, פון דאָרשט, פון רויך, פון די פלאַמען וואָס שפּאַרן פון די אונטערשטע עטאַזשן, פון דער גרויזאַמער אַליינקייט.

„און איך האָב באַגערט אַ טויט, אַ כּהרף־עינדיקן".

„מי במים ומי באש", דערמאַנט ער זיך און טראַכט ווי ווייניק ס'האָט אים געשראָקן אַ פייער־טויט. אַ וואַסער טויט יאָ, טרינקען זיך קאָן מען אפילו אין רעווען, אין טייכל וואָס רינט נישט ווייט פון בעלץ, אָבער אַ פייער־טויט? צו דעם האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט. אַצינד דאַכט זיך אים אַז אַ וואַסער טויט איז בעסער. סע דורשט נישט, סע קריכט נישט אין דער קעל, סע דושעט נישט אַזוי אומברחמנותדיק, סע דוויערט נישט...

ער פאַרפעסטיקט דעם קוילנוואַרפער אין פענצטער, וואַרט אַ רגע און נאָך אַ רגע. קיינער רעאַגירט נישט.

שטיל.

אַלע האָבן אין אים פאַרגעסן.

ער שיסט אַ צענדליק קוילן און וואַרט ווייטער. אויפן אָרט פון קוילן־סווישטש דערגייט צו אים אַ קול, אָדער קולות.

„ווער שרייט“, פרעגט ער זיך און א מאָמענט מיינט ער אז דאָס זענען די אייגענע, די וואָס קומען מיט לייטערס אים ראַטעווען. אָבער אויפן אָרט פון לייטערס גנבעט זיך דאָס פייער. די פלאַמענצונגען לעקן שוין דעם אריינגאַנג אין צימער. מע וואָלט זיך געדאַרפט איילן, ארויס פון דאַנען, איז נישטאָ וואוהין.

„ניין, דער טויט וועט שוין ווייזט אויס קיין כהרף-עינדיקער נישט זיין“.

סע ברענט זיין אוניפאָרם, ער פּרואווט זיך וואַלגערן אויף דער פּאָדלאָגע זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין חשבון אז אויך די פּאָדלאָגע ברענט...

*

ביי דער אָבסערוואַטאָריע האָט מען געהאַלטן אז דער לעצטער שטאָק איז סאַמע האָליע, אז לאַנג וועט ער נישט האַלטן, אז אָט, און ער וועט צוזאַמענ-ברעכן, ווען ער איז צוזאַמענגעבראָכן האָט זיך געדאַכט אז א ברעוונע האָט פאַרענדיקט דאָס מוטשעניש פון דעם פאַרביסענעם שיסער.

צי ס'האָט געדויערט א רגע אָדער א שעה, צי איז נישט אַמאָל אויך א רגע א שעה אָדער נאָך מער, האָט מען נישט געטראַכט ווייל אזוי איז עס אין ברען פון געשעעניש.

*

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דעזשע דערמאָנט אין ווערלוולס באַנער — וועלכן ער האָט אזוי פּשוט, ווי אגב-אורחא, ארויסגעזאָגט ווען זיי האָבן געשפּאַנט איינער לעבן צווייטן, אָדער איינער הינטער דעם אַנדערן, איבער די בערג ווען זייענדיק אין פּאַריז האָט אים א שלאַנק מיידל מיט גרויסע אויגן, מיט סענסועלע ליפּן אונטערגעטראָגן א פּאָסט-קאַרטל, פון די וועלכע מע פלעגט פאַרקויפן אויף צו העלפן משפּחות פון פּריוואַליקע, מיט ווערלוועלס בילד.

אין דעם מיידלס אויגן איז געזעסן א טיפער טרויער.

אויפן בילד האָט וולאַדימיר מאַזעפּאַס בליק אויסגעזען זייער ערנסט ווי דעמלט ווען א שפּיז האָט צעריסן אויף נישט מער ווי איין רגע די כמארעס.

אָפּשפּרעכערנס

(פֿון שמואל האָלצהעקערס טאָג-בוך*)

אין בוהוש איז געווען א הויף, אין הויף איז געווען א שיל. דער הויף איז מער נישטאָ. צוזאמענגעבראָכן, געבליבן א חורבה. האָט מען צעטראָגן און פארקויפט ציגל, אלטע פענצטער. טירן מיט פלעקן פון גרויסע מזוזות, באלקנס. געבליבן איז די שיל, די פענצטער פארקלאפּט מיט ברעטער. דאָרט שטייט נאָך דער אָרון קודש, א גרויסע וואנט-שאפע אין וועלכער אמאָל האָט זיך געפונען דריי מאָל ש׳ם און אנדערע ספרים, אויב א ייד וועט באדארפן. דער אייבערשטער טייל פון שאפע איז געווען פול שמות, דאָרט האָט אמאָל אורי באהאלטן א געבליבן רויט פענדל פון די וואָס מ׳האָט אויסגעהאנגן לכבוד דעם ערשטן מאי אויפן וועג וואָס פירט צור פאבריק. אין יענע צייטן איז אויסהענגען אזעלכע פענדלעך געווען פארבאָטן. נאָענט פון אריינגאנג, אויף דער רעכטער זייט איז דאָס שטיבל אין וועלכן סע פלעגט דאווענען דער רבי. דעם רוזשינערס אייניקלעך האָבן נישט געדאַוונט צוזאמען מיטן עולם, כדי סע זאָל נישט פארשאטן, דעם עולם פארשטייט זיך. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן די ירידה פלעגט דער רבי עפּענען א שפּעלטל אין דער טיר מע זאָל אים אויך מצרף זיין צום מנין.

אלץ איז פארוועבט מיט געדיכטן שפּינוועבס, אויף אלץ האָט זיך באלייגט א גראָבער שיכט פּאָרעך. אויף יעדן וואָרט ענטפערט דריי מאָל א ווידערקול, ביי יעדער באוועגונג הייבט זיך א וואָלקן שטויב. פון צייט צו צייט פליען פלעדערמייז מיט א קוויטש פון פּשוטע מייזלעך, אויסמיידנדיק קינציק די שפּינגעוועבסן. אהער האָט אונדז געלאָזט רופן שמואל האָלצהעקער ווען ער האָט באשטימט אז ס׳איז צייט פאר קינדער-מעשהלעך, כדי אונדזער פאנטאזיע זאָל ווערן קינדעריש האָט ער אונדז אוועקגעזעצט אויף נידעריקע בענקעלעך. אָנצונדנדיק א רויט לעמפל האָט די נאכט געגידערט שוידערלעך.

---

* ביי אים, ביי שמואל האָלצהעקער הייסט עס א מעשהלע פאר קינדער.

דערציילן האָט ער אָנגעהויבן מיט א שפּרוך:

זיצן דריי ווייבער אויף א שטיין
איינע זאָגט יאָ,
איינע זאָגט ניין
איינע זאָגט... לאָמיר גיין...

גייען זיי, און אין גאנג דורך הינטערהייפלעך שיטן זיי זאלץ אויף שוועבל, פוילע קאָרע אויף פרישער סמאָלע, הויפענען א בארג מיט שטרוי און פון האָלץ אן איבערבוי.

וויקלען זיי צו לאנגע שטעקענעם טרוקענעם פלאקס געמישט מיט פוילן שטרוי צינדן דאָס אונטער, זעצן זיך רייטנדיק כאַפּן מיך פאר די פיס. פליענדיק אין קרייזן ארום שייטער האלטן זיי מיך מיטן קאָפּ אראָפּ און דורך קארשן-שווארץ-פארשנורעוועטע ליפּן צישן זיי:

קוק דיך איין
סע זאָל בלייבן דיין
ביז דעם דריטן דור...

נאָך דעם הער איך א שפּרוך;

האָבן מיר דיר אָפּגעשפּראָכן,
האָבן מיר דיר הייליק פארשפּראָכן
אין נאָמען פון טייוול
פון טייוול דיך באהיטן;
אין נאָמען פון שד
פון שדים דיך באשיצן
זיי זאָלן דיך מער נישט מוטשען
דיין זכרון נישט באהערשן;
פלאקס האָר
פאסאָליע ציין
אויסגעריגענע אויגן
צעפּרעסענע נעז
איינגעפאלענע באקן
סטארטשענדיקע ביינער
אָפּגעהאקטע הענט

אויסגעריסענע צונגען
אָפּגעשניטענע אויערן
אלץ זאָל צערינען
פאלן און אויספאלן
ווערן צעמישט און צונישט
פון קינדער-יאָרן דיך באפרייען...

לאכן די דריי ווייבער, איינע מיט א קריי, איינע ביינערדיק ווי צוויי און איינע ווי א קרומער פּאָליציי. הייבט זיך אויף א ווינט, טוט מיך א נעם אונטער די אָרעמס, טראָגט איבער הונדערט זיבן און צוואנציק מדינות, לאָזט מיך זינ-קען אין א ניין און ניינציק איילן טיפן גרוב און כ'בלייב לעבן. הייסט עס שוין אוועק א דור; ווייטער ווארט אויף מיר א טשאטע וועלף, רייסט אויף אכט און זעכציק שטיקער, קומט פּראָפעסאָר זאלצנפלייש, שטיקעווועט די שטיקער און כ'בלייב ווידער לעבן, הייסט עס שוין דער צווייטער דור; קומט א לילית, האלדזט מיך, וויל דערשטיקן. פאל איך אין א גלוסט-חלשות און בלייב נאָך א מאָל לעבן. הייסט עס שוין דער דריטער דור.
מעג איך שוין דערציילן.

איבערן שייטער זאמלט זיך א כמארע, אן אונגעהויערע ווי א פּיטשעריטשע פון אן אטאָם-באָמבע אויפרייס, שרייבן אויף איר בליצן מיט מיר באקאנטע אותיות דעם נאָמען הורדוס, אונטער דעם נאָמען א בליץ-שטראלנדיקער שטיין ווי יענער ביי גאָט צופוסנס וועלכן יחזקאל האָט גערופן חשמל; איבער דעם שטיין א האק און פון אונטער דער האק פאלן קעפּ פון נביאים ביז סע הויפן זיך אָן דריי טויזנט. ווייס איך אז אלץ וואָס געשעט איז געשען און אלץ וואָס כ'זע איז שוין געזען, אז צוויי טויזנט יאָר זענען א טאָג, אז די דריי כישוף-מאכערנס טרייבן מיט מיר א שפּיל פון וועלכן מע ווערט נישט געניזוקט.
וויל איך אָנהייבן שפּינען דאָס מעשהלע און זאָג: געשען איז עס אין א לאנד וואָס ליגט אין מזרח אין דער צייט ווען ס'האָט געקיניגט דער מלך הור-דוס, דער זעלבער וואָס האָט מיט צוויי טויזנט יאָרן צוריק אויסגעשאָכטן אלע נביאים, געלאָזט נאָר איינעם און דעם איינעם אויסגעשטאָכן די אויגן...
גיט די צווייטע א ברום:
פון כישוף קריך נישט בראק!
סע קאָן דיך קאָסטן א סיניאק.

צעבלעטערן זיך די שייטער־פלאמען ווי א שפרינג־ברונעם, צווייגן זיך ווי אן אָנגעהויערע ליליע, נידער איך אין אירע טיפקייטן. זעקס שווארצע זיילן טראָגן א ווייסן קופּאָל; דרייצן שטיינערנע טרעפּ — דריי אָנגעגליעטע ביז ווייס, פינעף ביז רויט און די איבעריקע, די לעצטע ביז העל־בלאָ — פירן אויף א פּלאַץ. פון דער לינקער זייט פּלאַץ צווייגן זיך שמאָלע, ברייטע, גלייכע, קרומע, ווינקלדיקע און האלב־קײַלעכדיקע גאסן. ווייט אויף דער רעכטער זייט א פּאַלאַץ. פאר דעם פּאַלאַץ א הויף מיט קארליק־ביימער; אין קײַלעכדיקע און פירעקיקע בייטן לעבעדיקע בלומען וועלכע שפּילן אין זע־מיך־אין־קרייז־כאפּ־מיך־אין־פירעק. אלץ, סײַ דער פּאַלאַץ סײַ דער גאָרטן זענען ארומגערינגלט מיט אן אײַזערנעם פּלויט. גיי איך לענגאוים דעם פּלויט אויף א העל־גראָ אספאלטירטן טראָטואר, פארבן אים מײַנע פּאָדעשוועס שווארץ. פּאָרוים מיר שפּאנט מיט פעסטע טריט א פרוי א שטאלטנע אזא. ווען נישט דער שווארצער מאנטל און דער עטוואָס אלטמאָדישער הוט וואָלט מען געקאָנט זאָגן נאָך א גאָר יינגעשטקע. אויב נישט א גאָר יינגעטשקע איז כאָטש א מיטליעריקע אין אָנהויב פון די יאָרן מיט וועלכע מע באצייכנט מיטליעריקע, מיטן טראָפּ אויף צוריק, צו די מיידלשע יאָרן. אזעלכער איז איר גאנג, אזעלכער איר שטעל. אנטקעגן קומט א הויכער, שלאנקער מאן מיט שטארן בליק און בלייך כמעט קאלעך־ווייס פּנים. אין די בלאָע אויגן טראָגט ער א שרעק.

פאר וועמען האָט ער מורא אז זען זעט מען קיינעם נישט?

כ׳טו א זשמורע די אויגן דאכט זיך מיר אז די מורא איז ביי אים אן אינעווייניקסטע, אז דאָס וואָס סע שרעקט אים קלעפּט צו זײַנע נעצהייטלען.

אין פּלויט א פון אייזן קינסטלעריש געהאמערטער טויער. אין הויף פון יענער זייט טויער צוויי בודקעלעך און אין די בודקעלעך בלאָע סאָלדאטן מיט קורץ־רעריקע ביקסן אויף דער ברוסט. אָנגעקומען צום טויער פארקערעוועט די פרוי רעכטס און דער מאן לינקס. איר פּראָפיל א געמוטשעטער; זײַנער, א טויטער אין מארמער געטעסעטער. ווען דער מאן און די פרוי גייען פארביי די בודקעלעך גיבן די סאָלדאטן אָפּ דעם געהעריקן האָנער. אזוי געשעט נאָר ווען סע גייען פארביי פון אפריער אָנגעמאָלדענע אָדער די העכערע באאמטע. פון טויער פירן צוויי סטעזשקעס צום פּאַלאַץ: איינע רעכטס און איינע לינקס. די סטעזשקעס באגעגענען זיך פאר א מלכותדיקער טרעפּ.

זיבן שטיגן פירן צו א דריי און דרייסיק איילן הויכער בראָנדזענער מיט גאָלד געפּוצטער טיר. געאָמעטרישע פיגורן און גאָלדענע בלומען מאכן די סאָלידקייט איידעלער, די שווערקייט לייכטער. ווען זיי באטרעטן די זיבעטע טרעפּ גייט אויף די טיר פון זיך אליין ווי אמאָל די טויערן פון עגיפּטישע טעמפּלען.

א הויכער לײדיקער זאַל, די װענט דעקאָרירט מיט גרינע ליליען און צװישן זײ פון דער סטעליע ביז נאָענט צום דיל סטענגעס מיט פּאָמפּײ־רויט געמאָלע־נע פּידקאָװקעלעך — די עמבלעם פון דער הורדוס דינאַסטיע. צװײ גרויסע טע־פּעכער איבער װײסן מאַרמער מיט גרינע אָדערן פירן צו א צװײטער טיר. אויך די גײט אויף אַלײן. רויטע װענט כמעט אין גאַנצן באַדעקטע מיט צוקונפט־צײטיקע גאָבעלענען פון װעלכע סע קוקן מיט קײלעכדיקע שרעקלעך אָפענע גאַרנישט אויסדרוקנדיקע אויגן, אײזנגיסער, מויערער, טראַקטאָריסטן און קאָם־מאַנאװטן. פון דאָ גײען זײ אין דריטן זאַל װעלכער איז פאַר פון אפריער אָנ־געמאָלדענע דער לעצטער. זײ גײען אויף שמאָלע טעפּעכער, זי מיט פעסטע טריט, ער מיט שטאַרן בליק ביז זײ פאַרקערעװען, זי לינקס און ער רעכטס. װען זײ באַגעגענען זיך בלײבן זײ א רגע איבעראַשט.

ער זאָגט: מאַגדאַלענא, און װאונדערט זיך נישט װאָס דװקא זי.

זי זאָגט: פּאַולוס, און װאונדערט זיך נישט זײער, זײער װאָס טאַקע, אָדער אויך ער.

ארויסגערעדט איעדער דעם אַנדערנס נאָמען װאונדערן זײ זיך דאָך, נאָר אײן רגע, איבער דעם דריטן װאָס האָט זײ געלאָזט רופן צוזאַמען און בײטן א גוטמוטיקן עטװאָס איראָנישן שמײכל. פון דער סטעליע נידערט לאַנגזאַם און קײלבלעך דער קאָסמאָס און צוזאַמען מיט אים אַן אומגעהײערע פּידקאָװע מיט זיבן גרויסע זעקס־קאַנטיקע טשװעקעס־קעפּ — דער סימבאָל פון גליק און װעלט אײניקײט. אויסגעהאַמערט איז די פּידקאָװע פון די גרעסטע און בעסטע קינס־טלער װאָס די װעלט האָט אמאָל געהאַט, געמאַכט פון העל־גראָען קאָסמישן מעטאַל װאַרפט די פּידקאָװע מאַטע שטראַלן, נאָר די טשװעקעס־קעפּ פינקלען שטערנדיק.

אין נאָמען פון אָט דער פּידקאָװע זענען זײ אהער גערופן געװאָרן, און זײ זענען בײדע געקומען. שטײען זײ אײנער אַנטקעגן דעם אַנדערן.

מאַגדאַלענא טראַכט: אפשר איז די מעשה מיטן דרײצניעריקן מײדעלע װעלעכם א דײן האָט געשיקט צו א װילדן זשאַנדאַר כדי צו ראַטעװען אַן אכ־ציקיאָריקן רב נישט מער װי אַן אויסטראַכטעניש אויף װעלכן דער אויסטראַכ־טער האָט געבויט זײנע פון אפריער באַשטימטע אויספירונגען. דאָס געהער צו דער אַזױגערופענער טענזים־ליטעראַטור און דער אויסטראַכטער איז װײזט אויס געװען אַן אָנהענגער פון אָט דער שיטה.

פּאַולוס טראַכט: נאָר אויף אַזאַ אופן, נאָר האָבנדיק די שטאַרקײט, דעם מוט די אויסגעהאַלטנקײט צו שיקן א דרײצניעריק מײדעלע צון א װילדן סטרע־לעט כדי צו ראַטעװען אכציקיאָריקע חכמה האָט מען געקאָנט ראַטעװען דעם

סאמע עצם פון עכט מענטשלעכן, נאָר אזוי האָט מען געקאָנט אויסלעזן די מענטשן פון די פון זיי געבוירענע אומברענגער. דאָס זעלבע אמאָל, דאָס זעלבע היינט, דאָס זעלבע אויף דור דורות.

און יעדער פון זיי ווייסט באשייד אז אים קומט דער מעדאל.

גיט די פידקאָווע זיך א דריי
און די ווייבער א געשריי,
פאל איך צוריק
מיט יאָרן צוואנציק צוויי
אָדער גאָר פאָרויס
מיט יאָרן אָן א צאָל

פאולוס איז מיט מיר א גאנצער פאניע-בראט. ליגנדיק אויף א בעטל אין שפיטאל דערציילט ער, און פאולוס דערציילט נישט אבי וועמען. מענטשן, זאָגט ער, מיט צוגעפלעטשטע נעז מיט עטוואָס קרומע בליקן, וועלכע יחזקאל האָט געזען אין חלום און ישו אויף דער וואָר, ווייל ישום לערע האָט זיך פאר-שפרייט א סך מער ווי יחזקאלס, האָבן צוגעטראכט א מיטל ארויסצוקריגן דעם אמתדיקסטן אמת, און נישט נאָר ארויסבאקומען נייערט אויך איבערצייגן אלע-מען אין נייטיקן אמת דעמלט ווען מע דאַרף, דעמלט ווען א גרויסער אינטערעס פאָדערט עס. צוליב דעם איז געגנוג מע זאָל דעם אינדיוויד — ווען סע האנדלט זיך אין אינדיוויד — איזאָלירן אויף נישט מער ווי צוויי און זיבעציק שעה.

— זענען דאָך מענטשן געזעסן אָפּגעזונדערטע, אין איינצל-צעלעס יאָרן לאנג און זיך נישט געלאָזט באוועלטיקן?!

— ניין, זאָגט פאולוס, נישט אזא סאָרט איזאָלירונג. אן אנדערער, א מער ווינשאפטלעכע. דער עיקר איז נישט אין אָפּזונדערן פון מענטשן.

— כ'פארשטיי נישט...

— ווי אזוי זאָלסטו פארשטיין, דו וועלכער ווייסט גאָרנישט אין דעם ענין, אז איך וואָס גיב זיך אָפּ מיט דער פראגע אזא לאנגע צייט, שוין ווער ווייסט וויפל יאָרהונדערטער, פארשטיי נאָך אלץ נישט אין גאנצן. איך פרואוו. דער עיקר איז א גענעריק איזאָלירט בעט צו וועלכן דער סוביעקט זאָל בלייבן צוגעקאָוועט צוויי און זיבעציק שעה און נישט האָבן די מעגלעכקייט צו בארירן די ערד. אויב מיר גייען אוים, פילאָסאָפירט פאולוס ווייל ער געהערט צו די וואָס מוזן האָבן אויף אלץ א פילאָסאָפישע באגרינדונג, און מיר גייען דאָך אוים פון שטאנדפונקט אז אלץ וואָס אויף דער ערד שטאמט טאקע פון איר, דאָס הייסט אז עס איז נישט מער ווי א טיילעכעל פון אָט דער ערד וואָס איז צו איר צייט אויסגעוואקסן פון

קאָסמאָס, וועלכער איז אין אלגעמיין און אין גאנצן נישט מער ווי אן אָנזאמלונג פון פארשיידענע עלעקטרישע שטראָמען, פון עלעקטרישע אָנלאָדונגען וועמענס מקור סע געפינט זיך אין פון יחזקאל געזעענעם חשמל... פארשטייסט?

— ניין, כ'פארשטיי נישט.

— כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט, וועלן מיר דאָס זאָגן פשוטער. א מענטש, ווי יעדעס באשעפעניש, מוז כאָטש איין מאָל אין מעת לעת באַרירן די ערד דירעקט, זיך מיט איר באהעפטן כדי זיך עלעקטריש אויסצולאָדן. אויב ער האָט נישט אזא מעגלעכקייט, שוואכן זיינע נערוון ביז...

— ביז?...

— ביז אומקומען. אָבער דערצו דארף מען נישט דערלאָזן, האָט געזאָגט פּאוּלוס גלייך מיך צו בארואיקן און תיכף צוגעגעבן כדי סע זאָל קיין טעות נישט בלייבן, דאָס הייסט, נישט שטענדיק. דעמלט ווען דער הויפּט צוועק איז ארויסצובאקומען אָדער איבערצייגן אין אמת מעג מען האלטן דעם סוביעקט איזאָלירט העכסטנס איין און זיבעציק שעה.

און נאָך א לאנג שווייגן:

— כ'וועל דאָס אויספּרואוון, כ'מוז דאָס אויספּרואוון.

דאָס איז געווען אונדזער איינציקער שמועס אין די דריי טעג וואָס מיר האָבן זיך אויפגעהאלטן אין שפּיטאָל, איך מיט אן אפּענדיציט אָפּעראציע און ער, פּאוּלוס, גלאט אזוי, אויף זיך אויסרוען פון זיין ארבעט. אן ארבעט ביי אים אזעלכע וואָס פרעסט נערוון. פאראן אויף דער גאנצער וועלט אזעלכע נערוון־פרעסערישע ארבעטן. נישט איעדער קאָן זיך צופּאסן צו אָט דעם סאָרט טועכץ. זיי פאָדערן אָדער א שטארקן גלויבן, אָדער אן אין גאנצן ציניש, אָנסקרופּלדיקן צוגאנג. פּאוּלוס, דאכט מיר, געהערט צו די וואָס האָבן א שטארקן גלויבן. זיין קאלעך־ווייכע הויט, זיינע אומרואיקע אויגן זענען פון א מענטשן וואָס טוט אלץ לשמה, מיט אפּליקאציע, נישט נאָר ווייל ער מוז, ווייל דאָס איז זיין אויפגאבע, נאָר ווייל ער מיינט אז אזוי איז גוט. דער אומרו זיינער, מיין איך, איז ווייל צו מאָל, צווייפלט ער, נישט הס וחלילה אין דער זאך אלס אזעלכע, נאָר אין אן אספּעקט, אין א זייטיקער דערשיינונג. דעמלט נעמט אים ארום א באזונדערע מורא. א טאָפּלטע אזא, אי פאר דעם וואָס ער טוט אי מחמת אָט דעם קליינענקן צווייפל. ער האלט אז דער צווייפל אליין איז געגוג מע זאָל זיך צו אים באציען ווי צו איינעם וואָס איז נישט אדורכגעדרונגען ביז אין דער טיפסטער טיפעניש פון זיין נשמה וועגן איינציקן אמת. בעת דעם אויספירן פון אויפגאבעם ווייסט ער נישט פון פריינד אָדער סימפּאטיעס. דער אָביעקט איז פאר אים

אן אבסטראקטער פונקט אזוי ווי די העכערע אינסטאנץ אין וועמענס נאָמען ער פירט אדורך זיינע אויפגאבעס. אזוי אויך אין שפּיטאָל. דאָ האָט ער די גרעסטע טייל פון צייט גערוט, געטאָן האָט ער עס מיטן פולן באוואוסטזיין אז אויב זיין פליכט איז צו רוען, פירט ער זי אדורך מיט באזונדערן ערנסט. די איבעריקע צייט האָט ער פארבראכט מיט צוטראכטן לאָזונגען אין אלעקסאנדרינען. דעמלט האָט ער געהאלטן אז די עפּאָכע איז אזעלכע וואָס קאָן און מוז אויסגעדרוקט ווערן ביז אין איר לעצטער איינצלהייט נאָר אין אלעקסאנדרינען קאדענץ.

אין די טיפסטע טיפעניש אַ גרויס צימער, נאקעטע גראָע ווענט, אין מיטן צימער א געשטעל, א בעט אזא פון דרייצן צאָל דיקן קויטשוק אויף ניין און דרייסיק סאנטימעטער הויכע פיסלעך. אויך די פיסלעך זענען פון א ספּעציעלן איזאָליר מאטעריאל. איינגעגראָבן אין דער סטעליע הינטער א געדיכטער נעץ א טויזנט וואט שפּליטער פון חשמל-שטיין; אין די ווינקלען איינגעגראָבן אין די ווענט שפּליטערלעך פון נישט מער ווי פופצן וואט איעדעס. אין צימער פירן צוויי טירן איינע א ברייטע וואָס עפנט זיך מיט א סקריפּ און אנטקעגן א שמאָלע וואָס מע הערט קוים ווען זי ווערט געעפנט. זי גליטשט אויף גוט געשמירטע רעלסן אין פיינסטע רולמענטן אין דער טיף פון וואנט. שוין דער דריטער מעת-לעת אז מאגדאלענא ליגט צוגעקאָוועט צו אָט דעם געשטעל. פאר איר איז דאָ געלעגן דער וועלכן מע האָט גערופן דער פּראָפעט, מאגדאלענאס לעצטער מאן. איידער פאולוס האָט זי געבראכט אהער האָט ער איר אַן אָנצאָל מאָל דערציילט וועגן פארשידענע פאָרמען פון פארראט, פון שנאה. ער האָט זי געפּרואווט איבערצייגן אז מענטשן-ליבע איז א ווייטער צוועק. א דערהויבענער ציל און דערגרייכן אָט דעם ציל קאָן מען נאָר דורך אויסראָטן די שנאה; אויסראָטן, פארניכטן די שנאה ווידער איז מעגלעך נאָר מיט א נאָך גרעסערער אומרחמנותדיקער שנאה. אזא איז די לאָגיק, אזא איז דאָס אָביעקטיווע געזעץ, אזא איז דער דיאַלעקטישער פּראָצעס און דערפאר אויך דאָס געבאָט פון דער גרויסער פידקאָווע. אז שנאה מיינט שונאים איז אי א זעלבסטפארשטענדלעכקייט אי א נויטווענדיקייט ווייל אנדערש קאָן דער עולם, דער פשוטער עולם וועגן וועלכן אלץ ווערט געטאָן, נישט פארשטיין דעם צוועק און ציל וואָס איז אייגנטלעך זיין אייגענער, דעם עולמס הייסט עס. און אז אזא צוועק הייליקט אלע מיטלען וועסטו דאָך נישט צווייפלען!

אלע ביז אצינד אָנגענומענע מיטלען האָבן נישט געקאָנט איבערצייגן מאגדאלענאן, פונקט אזוי ווי זיי האָבן נישט געקאָנט איבערצייגן דעם פּראָפעט, מאגדאלענאס לעצטן מאן, אין דער גערעכטיקייט פון פאולוס ארגומענטן. זיי

האָבן באַטראַכט זיינע אַרגומענטן אַלס אומגעלומפּערטע און אים אַלס אַ האַלבּ־משוגענעם. כאָטש אַזוי האָט מאַגדאַלענאַ געפּרואווט אים אָפּווענדן פון זיין גע־פּלאַפּל, אים דערמאָנענדיק אַז פּשוטער זאַך ווי אַז אין איר העל־גראָקייט אין די פּידקאָווע אַ לויטערע און דאַרף נישט קיין אמת וואָס איז קיין אמת נישט; אַז דער פּראָפּעט, איר לעצטער מאַן, איז קיינמאָל נישט געווען און איז אויך אַצינד נישט קיין שונא; אַז ער, פּאַולוס, פּאָדערט פון איר עפּעס אַ משונהדיקן פּאַראַדאָקס: אין נאָמען פון דער פּידקאָווע פאַרשווערכן דער פּידקאָוועס שיין, ווייל איר לעצטער מאַן איז אין תוך אַ טייל פון דער פּידקאָווע, פון דעם הייליקן עמבלעם, אָדער כאָטש פון דער פּידקאָוועס אַ שטראַל. אַז איר לעצטער מאַן, דער פּראָפּעט, איז מער גאָרנישט, אַז ער האָט זיך אין איינעם אַ טאָג אויסגעלאָשן ווייל פּאַולו־סעס אַ פּרואוו איז נישט געלונגען, האָט זי נישט געוואוסט און פּאַולוס האָט איר דאָס נישט געזאָגט.

מאַגדאַלענאַן האָט פּאַולוס נישט געוואָלט פייניקן. ער האָט אַנטקעגן איר נישט געוואָלט און אין אַ געוויסער מאָס נישט געקאָנט, אָננעמען מיטלען וועלכע האָבן זיך אויף הונדערטער אַנדערע אַרויסגעוויזן ווירקנדיקע. מאַגדאַלענאַ האָט נישט געהערט צו אָט די הונדערטער אַנדערע, אַ באַווייז איז איר נאָמען ווייל ער איז אַ טייל פון זיין דרייקאַנטיקן גלויבן. דערפאַר האָט ער באַשטימט פּרואוון מיטן בעט, מיט דעם גומילאַסטיק געשטעל.

ווען מ׳האָט מאַגדאַלענאַן צוגעקאָוועט צום געשטעל האָט זי זיך געריכט אויף בייטשן, אַנדערש וואָס פאַר אַ זין קאָנען האָבן די גומילאַסטיק שטריק אויף איר נאַקעטן לייב. נאָך אַ צייט, ווען זי האָט פאַרשטאַנען אַז די פּיין באַשטייט פון ליגן אויף דעם געשטעל, זענען אירע געדאַנקען געוואָרן פרייער און זי האָט זיך אומגעקערט צו איר אייגן לעבן. די נאַקעטקייט, די פייכטע לופט, צי גאָר דאָס געדיכטע פינצטערניש האָבן געפירט אין דער לאָנקע וואָס נישט ווייט פון טערעס אָדער סערעט, אַ וואַסער אַזאַ. זי קוקט אויף זיך מיט אַ קריטישן אויג און קומט, מיט אַן עטוואָס טרויעריקן שמייכל, צום אויספיר: כלעבן אַ שיינענקע. סע וואונ־דערט זי נאָר ווי אַזוי אַזאַ פרילינגדיקע, כמעט ראָזעווע יינגשאַפט, פּאַסט זיך איין אין דער שווערפאַרביקייט. אומבאַוועגלעכע שוואַרץ־גרינע גראָזן, קופּערנע בלעטער, גראָבעביימער מיט פינצטערע לעכער, אַ שווערע שטילקייט האָט זיך געלייגט איבער דער לאָנקע. אַ פעלד־מויז קלייבט אויף גיך מיט די פאָדערשטע פיסלעך פּראָוויאַנט אויפן ווינטער, אירע אייגעלעך יאָגן איבעראַל, זוכן, ווילן באַצייטנט דערטאַפּן דעם שונא און נעלם ווערן; אַ בערגעלע פריש געגראָבענע ערד וואַקסט זעענדיק מיט די אויגן — אַ קראָט באַנייט איינגאַנגען און אויסגאַנגען, גראָבט נייע גאַלערייעס אין זיין אונטערערדישן פּאַלאַץ; אַ סטייע שוואַלבן כוואַ־

ליעט זיך פון ווייטנס — די עלטערע גרייטן די יינגערע צום ווייטן וועג. די לופט אין דער לאַנקע רוט אין טיפער אומבאַוועגלעכקייט, נאָר אויפן טונקל-בלאָען הימל יאָגן אשגראָע כמארעלעך. דאָרט אויבן הערשן ווינטן.

דאָס יאָר האָט מרים (דעם נאָמען מאַגדאַלענאַ וועט זי אָננעמען שפּעטער) געענדיקט די גימנאַזיע. אַצינד איז זי אַ גרויסע, אַ דערוואַקסענע פאַר אַלעמען. אַצינד מעג זי טאָן וואָס זי וויל נישט נאָר פאַר אירע עלטערן. די עלטערן ביי איר זענען מאָדערנע. כאָטש דער טאַטע אירער, דער רופא, וועט יעדעס יאָר אַריינטראָגן אַ צושטייער צום פאַריכטן די שיל, פאַר חברה-קדישא, כאָטש אין זיין קאַבינעט וועט הענגען אויף אַ בכבודיק פּלאַץ דאָס בילד פון זיין באַבאָרדיקטן טאַטן, וועט ער זיך נישט האַלטן דווקא אַלס ייד. ער וועט האַלטן אַז ער איז פּשוט אַ מענטש וואָס האָט פאַרשטענדעניש און אינטערעס צו אַלעמען; אויף די פּאָליצעס פון זיין ביבליאָטעק וועלן קאָנען לעבן בשלום העגעל מיט מאַרקסן, קאָוטסקי מיט לענינען, דער חומש מיטן נייעם טעסטאַמענט, קראָפּאָטקין מיט טראָצקין, הערצל מיט באָראָכאָוון, אין זיין טאָכטערס אופן לעבן וועט ער זיך כמעט נישט מישן. צו מאָל וועט ער זאָגן אַ מיינונג, אָבער אויפצווינגען וועט ער נישט פּרוּוון. מיט איר איצטיקן חבר. מיט דעם וואָס זי שפּאַצירט אַצינד אויף דער לאָנקע, וועט ער נישט אין גאַנצן זיין צופרידן, כאָטש דער יינגערמאַן געהער צו דער שטאָט-אינטעליגענץ און מע האַלט אים פאַר אַ גאָר, גאָר קלוגן. אפשר איז אין דער נישט צופרידנקייט אַ ביסעלע שולדיק דער פאַקט וואָס ביי אים, ביי דעם יינגערמאַן, וועט הערצל נישט קאָנען לעבן בשלום מיט באָראָכאָוון אפילו אויף די ביבליאָטעק פּאָליצעס. זי קוקט אויף אים מיט דעם זעלבן קריטישן קוק מיט וועלכן זי האָט פריער געקוקט אויף זיך און אויך אַצינד געפעלט איר דער דעמלטיקער אויסקלייב. כאָטש די שפּאַצירן און די חברשאפט האָבן נישט לאַנג געדויערט איז עס דאָך געבליבן איינס פון די שיינע קאַפּיטלען אין אירע איבערלעבענישן. אָט שטייען זיי איינער נעבן צווייטן, יונגע, פרייע, פרישע, מיט דראָלדיקע מוסקלען און נערוון. מיט אומבאַשטימטע געפילן און חלומות. צוויי שפּערלען באָדן זיך לאַנג אין שטויב, בלאָזן זיך, שויבערן די פעדערלעך, פּיסקלען זיך. זיי קוקן צו די שפּערלען, קוקן זיך איבער, פון זייערע בליקן קוועלט אַ שטראַל, רייסט אים איבער אַן איראָנישער טריל פון אַן אויסגעלאַסענער גריל. לאַכן זיי.

„פאַרוואָס האָט זיך מיר געדאַכט אַז אויב קלעטערן אויף דער לייטער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. מוז איך צו ערשט נידערן, גיין אַראָפּ?“ די פראַגע קומט אומדערוואַרט, פּלוצימדיק, און אַרויסזאָגן זאָגט זי מאַגדאַלענאַ אַרויס אויף אַ קול גלייך זי וואָלט זיך וועלן איבערצייגן אין איר ממשותדיקייט. אין מאָ-

מענט וואָס זי הערט איר אייגענע שטימע טוט איר באנג, האָט זי חרטה. נאָך מער ווייל אין דער זעלבער רגע דערפילט זי אז זי איז נישט אליין און נאָך אין די ערשטע מאָמענטן ווען זי איז געבליבן אין דער טיפער פינצטערניש האָט זי פעסט באשלאָסן אז אזוי לאנג זי וועט בלייבן דאָ, זאָל זי שווייגן, קיין וואָרט נישט ארויסרעדן. זי ווייסט אז יעדעס וואָרט קאָן מען אויסניצן קעגן איר און איר זענען איבערגעגעבן די נישט ארויסגעזאָגטע ווערטער און געדאנקען וועלכע פאולוס פרוואווט אזא לאנגע צייט איר אָנהעגנען.

די ווינקל חשמל-שפליטערלעך האט אָנגעצונדן פאולוס זיך לאנגזאם אריינשלייכנדיק דורך דער שמאָלער טיר, באטראכטן א רגע די פאציענטקע. אויפבאפנדיק אירע ווערטער האָט ער באשטימט בלייבן לענגער. ער האָט גענומען דאָס דערצו אָנגעגרייטע בענקל, זיך דערנענטערט מיט קאצנטריט צום געשטעל, זיך געזעצט לעבן מאגדאלענאס נאקעטקייט און אָנגעהויבן טריפן מאָנאָטאָן זיינע געדאנקען. (דאָס מאָל אין העקסאמעטרן — דאָס איז לויט זיין מיינונג די פאסיקסטע קאדענץ ארויסצורופן ביים סוביעקט א תשובה-שטימונג, א באשיידנקייט פון העכערער מדרגה אין וועלכער דער אייגענער איך ווערט אזוי נישטיק אז מקריב זיין זיך ווערט א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, איבערהויפט פאר מענטשן וואָס האָבן געהאט זאָל זיין דעם מינדסטן משא-ומתן מיט דער העל-גראָער פידקאָווע). ער רעדט ווער ווייסט צום וויפלסטן מאָל וועגן דער אָביעקטיווער נויטווענדיקייט אין שונאים, וועגן דעם אז די העכסטע מדרגה פון זיך צוזאמענשמעלצן, פון אויפלייזן זיך אין אידעאל דערגרייכט מען זיך דערקלערנדיק אלס דאָס וואָס מע איז אפילו קיין מאָל נישט געוועז, ווייל פאר דעם אינדיווויד האָט עס מער קיין זין, קיין אינטערעס; ווייל נאָר דעמלט הייבט מען זיך אויף העכער פון זיך.

— ווייסטו הייסט עס, הייליקער פאולוס אז דער פראָפעט איז אומשולדיק, אז ער איז קיין מאָל נישט געוועזן און איז אויך היינט נישט... מאגדאלענא ענדיקט נישט. נישט דערפאר ווייל זי האָט באמערקט דעם לייכטן שמייכל אויף דער קאלעך-ווייסער הויט. פאולוס האָט געשמייכלט ווייל ער האָט געוואוסט אז דער פראָפעט איז מער נישטאָ, אז שולד און אומשולד זענען שוין לאנג נישטאָ אין זיין אייגענעם באגריפן-סיסטעם. ער האָט געשמייכלט פון מאגדאלענאס צוריקגעשטאנענקייט, פון דעם וואָס דאָס אמאָליקע אי שיינע, אי קלוגע מיידל איז געבליבן מיט נישט מער ווי סימנים פון דעם אמאָל. מאגדאלענא ענדיקט נישט איר פראגע. סע טוט איר באנג די ארויסגערעדטע ווערטער אין זיין אָנוועזנקייט. זי האָט פעסט באשלאָסן וועגן דעם מער נישט צו רעדן און פלוצים, אונטערן איינדרוק פון זכרונות זיך ווידער געלאָזט אָפנארן פון פאולוסעס צונאָמען.

פון אָנהויב האָט מען שויליקן (פּאולוס איז ער געוואָרן א סך שפּעטער) גע־רופן דאָס פארליבטע יינגעלע, שפּעטער דער ראָמאנטישער בחור. העל־בלאָע אויגן אויף א ווייס־בלייכלעך פּנים אונטער א רייכער טשופּרינע האָבן אויסגע־זען פון אן אנדער וועלט. דערצו זיין קול, א שוישפּילער־דונערדיקס ווען ער דעקלאמירט, זיכער און אייגנבאוואוסט ווען ער רעדט וועגן קונסט אָדער גאָר וועגן פּאָליטאָלאָגיע און א גאָר אנדערס ווען ער איז מיט א מיידל. דעמלט באקומט זיין שטימע א ברייטע גאמע אינטאָנאציעס אין די נידעריקע טענער, א בלחשדיקער שעפּטש, א קוואל־געפּליסטער, א מין נארקאָטיק־טריפן גלייך אין דער אָדער. חלום ווערט וואָר. שויליק רעדט נישט, ער כישופט. דאָס ווייס־בלייכע פּנים, די העל־בלאָע אויגן, די בונטארע טשופּרינע שוועבן צווישן חלום און בענקשאפט, צווישן שאָטן און ליכט, צווישן מלאך און טייוול.

„אזוי האָט ער פארכישופט רחבן“, טראכט מאגדאלענא און אצינד גלויבט זי אליקומס פּאָרוואורף. אמאָל ווען ער האָט איר דערציילט וועגן שויליקס אופן, וועגן זיין באנעמען זיך מיט רחבן האָט זי געטראכט אליקום טרייבט איבער, ער איז אייפערזיכטיק. אזוי זענען יינגלעך מיט אש־גראָע אויגן אויף אָפּגעברענטע פּנימער. אצינד גיט זי זיך אָפּ חשבון אז אליקום איז געווען גערעכט ...
אפשר.

זיצן דריי ווייבער אויף איין שטיין,
זאָגט די צווייטע ניין;
זאָגט די ערשטע יאָ
נאָר אויף אן אנדער דנאָ ...
גיט די דריטע א שליידער
פליען מיר שוין ווייטער
טיפער אין דעם שייטער.

אן אָנפלאמיקע שרפה גיסט בלוט־רויטקייט איבער דער בארג־גריווע. איין און צוואנציק פארשידנפארביקע סילועטן שטייען אומבאוועגלעך און וואַרטן אויף די קוילן פון נישט געזעענע שיסערס. די קאָמפּאניע האָט פארשפּעטיקט. זי איז, ווייזט אויס, געבליבן א פארסאָפּעטע ערגעץ אונטער דעם בארג־שפּיץ; אָדער אזא ראָטע איז גאָר נישט פאראן און קיין מאָל נישט געווען.

די סילועטן באוועגן זיך וואקלענדיק, פאלן צוזאמען, די אָנפלאמיקע שרפה שלינגט זיי איין פּאָרלעכווייז; נאָר איינער, דער איינציק ליידיקער פון די איין און צוואנציק, בלייבט שטיין ווי א פון האָלץ געטעסעטער קרייץ. דאכט זיך די פאָר־

לעך קניען, זיי פאלן כורעים און שעפטשען א תפילה צו א נייעם גאָט. נידערן שטערן ביז מיט דער האנט צום באַרירן, די לבנה שוועבט ווי א קרישטאָלענער פּאָקאל, בחורים פלעכטן פאר מיידלעך קרוינען פון שאמפאניע-שפּריצעלעך.

דער ליידיקער, דער אליין שטיין געבליבענער איז שוליק. ער איז געקומען אליין וויל קלעטערן אויף בערג אין באַגלייטונג פון א מיידל הייסט צו מאָל אָפּגע-מען דעם רוקזאק, צוהעלפן מאכן א ברייטערן שפּאַן, אָדער גאָר נעמען דאָס מיידל אויף די פּלייצעס אריבערטראָגן א שמאָל בריקל, און ער, שוליק, האָט ליב גיין לייכט, אויב מעגלעך מיט די הענט אין די קעשענעס. אצינד האָט ער חרטה. דאָס געשעפּטש און געפּליסטער, דער געפּלאַפּל פון די פּאָרלעך, האַלט ער איז שרעקלעך נודנע, סע שלאָגט צום הארצן, עס איז ... ווי א פּויליש יינגל וועט, זאָגן, צום קאָצן, סע קערט איבער דעם מאָגן, אָבער פארברענגען אין צווייען גלוסט זיך דאָך. קלייבט ער טענענצווייגלעך, צינדט אָן א פייער, פארטרייבט לבנה און שטערן אויף יענער זייט שווארצן רויך און זינגט זיך דערביי א לידל. א לידל פון יענע וואָס פארנארן קליינשטעטלדיקע מיידלעך-בהמהלעך אין גן עדן פון אן אומבאַשטימטער בענקעניש וואָס רופט זיך נאָך נישט „סוסי ד'אמור", סעקסועלער טריב און אוודאי נישט סעקסי, נייערט נאָך אלץ שיר השירים-דיק-קליינשטעטלדיק-ראָמאַנטישער-ציטער.

צווישן די פּאָרלעך געפינט זיך אויך פּייוויש מיט זיין רחבן. רחבל איז א בלאָנד מיידל וואָס וויל נישט וויסן פון כלל אז היציקע דארפן זיין און זענען איבערהויפּט טונקל-הויטיקע, שווארצענקע. זי וויל זיין און איז טאקע אליין א היציקע, אָדער ווי מע זאָגט, א טעמפּעראַמענטנע. ניורעט זי זיך אין פּייווישן, קלעפּט זיך צו אים מיט אירע עטוואָס צו גרויסע בריסטלעך, ווארעמט מיט זייער ווייכקייט, און ער, פּייוויש, זיצט ווי א קלאָץ, פּרואווט אפילו נישטן פלעכטן פאר איר א קרייענדעלע פון לבנה שטראַלן. קוועטשט זי זיך נענטער צו פּייווישן און אירע בליקן הענגען אין שוליקן מיט זיין ניגון; איר קערפּער בענקט נאָך זיינע הענט באַרירונגען, דרוקן צור ברוסט זיין בונטארע טשופּרינע. דויערט נישט לאנג און דער קינפּטיקער פּאולום (אוי, וואָס פאר א בלוטיקן נאָמען ער האָט זיך געקאָנט צוקלייבן) באמערקט דאָס פייערל פון אירע בליקן. גיט ער א ווונק, א פון טויזנט שטריק געפלאָכטענעם ווונק, זיך אנטקעגנשטעלן איז כמעט אומעג-לעך. באַפרייט זיך רחבל פּאמעלעך פון קלעם, זי וואָלט וועלן פּייוויש זאָל זי צוריקהאלטן, זי נישט לאָזן, איר העלפן ביישטיין דעם גרויסן נסיון ווייל שוי ליקם כישוף לאָקט און שרעקט; נעבן פּייווישן פילט זי זיך זיכער, פּייווישס פשטות איז א ברייטער שליאך איבער באַקאַנטע געגנטן, שוליק פארנארט אויף קרום-קיילעכדיקע סטעזשקעס, אין שאָטנדיקע קוסטעס וואו סע לויערן ווילדע

חיהלעך מיט שרעקלעכע פייערלעך אין די אויגן. אָבער פּיוויש רעאַגירט נישט. אים דאַכט זיך אַז רחבלען וויל זיך פּשוט פרייער אָטעמען, אַז נישט מער דאָס געזאַנג צווינגט ציען מער לופט אין די לונגען...

רחבל פאַרשווינדט מיט שויליקן אויף זיינע סודותדיקע וועגן און פּיוויש בלייבט דער ליידיקער, דער אַליין געקומענער, ער זיצט אָפּ די נאַכט מיט טונקעלן באַנג אין די אויגן. קיינער באַמערקט דאָס נישט, אויסער אליקומן. מוטשעט אים אַ טאָפּלטער פאַרדראָס: עס איז אים אַ שאָד פּיוויש ווייל אַ פּשוטער, ווייל אַן אומבאַהאָלפענער אין זיין פּשטות, ווייל אַ געטרייער פריינד; און צווייטנס ווי אַזוי לאָזט זיך שויליק, דער קינפּטיקער עפּיסטאָלן שרייבער איין אויף אַזעלכע לייכטע נצחונות?

אפשר איז אליקום געווען גערעכט... טראַכט מאַגדאַלענאַ.

פליט אַ קראָ מיט אַ קוקאַווקע
לאַכן ביידע פון דער ספּראַווקע
ווערט די דריטע אויס די כלים
און זי וואַרפט שיער ניט אין חרם
מיט איר קריי:
זע!!!!! .....
דיין „אפשר“ איז דרעק!

גרויע מחנות מיט פינצטערע בליקן שלעפּן זיך איבער בערג, פעלדער, שליאַכן און וועלדער סטעזשקעס. זיי קומען און גייען פון פינעף שכנותדיקע בערגיקע קאַנטן; באַגעגענען קאָנען זיי זיך נישט, אפשר ווייל זיי קריכן מער אין שמאָלע טאָלן, ווייל זיי גיסן זיך ווי קילע לאַווע אין שאָטנדיקע טיפענישן; זיי ציען אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל; זיי זענען זיך נוקם מיט גיין נישט ווייסנדיק אין וועמען, זייער אומבאַוואוסטע נקמה באַשטייט פון טאָפּטשען די ערד מיט געלעכערטע פּאַסטעלעס (כאָטש די געגנט זעט איבערהויפּט נישט אויס צו זיין אַ פּאַסטעלעס־דיקע), מיט באָרוועסע פון ווינט, רעגן, קעלט און שטיינער צעקאַליטשעטע פיס. אויסגעטאָגענע אָסיענדיקע פעלדער, טרוקענע דערנער, נאַקעטע אָפּגעבלע־טערטע וועלדער, נישטאָ פון וואו אַ זערנע צו קלייבן און דער הונגער איז גרויס. דאָס יאָר איז דווקא יאָ געווען אַ רייכס. פעלדער האָבן געגעבן תבואה, ביימער פרוכטן, קוסטעס יאַגדעס. האָבן פויערים געזאַמלט, פליסיק געזאַמלט, פּונקט אַזוי פליסיק ווי געזייעט און געאַקערט, איז מען אָבער געקומען און מ׳האָט אַוועקגענומען, צוגענומען פון אונטער דעם דרעש שטעקן, אַוועקגעריבט

אויפֿן וועג צום שפּייכלער אָדער גאָר אראָפּגענומען פֿון אויוון, כמעט פֿון די טרינקעשקעס אוועקגענומען. פֿאַר איבעראַשונג איבער אַזאַ אָנפֿאַל האָבן די פּויערים אפֿילו נישט אוספּייעט צו זען דעם נישט־גוטנס פּנימער. געבליבן זענען פֿאַר די אויגן פֿאַרווישטע שאָטנס, אָנפּנימידיקע פּנימער, אַלע איין פּנים און דאָס פּנים אַ שלעכטס, אַלע איין האַנט און די האַנט אַ אומרחמנותדיקע, אַלע איין בייטש מיט אַ שרעקלעכן צוויק. אַצינד גייען זיי די פּויערים, און ברומען, אָדער זיי ברומען אפֿילו נישט; אפֿשר איז עס נישט מער ווי דער גערויש פֿון זייערע באַפּאַסטעלטע און פֿאַרהאַרטעוועטע באָרוועסע פֿיס, אפֿשר מער פֿון די באָרוועסע ווייל מאַזיאָליעדיקע און דערפֿאַר ענלעך אויפֿן גערויש פֿון אורוואַלד אין שטורעם. דאָס געברום, כאָטש אָדער ווייל אַן אָנוועטערדיקס סטראַשעט, שרעקט דער העל־גראָער פּידקאָוועס פֿאָרשטייער פֿון די קאַנטן און פֿון ווייט אַרום. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גייען, וואָס ווילן זיי? ווער וועט אַקערן די ערד. האָדעווען די בהמות, זאַמלען יאַגדעס אַז זיי גייען אַזוי אַרום פּוסט און־פּאַס? פֿאַבריקן דאַרפֿן זערגעס און יאַגדעס, די ערד וואַרט מע זאָל זי אַקערן, וואַרט אויף זייער באַ־פּרוכפּערדיקן שוויס, בהמות ווילן מע זאָל זיי קאָרמענען, דאָס פֿאָלק דאַרף, און זיי גייען, טאָפּטשען די ערד אָן אַ טאָלק און אָן אַ ציל. נאָך גוט וואָס זיי גייען זיך פֿאַרביי, רעדן זין נישט צונויף, אָבער אין תּוך וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אומגליק ...?

פּאַולוס רייט אויף אַ פֿערד. ער איז נישט קיין רייטער, אָבער געפֿעלן געפֿעלט עס אים. סע דערמאָנט אין יאָרן „געגאַנגענע“ ווען רייטן אויף אַ פֿערד מיט אַ שווערד ביי די לענדן פֿלעגט ברענגען פֿאַר די אויגן די העל־גראָע פּידקאָווע. ער רייט צו אַ נישט ווייט צעוואָרפֿן דאָרף. נאָך אים קומען באַטאַליאָנען און לעגיאָנען. אויך זיי טאָפּטשען די ערד אָבער נישט ווי די פּויערים. הערט מען זיך איין צו זייערע טריט, לאָזט מען זיך וויגן אין זייער קאַדענץ ווערט אַלץ ליב און ליכטיק. ער האָט זי איינגעפֿירט אָט די קאַדענץ ווייל אים קלינגט זי ווי זיג אין מאַרש. ער רייט צום דאָרף זען וואָס סע הערט זיך דאָרט אין די הייזער, זען צי זענען זיי נישט אַמאָל אין גאַנצן פֿאַרלאָזטע, צי זענען נאָך דאָרט פֿאַראַן לעבעדיקע נשמות. רייטן רייט ער כמעט ווי אַ גענעראַל, פֿילן פֿילט ער זיך כמעט ווי אַ מלך, נישט גלאַט אַזוי אַ מלך פֿון יענע וואָס קיניגן מיקלאָמפּערשט. ער איז פֿון אַן אַנדער שניט, אַ פֿון ערגעץ אַנדערש אַרויסגעוואַקסענער, אַן אין ראָמאַנטיק געהילטער. ער פֿאַרהאַלט דאָס פֿערד אויפֿן דאָרפֿספּלאַץ; אַן אויסגעשטרעקטער, שטראַמער רייסט ער דעם קאַשקעט פֿון קאָפּ; רייטנדיק מיט דער בונטאַרער טשופּרינע זעט ער אויס ווי אַן אָדלער אין פֿלי. פֿאַרדריסט אַביסעלע וואָס קיינער זעט נישט, קיינער באַוואונדערט נישט, און האָט אַ טעות.

אַז אין דאָרף ווער ווייסט פאַר וואָס פּאַרשפּעטיקטער בושל הייבט זיך אויף געבן אַ קוימען. שטייענדיק אויף איין פוס, גיט אַ קלאַפּ מיטן שנאָבל, פאַרמאַכט דאָס רעכטע אויג, מיטן לינקן באַטראַכט ער דעם מאָדנעם פּאַרשוין און מע קאָן נאָך נישט וויסן צי דער פּאַרשוין געפעלט אים, צי האָט ער אויף אים געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. נאָך אַ צייט גיט ער נאָך איין שנאָבל־קלאַפּ, מיט אַ ווידער־קול, אַרויסטראָגנדיק זיין פּסק־דין: דאָס איז ער, געזען גרעסערע.

פון בערג און פעלדער, דורך וועלדער, איבער סטעזשקעס, שליאַכן און שטיי־גערדיקע וועגן קומען פויערים אַהיים אויף נאַכט־לעגן. זעענדיק דעם נייעם פּאַר־שוין זאַמלען זיי זיך, מער קריכנדיק ווי גייענדיק, אויפן פּלאַץ. אפשר וועט ער עפּעס זאָגן וועגן אומגליק וואָס האָט זיי געטראָפן, וועגן שרעקלעכן אָנפאַל; אפשר ברענגט ער גאָר די איבערפאַלער מיט כאָטש אַ טייל פון רויב מע זאָל האָבן צו געבן קינדער זיי זאָלן זיך נישט אויסלעשן פון הונגער. שווייגט ער, און זיי, די פויערים וואַרטן, וואַרטן מיט געדולד, זיי טראַכטן אויב אַ שליח האָט ער זיכער עפּעס צו מעלדן. קוקן זיי מיט פינצטערע בליקן צום ליכטיקן שליח מיט העל־בלאָע אויגן, מיט אַלאַבאַסטער הויט, מיט אַ בונטאַרער טשופּרינע, ביז פּאַולוס הייבט אָן רעדן.

— וואָס איז דאָס פאַרא שליאָנדערן איבער פעלדער און וועלדער, דונערט זיין שווישפּילערישע שטימע, וואָס איז דאָס פאַרא צעלאָזנקייט? וואָס בלאָנד־דזשעט איר וויווילדע חיות אין דער נאַכט? וואָס פאַרא משוגעת האָט אייך באַוועל־טיקט? וואָס זוכט איר און וואָס ווילט איר מיט אייער ערדיש־פאַרשאָלטן געבראָם? שלעפּערס, בעלי־גופים!

אַ שווערע שטילקייט האָט געגידערט איבערן פּלאַץ זיך אָנלאָדנדיק מיט איי־גענעם פּולווער — אַ שרעקלעכער פּולווער, אויב נישט דער שרעקלעכסטער, אַזוי ביז פון דער שטומער מחנה מיט פינצטערע בליקן טיילט זיך אויס אַ הויכער, ביינערדיקער פויער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אַ שיינער אָדלער נאָז. דער בושל עפנט דאָס רעכטע אויג, טוט אַ קלאַפּ מיטן שנאָבל, ער זאָגט: נעבעך, ער האָט דערקענט דעם באַלעבאָס פון קוימען וועמענס רויך ס'האָט אים ביז נישט לאַנג צו מאָל געוואַרעמט, איז אים געווען אַ שאָד. קוקנדיק פון אָנהויב אויפן שליח, אויף זיין זיגערישן שטעל, האָט דער פויער געטראַכט: „אָט אַ בחורעץ! ער איז דער וואָס ברענגט די בשורה אַז אויפן וועג שלעפּן שוין אָקסן אָנגעלאָדענע וועגענער מיטן אָוועקגערויבטן גוטס, ער איז דער וואָס וועט דערפרייען אונזערע הערצער, זיי אָנזאָגן אַז צום באַדויערן איז נישט געלונגען צו ראַטעווען אַלץ אָבער דאָך אַ גרויסן טייל, צי כאָטש אַזוי פיל וויפל עס איז נייטיק צום דערהאַלטן ביזקל דעם קומענדיקן פרילינג דאָס לעבן פון קינדער און בהמות אין די פינעף

שכנישע קאנטן.‟ ווען ער האָט אָבער דערהערט דאָס שעלטן, די דערנידעריקנדיקע ווערטער האָט דאָס אים געוואונדערט ביז גאָר. דאָ איז אים איינגעפאלן, אפשר איז דאָס גאָר קיין שליח נישט, אפשר איז גאָר א ניי אָנשיקעניש אויף זייערע קאנטן. שוויַיגן האָט ער געטראכט האָט קיין זין, מיט שוויַיגן קאָן מען אָפּשטיין ווער ווייסט וויפל, שוויַיגן קאָן צו גאָר נישט דערפירן. מוז מען הייסט עס פרואוון. וועט ער פרואוון מיט גוטן.

— האר, פארוואָס שעלסטו אומגליקלעכע מענטשן? האָט ער געפרעגט מיינענדיק אז פראגעס זענען אומשולדיק. האָסטו נישט געהערט, איז צו דיינע אויערן נישט דערגאנגען אז אונדזערע קינדערס ברויט האָט מען אוועקגערויבט?

— אוועקגערויבט זאָגסטו? האָט א נייער דונער געטאָן. העצסט גאָר, בעל-גוף! דאָס ביסטו, הייסט עס, דער אנפירער פון דעם געטומל. שיסן דארף מען דיך! די לעצטע ווערטער האָבן איבערצייגט פאולוסן אז זיין פסק-דין איז דער ריכטיקסטער. תיכף שיסן דעם הולטיי, דעם אויסוואורף! האָט ער באפוילן באטאליאָנען און לעגיאָנען און באמערקט אז אויך פון דאָרט קומען די זעלבע פינצטערע בליקן. דער צווייפל פון טויזנט סאָלדאטן וואקסט אין איין רגע כמעט ביז דער הייך פון אייפעל-טורעם און אין דער צווייטער פאלט ער צוריק, קריכט ווי א וואָרעם אין סאָלדאטישע אויגן בלייבט באגראָבן טיף, טיף אזש אויף יענער זייט אויגן-עפּלעך, באהאלט זיך ערגעץ אין די געהירן אויף לעולם ועד…

דער פויער מיט די איינגעפאלענע באקן, מיט דער אָדלעריש פראָמינענטער נאָז ליגט מיט אָפענע אָנגלאנציקע אויגן איז זיין בליק נאָך פינצטערער. ארום אים איז פוסט נישט דער שטעפאנעשטער רבי, נישט דער וויזשניצער צדיק, נישט דער פאלטיטשענער גאון, נישט דער טאלנער גוטער-ייד וואָס האָט געוואוינט דאָ איבער די בערג, נאָר איינענקער אליין רעב לייזערל דער קליינער באווייזט זיך לעבן אויף דער ערד אויסגעצויגענעם פויער, א פארוואונדערטער און פילפראגעסדיקער: ווי שעלט מען עס די פּידקאָווע אין נאָמען פון דער פּידקאָווע? עס איז דאָך מער ווי אן אבסורדער משל! ווי אזוי נעמט מען צו, מיר-נישט-דיר-נישט, דאָס איינציקע וואָס מע קאָן נישט געבן! שקאָצימלעך, שראָצימלעך, ממזרימלעך וועלן געבוירן ווערן, אָבער וואָס טוט מען מיט אָט דעם פויער דאָ? ער וועט, ווייזט אויס, זיין פראגע מער קיין מאָל נישט קאָנען דערזאָגן. ווער ווייסט אפשר איז ער געבוירן געוואָרן, זיך אָפּגעמוטשעט אזוי פיל און אזוי פיל יאָרן, געוואָרעמט ביי זיין קוימען א בושל, צוליב שטעלן אָט די פראגע? ווי נאָר סע יאָווערט זיך אזא וואריאנט לאָזן זיך אָראָפּ פון הייכן און וואקסן פון טיפענישן ארום דעם טויטן גוף מיט אָפענע אָנגלאנציקע אויגן אין זשיפּעצעס און שטריימלן, זינגענ-

דיק (א ביסעלע אונטער דער נאָז) דער וויזשניצער און שטעפּאַנעשטער, דער טאַלנער (ווייל אין שכנות), דער פּאָלטיטשענער גאון (פון דערוויטנס, הינטער א בוים: מע קאָן קיין מאָל נישט וויסן מיט וואָס סע וועט זיך אויסלאָזן, איז בעסער יאָ געוועזן און נישט געווען דערביי), דער בעל-שם-טוב אין דעמקאַנטיקן שאַרסטיקן פּעלץ, אָנגעגורט מיט א היגן שטריק, שלייכט זיך פּאַמעלעך צווישן צדיקים און גוטע-יידן, פאַרזיכטיק ער זאָל זיך חס וחלילה מיט זיי נישט באַרירן; אויף זיין פּנים א טיפע זאָרג ווייל ער ווייסט וואָס פינצטערע פּויערישע-בליקן האָבן אזא לאַנגע צייט געבראַכט אויף יידן, ער דערנענטערט זיך צום טויטן און דעקט צו דאָס שטומע געוואַלט מיט דינע אויגן-לעפּלעך.

דער טראָפּן שוויים וואָס רינט איבער פּאולוסעס חוט השדרה בלייבט פאַרגלי־ווערט ביים זיבעטן גליד, לאָזט דאָרט א קוים באַמערקבאַרן פלעק; אין די בלאָע אויגן באַווייזט זיך א גרינער בליץ, אויף דער קאַלעך-ווייסער הויט וואַקסט א פּאַרמעט פינטעלע וואָס וועט מיט דער צייט ווערן א בראָדעווקעלע, פון דער בונטאַרער טשופּרינע פאַלן אַרויס דריי האָר וועלכע די כישופמאַכערינס באַהאַלטן שנעל אין זייערע טאָרבעס; דער בושל זעצט זיך רואיק אַראָפּ לעבן קוימען, דרייט צוויי מאָל מיטן קאָפּ די גאַנצע וועלט זאָל זען דאָס זשאַבקעלע פון שנאָבל, אַראָפּשלינגענדיק זאָגט ער: „פּע, סע שלאָגט צום בויך“.

— אָפּמאַרשירן! פּאולוסעס קול קייקלט זיך ווייט, ער גיט א טרייב דאָס פערד מיט די שפּאָרן און ווען ער געפינט זיך אויף דער סאַמע מיט פון לעגיאָנען קאָלאָ־נע, גיט ער א קורצן צי מיט די לייצעס. אויפן קאַברירטן פערד, מיט ווייסן שוים אַרום דער מאָרדע, דערפילט ער זיך אין סאַמע מיט פון געשיכטע, אזוי ווי צו זיין צייט מאַקעדאָן און מיט זיין וואונדער שיינער גאָמבע דונערט ער: זינגען! וואָס שלעפּט איר זיך ווי אַלטע באַבעס?! וואַקסט א קול פון טויזנט גאָרגלען, קלינגט אי אויפּרירעריש אי פּסאַלמאָדיש, הייבט זיך אין די הייכן און צוזאַמען מיט דעם געהויל וואַקסט זיין הארץ, קוועלט זיין נשמה ווייל ער האָט דערזען די העל-גראָע פּידקאָווע שוועבן פאָרויס זיינע באַטאַליאָנען און ווייסט אז אַלץ איז גוט. . . .

. . . .

זאָגט רעב לייזערל דער קליינער: „ער איז ווערט א קדיש“. ווים איך נישט ווער, דער מיט פון בעל-שם איבער אויסגעלאָשענע אויגן געצויגענע לעפּלעך צי גאָר פּאולוסעס ראָמאַנטיק. גייט דער פּאָלטיטשענער גאון אַרויס פון הינטער דעם בוים, שטייט א רגע, טוט א שאָקל מיט דער באָרד, טראַכט: „א קדיש, ווי א קדיש, אָבער א שיינע מצבה, א מאָנומענט אזא ...“ שוועבן אָן צוויי גרויסע כמאַרעס, איינע מוקדון רייטנדיק אויפן פערד און די צווייטע א קריג-פירער אויף א געפּאַנצער־

טער מאכינע מיט רויכערדיקע קאנאָנען; הייסט עס כמעט ווי: אָט, קלויבט זייט מוחל.

די דריי כישופמאכערנס קריכן פון בושלם נעסט ריינטדיק אויף זייערע אָפּ־געברענטע שטעקענעס, פארבעטן מיך העפלעך: געגוג געשאָלטיקט, קום!

פארלאָזנדיק מאגדאלענאס נאקעטקייט, ארויסגייענדיק פון קוים קוים באַלויכטענעם צימער גיט פּאולוס א דריי דעם אויטאָמאטישן שאלטער און דער טויזנט וואט שפּליטער הייבט אָן פינטלען. דרייסיק סעקונדן זוניק ליכט גלייך אין די אויגן און דרייסיק פינטלדיקס. אזוי דריי מינוט. נאָך אן איבערייס פון אכט און צוואנציק סעקונדן, אין וועלכע דער שטאָק־חושך נעמט איין דאָס צימער, הייבט אָן פונסניי דער ליכט קאראהאָד.

צודעקן די אויגן מיט די הענט קאָן זי נישט.

פאלט זי אין א רויט חלשות מיט שטשורעס, ווילדע קעץ, פּויזענדיקע שלענג, שווארצע שפּינען, ברוינע יאשטשערקעס, העל־בלאָע כאמעליאָנען, א כמארע ווייסע פעדערן ווירבלט זי ארויף פון אָפּגרונט, וואראָנעס מיט רויטע פליגל און שווארצע פּלאסטיק־שנאָבלען פּיקן אירע אויגן־עפּלעך. פאלט זי אין א גראָ חלשות מיט געלע ווערים, שווארצע פּיאווקעס, גרינע פיש, אָנאוויגיקע קראָקאָ־דילן, קלעפּערדיקע שנעקן, געפּלאָנטער פון וואסער־גראָזן, זאלצוואסער אויף פרישע וואונדן...

זיצן דריי וויבער אויף איין שטיין
זאָגט די דריטע: לאָז אים גיין
פרעגט די ערשטע: וואוהין?
בילט די צווייטע ווי א הונט
און די דריטע זאָגט דעם שפּרוך:
דורך פייער און ווינט
זאָל ער קריכן טיף,
טיפער אין בלוט
ביז בלוט ווערט וויים
ווי א שטיין פון אייז!

אויף א שטערן־שטראל שטייען פיר שורות צו אכט קאסטרירטע מענער, זענען זיי דריי און דרייסיק; פיר רייעס צו אכט אָנברוסטיקע, אָנהאָריקע פרויען, צוזאמען אויך דריי און דרייסיק. א ליכטיקע אין בלאָ געבאָדענע דרייט זיך די

ערד, פון הימל פאלן רויטע פאראשוטן, איינער א ווייסער מיט אָראנזש שטריק. אין קרישטאָלענעם זײַל זיצט משה, זעלבסטבאוואוסט, אין דער לינקער האנט א קארדינאל-שטעקן, אין רעכטן אויג א בליץ. פון זײַן באָרד שיט זיך א זילבער-נער שניי א פאָרעכדיקער. ארום דער ערד דרייט זיך א ריזיקער סאטעליט — יעזוס מיטן קרייץ אויף די פּלייצעס; לאנגזאם באגלייט אים א פעטער, צווײַדײַטיק שמייכלנ-דיקער בודא אין א מארמערנעם פאָטעל; אין א ווייסן כאלאַט מיט ברוינע פּאסן, דאָס פּנים אײַנגעהילט אין א ווייסער פאטשיילע יאָגט זיך נאָך זיי מאכמוד, פון איין אויג סטראשעט א פייער-שפּיז. די זון גיסט איבער אלעם א געדיכטן חושך. קאָכנדיקע שווארצע סמאָלע איבערשווענמט אן אָנגעהויערן קעסל, א געשטאנק פארפלייצט דעם חלל. דער גיהנום איז נאָר ווייטיק, א ווייטיק וואָס דערוויטערט זיך אין שטאָק-פינצטער. באווײַזט זיך די זון פונסניי, בלענדט מיט שווארצער ליכט, שפּריצן פלאמען, פארקוילן ערד, לבנות, פאראשוטן און פראָפּעטן. אויפן שטערן שטראל זינגט דער קאסטרירטער נישט-מענעריש-נישט-ווײַבערישער כאָר אין פאלסעט די „ניינטע“, קלאָר און שרעקלעך נישט פארשטענדלעך קלינ-גען די ווערטער: „אלע מענטשן זענען ברידער“, ווערט דער חלל א ריזיקער בויך עפנט זיך זײַן טראכט און פון איר מארשירן אין פיר שורות צו אכט מיט איינעם אן איבעריקן קאסטרירטע מענער, אָנברוסטיקע פרויען, אן אָנסופיקע קאָלאָנע באגלייט פון געקוילעטע גענדז, קאטשקעס, הינער און פאזאנען וואָס קלאפּן מיט די פליגל, קרייען, קוואָקען און וואָרקען: „פאר דעם גרויסן פרעסער, פאר דעם נייעם דור המדבר“. פרעגט זי איר טאטע: „וואָס זאָגסטו דערצו?“ כניקעט מאגדאלענא: „כ'קאָן גאָרנישט זאָגן“.

שלינגט אלץ פּאמעלעך איין שטאָק-פינצטער, נאָר איין קליין שטערנדל פינ-קלט מאט פון ווייט, ווייט, דערנאָך דערנענטערט עס זיך מיט דריבנע טריט, איז עס א צלם און צו אים צוגעצוועקעט איר פאָטער מיט זײַן שטענדיק טאָלעראנטן אלץ-מוחלדיקן שמייכל.

— האָסטו זיך, הייסט עס, פאָרט געראטעוועט פון געטאָ? וואונדערט זיך מאגדאלענא.

די וואונד פון דער רעכטער האנט אייטערט, די פון דער לינקער בלוטיקט, פון הארץ שטראָמט א זידנדיקער קוואל.

קרעכצט מאגדאלענא: „כ'האָב קיין כוח פאר רחמנות, טאטע“. לייגט ער א פינגער צו די ליפּן און זאָגט: ששש... ששש...

פּינטלט דער טויזנט-וואט חשמל שפּליטער, און דער ווייטיק זאָגט: בלינד, אויף אייביק בלינד; איין מאָל פאר אלע מאָל בלינד... טאפּט זי מיט איר נאקעט-קייט א צייט דעם שווארצן שטאָק-חושך.

גליענדיקע אייזנס, עמערס קאַלט וואַסער, עלעקטרישע קאָנטאַקטן, טיפער שלאָף, געליימטע הענט און פיס, צעדרויבלטע פינגער..............
....

— פּאַוואָליע, דער עיקר פּאַמעלעך מיט געדולד; דער עיקר איז נישט מיט אַ מאָל עפענען די אויגן, עצהט די קראַנקן-שוועסטער און מאַגדאַלענאַ פאָלגט.

אַ מילך-נעפּל אַרום און עטוואָס באַקאַנטן קאָפּ, קאַלעך-ווייסע הויט, העל-בלאָע אויגן, האַלב אויסגעקראָכענע האָר, אַ שטאַרער בליק מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— געראַטעוועט די אויגן, זאָגט פּאַולוס מיט אויפריכטיקער צופרידנקייט.

„דאַכט זיך אַז דאָס קול וואָלט געדאַרפט שרעקן", טראַכט מאַגדאַלענאַ און סע שרעקט זי נישט מער.

— וואו איז דער פּראָפעט, פרעגט זי מיט אַ קוים קוים לשון.

— ווייסט נישט, וואונדערט זיך פּאַולוס, ווי אין דער עוואַנגעליע, געקרייציקט.

— אָך יאָ, שעפּטשעט זי, אודאי... און וואָס טו איך דאָ? ... ווער בין איך?

— קיינער. אַמאָל, דערמאָנט זי פּאַולוס ביסטו געווען. אויך דעמלט האָסטו קיין מעלדונגען נישט געגעבן. אַ וועלט אַזאַ געווען, מיין נישט אַז צוליב דעם פּראָפעט האָט מען געדאַרפט דיין דערקלערונג.

מאַגדאַלענאַ קוקט זיך איין נענטער צום פּנים פון דעם וואָס רעדט. יאָ, עס איז פּאַולוס; דער שמייכל איז אַ געבאָרגטער, צוגעקלעפּט צום מויל-ווינקל מיט סקאָטש. ווען סע זאָל געווען גיין נאָר אין פּראָף, רעדט ווייטער פּאַולוס, וואָלט מען דיין דערקלערונג איבערהויפּט נישט געדאַרפט; געגאַנגען איז עס אין דיר, עס איז געווען נוגע דיין אייגענעם צווייפל און דו האָסט אים, מיט דיין שווייגן, באַשטעטיקט.

פּאַולוס איז געבליבן אַ סענטימענטאַל, ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון אויפצוקלערן מאַגדאַלענאַן. פּאָרט פאַרבראַכט אַזאַ צייט צוזאַמען, פּאָרט וואוינט מען אַזוי לאַנג אויף פאַרפּראָשעטע ווענט.

אין באָד אַנטקעגן שפּיגל וואַשט פּאַולוס דאָס מויל מיט פּאַסטע „אַקטיוואַ". די פּאַסטע „אַקטיוואַ" לאָזט אַן אָנגענעמען גערוך און אַ קילקייט אַזאַ. אַמאָל, טראַכט ער, האָט מען געריבן, ווער סע האָט געריבן, די ציין מיט אַש אָדער זאַלץ, ביי דעם געדאַנק ווערט זיין שטימונג אַ געהויבענע, אַזאַ וואָס פּאַסט דער הייג-טיקער איינלאַדונג.

פאַרן אַרויסציען דעם קאָמבינעזאָן באַמערקט מאַגדאַ די העלע פּאַסן הויט אויף איר פּלייצע. ניין, דורך דעם קאָמבינעזאָן און טונקל-ברוינעם קלייד וועלן

זיי נישט ארויסקוקן. א פארגעסענע געשיכטע. זי קוקט אין די אייגענע אויגן און באמערקט ווידער דעם דאָרט אין טיפעניש באזעצטן טרויער. טוט א קרעכץ: „אוי, ווי שוואך דער מענטשלעכער מין איז. ער וויל נישט פארגעסן ... מע וואָלט עס געדארפט, כלעבן מע וואָלט געדארפט...“

אצינד שטייען זיי איינער אנטקעגן צווייטן.

פאולוס זאָגט: מאגדאלענא, און וואונדערט זיך נישט וואָס דווקא זי.

מאגדאלענא זאָגט: פאולוס, און וואונדערט זיך נישט זייער, זייער וואָס אויך ער.

פון א שמאָלער טיר וואָס אויף יענער זייט העל-גראָער פידקאָווע, קומט שמייכלענדיק א מאן, זעט אויס צו זיין קאסטרירט. ער קומט אין א שווארצן קאָסטיום, א ווייס העמד, העל-גראָע קראוואט. ער איז באגלייט פון א זייער ערנסטער אָנ־ברוסטיקער פרוי, אויפן קאָפּ טראָגט זי א העל-גראָען פאריק, דאָס קלייד טונקל־בלאָ. זי טראָגט א גרויסן טאַץ. אויפן טאַץ ליגן צוויי קליינענקע, גלאנציקע פיד־קאָווקעלעך, זילבערנע מיט גילדענע טשוועקעלעך. דער מאן הענגט אָן איינס אויף פאולוסעס ברוסט און איינס אויף מאגדאס. זיי קוקן זיך ווידער איבער, סע וואונדערט זיי נישט וואָס זיי זענען געגרופן געוואָרן צוזאמען און אויך נישט וואָס קיינער פון זיי איז נישט אוועק. פארקערט.

פאולוס איז איבערצייגט אז דער מעדאל קומט אים.

מאגדאלענא טראכט: „דער מאדעל קומט זיכער מיר, אָבער סע דויערט דאכט זיך צו לאנג“.

באגעגענענדיק דעם שמייכל פון כמעט מענלעכן געשטאלט אין שווארצן קאָס־טיום, צווייפלען זיי א רגע. מאגדאלענא מחמת דער שוואכקייט פון מענטשלעכן מין בכלל און פון איר מין בפרט; פאולוס מחמת זיין פארשאָלטענעם סענטי־מענטאליזם, א געבליבענער פון זיין ראָמאנטישער עפּאָכע.

*

זיצן דריי ווייבער אויף איין שטיין
איינע זאָגט יאָ,
איינע זאָגט ניין,
די דריטע ...

ניין, די דריטע זאָגט שוין גאָרנישט, ענדיקט זיין קינדער מעשהלע שמואל האָלצהעקער, ווייל פון ערגעץ הערט זיך א שקאָצישער האָנען קריי.

פּיאַווקעס

אַמאָל פֿלעגט מען דערציילן, אין ווינטער נעכט, ווען אין קוימען פֿלעגט וואָיען דער ווינט און דעם דרויסן האָבן געמוטשעט זאַווערוכעס, געשיכטעס מיט זשאַבעס, פֿלעדערמייז, פּיאַווקעס, סאָוועס, ווילדע קעץ, וועלף. אַמאָל זענען דאָס געווען מער אויסגעטראַכטע מעשׂיות, געבוירענע אין געפּייניקטע געמיטער אין שאָטן פֿון גרויסע הילצערנע צלמים. אַמאָל פֿלעגט זיך דאַכטן אַז דער קוויטש פֿון אַ סאָווע און דאָס געפּלי פֿון אַ פֿלעדערמויז וועלכע האָט זיך געזעצט אויף אַ פֿעלד־צלם האָט עפּעס צו טאָן מיט יעזוסן, מיט דעם איינציקן לעבנגעבליבענעם פֿון צענדליקער טויזנטער געקרייציקטע.

דערציילן פֿלעגט מען געוויינטלעך, אין פֿאַרוואָרפֿענע ווייט פֿון שטעט און דערפֿער איינפֿאָר־הייזער, וועגן כּישוף, שדים, בלאָנדזשענדע גייסטער. דערציילן פֿלעגט מען אויך וועגן שרעקלעכע מאָרדן וועלכע מ׳האָט צוגעשריבן גזלנים, די זעלבע שדים און וואָגלענדיקע גייסטער אָדער גאָר וואַמפּירן...

הײַנט דערציילט מען נישט. נישט נאָר ווײַל די איינפֿאָר־הייזער זענען נישט מער אַזעלכע פֿינצטערע, שאָטנדיקע ווי אַמאָל, אָדער ווײַל איבערגעשטיגענע פֿון צוואַנציקסטאָקיקע הייזער דאָמינירן מער נישט די קלויסטער שפּיצן, נייערט ווײַל אַלע אַמאָליקע אויסטראַכטענישן האָט איבערגעשטיגן אונדזער הײַנטיקע ווירקלעכקייט. און אויב שוין יאָ, דערציילט מען וועגן אַ קיסר וואָס האָט צעשניטן זײַן ווײַב אויף שטיקער, אײַנגעפּאַקט אין באַגאַזש־אָפּטייל פֿון מאָדערנעם אויטאָ, צוגעפֿאָרן ביז דעם נאָענטן טײַך אין וועלכן סע ווימלט מיט קראָקאָדילן, געוואָרפֿן שטיקערווייז דעם ווײַבס גוף, זיך פֿאַרווײַלט צוקוקנדיק ווי די רעפּטילן רײַסן זיך איבער פֿלייש און בײנער און געקומען צו דער מסקנה אַז ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט דעמלט ווען ער האָט זי אויסגעקליבן פֿון הונדערט אַנדערע: זי איז באמת געווען אַ באַטעמטע; אָדער וועגן אַן אַנדער קיסר וואָס האָט מיט דער אייגענער האַנט דערמאָרדעט עטלעכע צענדליק קינדער,

אויסגעקליבן די וועלכע האָבן אים אויסגעזען באַפּליישטער, געהייסן לאָזן קו — מען א געגיטן העקער, פאַראָרדנט צעטעכערן און באַהאַלטן אין פריזער — לעצטע דערגרייכונג פון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע — וועלכן ער האָט מיט א קורצער צייט פאַר דעם געשעעניש געלאָזט אינסטאַלירן אין זיינער א זומער אָדער ווינטער וואוינונג. אין אזעלכע צייטן דערציילן א מעשה מיט פּיאוועקעס קומט אויס מאָדנע, אביסעלע אַלטמאָדיש אויב נישט קאָמיש. אפילו ווען ס'איז פאַרבינדן מיט א מאָרד זעט עס אויך אויס דעסועט. ווען די מענטשהייט לעבט איבער ווילדע האָלאָקאָוסטן, ווען סע ווערן באַשטעטיקט יענעמס ווערטער אַז: א מיליאָן דערמאָרדעטע איז נישט מער ווי א ציפער אין אַן אַלגעמיינער סטאַטיסטיק, קומט באמת אויס אויסטערליש פאַרלירן צייט מיט א מעשה וועגן פּיאוועקעס און א באַוואוסטזיניק פאָרגענומענעם מאָרד. נאָר אזוי ווי סע האלט ביי ציטירן וואָלט מען אפשר געדאַרפט ווידער ציטירן יענעם מיט דעם מיליאָן און מיט דער סטאַטיסטיק וועלכער האָט אויך געזאָגט: איין דערמאָרדעטער איז א פאַרברעכן אָבער א מיליאָן א.א.וו.

אזוי אַז כ'וועל דערציילן, וואָלט מסתמא געזאָגט שמואל האָלצהעקער מיט א גאָר אנדער אויסזען ווי געוויינטלעך, ווייל געוויינטלעך זענען זיינע מעשיות האַלב חלום, האַלב וואָר, האַלב אויסגעטראַכט האַלב צוגעטראַכט, דאָס מאָל אָבער ווען ס'איז די רייד פון אַן אמתער געשיכטע און דערצו פאַר פּשוטע מענטשן א שוידערלעכע ...

ווען חנה האָט פאַרלאָזט די היים און חתונה געהאַט מיט וואַלעריו, האָט עס קיין רושם נישט געמאַכט. ווי אויסטערליש סע זאָל נישט אויסזען, נאָך נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, נאָך דעם ווי פאַרשיידענע פעלקער האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים געקוילעט יידן, זענען ביי יידן געמישטע חתונות אַריין אין טאָגטעגלעכן לעבן ווי א זעלבפאַרשטענדלעכקייט. די וואָס זענען מקפּיד אויפן יידישן וואָרט, אויך אַצינד ווען נאָר מענטשן אין די זיבעציקער אָדער אכציקער יאָרן גלייבן נאָך באמונה שלימה אַז יידיש וועט פאַרצייכענען א ווידעראויפלעבונג, א רענעסאַנס, אזעלכע מקפּידים וואָלטן געזאָגט אַן אַליינפאַרשטענדלעכקייט. חנה מיט וואַלעריון האָבן זיך געאיילט פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען אויסגייענדיק ביידע פון דעם זעלבן שטאַנדפּונקט וועלכער איז באַשטאַנען פון דעם אַז בעסער אזוי, נישט חנה'ס און נישט וואַלעריוס עלטערן האָבן גאָרנישט געהאַט קעגן זייער חתונה. אַז זיי ליבן זיך האָבן זיי געוואוסט זינט לענגערער צייט, אויך אַז זיי מיינען דאָס ערנסט האָבן זיי געוואוסט, וועגן חתונה האָבן האָט מען אָבער נישט גערעדט. ביי ביידע משפחות האָט ערגעץ געהויערט אַן אפשר.

היינט איז אנדערש ווי אמאָל, אָבער ווער קאָן וויסן וואָס יענער טראכט, אויף וויפל יענער האָט אויסגעקאָרטשעט פון זיך דעם פאָראורטייל אז... אָבער ווען די קינדער, דאָס הייסט חנה מיט וואַלעריון זענען געקומען און געזאָגט אזוי און אזוי, און דווקא אין א מאָמענט ווען ביידע פאמיליעס האָבן זיך געפונען אויף אן אויספלוג ערגעץ אויף איינעם פון די ביסטריצא ברעגעס, איז די פרייד געווען אן אויפריכטיקע, א פון־גאנצן־הארצנדיקע. אוועק פון זייערע אלטע היימען האָבן זיי אייגנטלעך באשלאָסן מחמת דער זעלבער סבה איבער וועלכער די עלטערן האָבן פריער נישט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט דאָס פאָרל צו פאַרקנסן. טאקע די בעסטע באציאונגען, טאקע זייער באליבט, טאקע שטענדיק אויפגענומען סיי חנה׳ן ביי וואַלעריוס עלטערן, סיי וואַלעריון ביי אירע עלטערן מיט דעם פריינטלעכסטן שמייכל, אָבער אז מע וואוינט צוזאמען מעת־לעתן נאָך מעת־לעתן איז נישט מעגלעך אויפצוהאלטן די גאנצע צייט אָט דעם ליבלעכן שמייכל. ס׳איז אפילו נישט אין דער טבע סע זאָל זיין אזוי. איז מען די גאנצע צייט אינאיינעם, אין קיך און אין באָד, אין עסצימער און אויף דער טעראסע, קאָן צועסן. ווען סע עסט צו באהערשט מען ווייניקער די ווערטער און סע קאָן קומען צו: וואָס ווילסטו, א יידישקע; אָדער: ווי אזוי קאָן זיין אנדערש אז ער איז א שייגעץ. כדי סע זאָל נישט דערגיין דערצו האָט דאָס יונגע פאָרפאָלק נאָך פאר דער חתונה זיך פארשאפט א שטוב און ווי נאָר ס׳האָט זיך געענדיקט דער יום־טוב זענען זיי אוועק אויף זייער אייגענער וואוינונג.

ער אן אינזשינער, זי א טעכניקערן. האָבן זיי ביידע געארבעט, אויסגעפוצט דאָס שטיבעלע אזוי ווי זיי האָט געפעלן, דאָס הייסט אז חוץ דעם וואָס מ׳האָט געפונען צום קויפן כדי איינצואָרדענען באקוועם, געמיטלעך און אָנגענעם א וואוינונג איז זיי געלונגען אריינברענגען עפעס וואָס נישט איעדער קאָן, אָדער האָט די מעגלעכקייט צו פארשאפן, און נעמלעך: א טויבנשלאק אטמאָספער. (אויב „טויבנשלאק" הייסט באשטענדיקער שלום און אייביק צופרידן זיין מער מיטן פארטנער ווי מיט זיך) פון אלעם האָט אראָפּגעקוקט אן אָנגענעמע שטילקייט, פון ארום און ארום האָט געוויעט מיט לייכטער פרישער ווארעמקייט, פון די פירהענגלעך ביז דער שמאטע מיט וועלכער מע ווישט די שיך ביים אריינגאנג, האָט עס געזונגען שירה. זיי האָבן זיך זייער, זייער ליב געהאָט. און פון וואָס? פון גאָרנישט. נאָך אין לעצטן קלאס גימנאזיע, ליציי, מיטלשולע, אָדער ווי מע וויל, האָט א צי געטאָן צווישן זיי א מין פארכישופטער פאָדעם און האָט זיך ארויסגעוויזן א דויערהאפטער סיי אין שווערע, סיי אין ווייניקער שווערע מאָמענטן. א טייל פון די שוועריקייטן האָט געשטאמט פון זייערע עלטערנס לאגע. סיי אירע, סיי זיינע עלטערן זענען געקומען פון פאמיליעס וועלכע האָבן געשיקט

די קינדער אויף ארבעט ווי נאָר ס'האָבן זיך באוויזן די סימני בגרות, דאָס הייסט ווי נאָר דאָס מיידל איז אויף איר גאנץ לעבן געשטעמפּלט געוואָרן אלס פּרויענצימער און דאָס יינגל אלס מאנספּארשוין. זייערע קינדער האָבן זיי געוואָלט האלטן וואָס לענגער אין די שולן און דערצו אין גוטע. און אזוי ווי פון דער מלחמה — פון דער צווייטער אלוועלטלעכער — זענען זיי ארויס מיט גע-ווירטע פּארדינסטן פאר דער געזעלשאפט און פאר דעם לאנד, האָט מען זייערע קינדער — דאָס הייסט חנה'ן און וואלעריון — אויפגענומען אין איינער אזא שול וואָס האָט זיך גערעכנט פאר כמעט דער בעסטער, אויב נישט די בעסטע. אין אזא סאָרט שול איז דער שילער-צוזאמענשטעל, ווי באוואוסט, א מער סעלעקטירטער, אן אויס-און-איבערגעקליבענער. דער גרעסטענטייל עלטערן קאָן זיך דערלויבן אונטערוואַרפן, ארויסהעלפן צי גאָר אונטערנעמען פארשי-דענע אקציעס, אויספלוגן, ארויספאָרעכצן מיט אייגענע געצעלטן און צו מאָל אויך אויטאָס, פארשטייט זיך אז אויך זיי האָבן זיך געמוזט און געוואָלט באטיי-ליקן אָבער מיט זייער באשיידענע מיטלען. האָבן זיי ביידע געפונען דעם קוואל פון כוח נישט אראָפּצופאלן ביי זיך. פאַרקערט, זיי האָבן ארויסגעוויזן די נייטיקע ווערדע, דעם באשיידענעם שטאָלץ וועלכע האָבן אימפּאָנירט אפילו די גאָר, גאָר געפּעסטעטע יינגעלייט. נאָך פון דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן זייער ליבע וואָס דויערט מיט דער זעלבער פרישקייט ביז איצט.

זענען אוועק א יאָר צוויי זינט זיי וואוינען אין טויבנשלאק און די אנדערע אליינפארשטענדלעכקייט וואָס קומט נאָך יעדער חתונה איז געקומען אויך צו זיי. חנה פארגייט אין טראָגן און וואלעריו האָט נאָך פאר דער געבורט צוויי געליבטע, זוייל ער איז זיכער אז סע וועט זיין א מיידעלע. געבוירן געוואָרן איז טאקע א מיידעלע וועלכן זיי האָבן א נאָמען געגעבן ווי א באקרוינונג פון זייער ליבע חוה, דאָס הייסט די ערשטע אותיות פון זייערע אייגענע נעמען; און זיי האָבן זיך דער-מיט געצאצקעט אין שטוב און אויף דער גאס נישט טראכטנדיק צו אן עין-הרע, זוייל ווער טראכט עס נאָך א צווייטער וועלט-מלחמה צו אזעלכע נארישקייטן זוי אן עין-הרע.

מסתמא איז עס טאקע קיין עין-הרע נישט געווען. חנה איז קראנק געוואָרן און גאָר אין גיכן האָט זיך ארויסגעוויזן אז איר קראנקהייט איז נישט קיין הייל-בארע. פאר וואלעריון האָט אָנגעהויבן א שווידערלעכע צייט. דערציילן נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה — נאָך דעם וואס אויף דער גאנצער וועלט האָט זיך געפונען קוים איינער וועלכער זאָל געראטעוועט ווערן און אָנשרייבן וועגן דעם א בוך — דערציילן וועגן דעם וואָס א ראק הייסט און וואָס פארא ליידן און צרות ער ברענגט סיי פאר דעם קראנקן, סיי פאר די נאָענטע האָט קיין זין. א קאנסער

בלייבט א שרעקלעכע קרענק מיט אומפארשטעלבארע אימפליקאציעס אפילו ווען זי איז באקאנט אזוי ווי היינט צו טאג. דערצו נאך א גאלאפאנטער.

חנה איז געשטארבן, וואלעריו איז געבליבן מיטן פיצעלע מיידעלע. א צייט איז ער ארומגעגאנגען ווי א משוגענער; ער האט געוואלט זיך נעמען דאס לעבן, מאכן אן ענדע. דעמלט האט ער פון ערגעץ פארשאפט א רעוואלווער און אויך די נייטיקע קוילן, אבער צו זעלבסטמארד איז עס נישט געקומען. דאס קליינע באשעפעניש האט אפגעהאלטן.

ס'איז אוועק א צייט, עלטערן, אויך חנה'ס, האבן אנגעהויבן צושטיין צו וואלעריון ער זאל זיך נעמען אין די הענט, טראכטן צום קינד און צו זיינע יונגע יאר, זיך נישט אפזונדערן פון מענטשן און ווידער פירן א נארמאל לעבן. וואלעריו האט נישט געוואלט הערן און נישט געהערט, זייערע עצות האבן נאך מער אויפגערעגט די וואונד. אזוי ביז... ביז די וואסערן האבן זיך צוריקגעצויגן און דער שטילער שטראם האט פאמעלעך ארייגעצויגן וואלעריון און אים גע-טראגן אויף דעם סאמע נאטירלעכסטן וועג. דאס מיידעלע איז אלט געווען א יאר מיט פינעף אדער זעקס חדשים ווען וואלעריו איז אהיים געקומען מיט א נייער מאמע.

שווער צו וויסן וואס די נייע מאמע האט אזוינס געזען אויפן מיידעלעס פנים, אדער גאר אויף וואלעריוס ווען ער פלעגט דאס נעמען אויף די הענט. א פאקט איז אז זי האט דאס פיינט געקריגן. זי האט נישט געקאנט ליידן דעם קינדס אנוועזנקייט צווישן זיי. ס'האט זיך איר געדאכט אז דאס קינד איז און וועט זיין אן אייביקע שטערונג אין זייער פאמיליען לעבן, אז כל זמן דאס מיידעלע איז דא וועט וואלעריו נישט זיין אין גאנצן אירער, און טיילן האט זי אים נישט געוואלט מיט קיינעם. אפשר איז די סבה געווען א סארט שארף פאסעסיוו-געפיל ביי דעם נייעם וויב זיינעם, אפשר האט זיך איר געדאכט אז חוהלע דערמאנט אים צו פיל אין חנה'ן. מ'האט געזען אייפערזיכטיקע אויף טויטע, זי איז אין דעם פאל נישט געווען די ערשטע, כאטש דערמיט ווערט נישט אזא געפיל מער אנגענעמסטן דער מענטשלעכער טבע. פאר וואלעריון האט זי מיט דערפאלג באהאלטן אירע געפילן לגבי דעם קינד. ווי נאר ער פלעגט אריבערטרעטן די שוועל איז זי געווארן ווי דורך א כישוף הוילע שטראלן, אזוי צו אים אזוי צום קינד. ווי נאר אבער זי פלעגט בלייבן אליין מיטן קינד האט זי באהערשט איין און איינציקער געדאנק: ווי אזוי פטור צו ווערן פון עקעלהאפטן באשעפעניש. זי איז נישט געווען אימשטאנד צו זען חוהלעס איידעלע שטריכן, ענטפערן אויף איר חנעוודיקן שמייכל, אנטדעקן דאס גריבעלע אויפן לינקן בעקעלע און דאס

שיינען פון די ווייץ-בלאָנדע לאָקן. וואָס איז געקומען פון קינד איז געווען פאַר איר אָפּשטויסנדיק און דערצאָרנדיק. אָבער ווי אַזוי ווערט מען דערפון פּטור? ניט האָדעווען, לאָזן אויסגיין פון הונגער איז קיין אויסוועג. ניט שווער פעסטצושטעלן אַז דאָס קינד ווערט ניט ווי געהעריק דערנערט. דערצו זענען דאָ באַבעס מיט זיידעס וועלכע קומען, נעמען דאָס צו זיך כמעט יעדן טאָג. דאָס וואָס זי וועט ניט געבן דאָ וועלן זיי געבן דאָרט. ניין, ניט האָדעווען טויג ניט. מע מוז צוטראַכטן עפּעס אַנדערש. מע מוז דאָס קינד האַלטן וואָס מער לעבן זיך, אונטער אייגענער השגחה און אויסגעפינען אַ געהעריק מיטל, אַזעלעכס וואָס זאָל דויערן ניט לאַנג. אַלעס מוז דערלעדיקט ווערן איידער דאָס קינד הייבט אָן אַרומלויפן און איידער סע הייבט אָן רעדן. די חדשים לויפן און אָט, אָט וועט עס שוין קאָנען דערציילן וועגן דעם וואָס געשעט. ניין, חוהלע טאָר ניט אַלט ווערן צוויי יאָר. אַזוי האָט זי באַשטימט און אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם צוועק.

נאָך דעם, ווען מע פלעגט רעדן וועגן דעם געשעענעם, זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט דרינגען אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה. די מלחמה זאָל געווען גורם זיין אָן אָנוואוקס פון אכזריות. אכזריות זאָל ניט פרעמד זיין דעם מענטשלעכן מין, עס ווערט באַהערשט אַלס ווירקונג פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער אין מאָמענט ווען די מענטשהייט ווערט פאַרכאַפּט פון אָט דעם געפיל, און ווער קאָן זאָגן אַז מלחמה שטעלט מיט זיך ניט פאָר אַזאַ מאָמענט, באַווייזט זיך דאָס אכזריות אדם-נאַקעט, ציין און נעגל, שפּיז און צוואַנג, אײן שווידער. שווער צו זאָגן אַז דאָס איז אַ פולער אמת. ניט אַלע מלחמות האָבן מיט זיך געבראַכט דאָס אכזריות פון דער לעצטער, און ניט אַלע האָבן דאָס אַזוי טיף איינגעפלאַנצט ווי די לעצטע. אין דעם איז אונדזער עפּאָכע אַ שפּיץ, אַ ספּעציפישקייט אויף וועלכן מ'האָט ווייזט אוים ניט מותר געווען נאָר לשם ספּעציפישקייט. מע וועט זיך מסתמא אַמאָל אַרום דעם פאַרטראַכטן; סע וועלן זיך מסתמא געפינען מענטשן וועלכע וועלן זיך גריבלען אין דער בלוטיקייט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועלן וועלן דערגיין דעם יסוד פון אויפקום ניט נאָר פון איינציקן אייכמאַן (ער איז דערווייל געבליבן דער איינציקער וועגן וועלכן מע רעדט, כאָטש די דערשיינונג איז ניט אָן איינצאָליקע), נאָר פון צענדליקער און אפשר נאָך מער; זיי וועט אפשר ניט אויף אַזוי ווייט פאַראינטערעסירן דער וואָס האָט פאַראָרדנט, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס די טויזנטער און טויזנטער וועלכע האָבן די פאַראָרדנונגען אַדורכגעפירט. דעמלט וועלן זיי אפשר קומען צו קלאָרערע מסקנות. דערווייל ווייסט מען נאָר אַז די מענטשלעכע אכזריות איז אָן גרענעצן און אַז איר אינווענטיווקייט איבערשטייגט אַלע פאָרש-

טעלונגען. מע ווייסט אויך אז די מענטשהייט, אָדער יענער טייל פון דער מענטש־הייט וואָס וואָלט געוועזן בכוח עפּעס צו טאָן, מאכט זיך דערפון א קליינעם צימעס. האָט דאָך שוין שמואל האָלץ־העקער דערציילט וועגן דעם ווי אזוי זיין טאטע האָט אים ארונטערגערוקט א תנכ׳ל, געעפנט ביי שופטים קאפּיטל ניינצן וואָס הייבט אָן מיט: געשען איז עס אין יענע טעג ווען ישראל האָט נישט געהאט קיין קעניג. געבלעטערט ביז קאפּיטל כ׳א וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „אין יענע יאָרן איז קיין מלך אין ישראל נישט געווען און יעדער האָט געטאָן ווי ס׳איז געווען רעכט אין זיינע אויגן". און געפרעגט: „וואָס זאָגסטו דערצו? קאָן מען זיך ראטעווען, אָדער דער חלום בלייבט נישט מער ווי א חלום?" אויף אָן ענטפער האָט ער זיך נישט דערוואַרט.

דעם ערשטן פרואוו האָט זשיזעל — וואלעריום ניי וויב — געמאכט מיט בארויקונגס און שלאָף פּילן. צעדרויבלט, צעפּירט אין מילך און געגעבן חוהלען טרינקען. געטראכט האָט זי אז זעענדיק דאָס מיידעלע א מידם און האלב־פארש־לאָפענס וועלן די באבעס און זיידעס אויפהערן מוטשען מיט זייערע וויזיטן און מיט זייער פאָרען זיך ארום דעם קינד. פארגרעסערנדיק די דאָזעס וועלן די פּילן ווירקן אזוי ווי זי, זשיזעל, וויל. וויפל דארף משטיינס געזאָגט אזא קליין באשעפעניש סע זאָל געבן די נשמה. דער רעזולטאט איז אָבער געווען א פאר־קערטער. די באָבעס און זיידעס האָבן נישט נאָר נישט פארלאָזט דאָס קינד, נייערט געבליבן לעבן דעם גאַנצע טעג און נעכט, צו מאָל דאָס אין גאנצן אוועק־גענומען כדי צו פארגרינגערן דער שניר און דעם זון. און זשיזעל האָט געמוזט צוקוקן און מאכן דעם אָנשטעל אז זי שעפּט נחת פון אופן ווי וואלעריו שפּילט זיך מיטן קינד, שפּיגלט זיך אין מיידעלעס אייגעלעך, ליובעט זיך מיט אירע בעקלעך, טייעט אָן גאנצע שעהן.

מענטשן עלטערן זיך און מיט זיי צוזאמען אויך וואלעריום מוטער. אזוי ווי סע געשעט מיט עלטערע מענטשן האָט אויך וואלעריום מאמע באקומען א הויכן בלוטדרוק. דער דאָקטער האָט געמיינט אז אין איר פאל איז בעסער זיך צו בא־נוצן מיט אן אלטער רפואה: פּיאווקעס. אזוי איז געשען אז זשיזעל זאָל צוזען ווי מע שטעלט איר שוויגער פּיאווקעס, ווי די קליינע שווארצע באשעפענישן זויגן דאָס בלוט, וואקסן זעענדיק מיט די אויגן און וואָס פארא מאסע בלוט זיי גיסן פון זיך נאָך דעם וואָס זיי קלעפּן זיך אָפּ פון לייב.

אָנגעהויבן האָט זי מיט צוויי פּיאווקעס יעדן טאָג, תיכף נאָך וואלעריום אוועקגיין צו דער ארבעט. ווען די פּיאווקעס האָבן זיך איינגעביסן האָט דאָס קינד אויפגעשריגן, אָבער נאָך דעם זיך נייגעריק צוגעקוקט צום פּולסירן פון די

שוואַרצע ווערים. פאַרכאַפּט פון דעם וואָס קומט פאָר האָט עס פאַרגעסן אין ווייטיק. נאָך א פאָר טעג האָט דאָס שפּיל צוגעגעסן און דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען אויף א קול ווי נאָר זשיזעל האָט זיך דערנעענטערט מיט די שרעקלעכע זויגערס. ניאַנטשען, חנדלען, איינרעדן האָט נישט געהאָלפן, דאָס קינד האָט געוויינט און געשריגן מיט אַלע כוחות. א שכנטע וואָס פלעגט צו מאָל אַריינקומען און האָט געוואוסט אַז חוהלע איז א שטילע, נישט וויינענדיקע, נישט פאַרפּעסטעטע, האָט שאָקירט דאָס פּלוצימדיקע וויינען און יעכצן יעדן טאָג. זי האָט געפרעגט זשיזעלן און באַקומען א קורצן עטוואָס ברוגזן ענטפער: ציינדלעך. דעם רוגז האָט זי פאַרשטאַנען ווי א סאָרט פּראָטעסט, ווי אָפּקומען מיט איין וואָרט, ווי איינער רעדט אויב ס'האָבן מיר געפעלט כלאָפּאָטעס האָב איך מיר זיי גענומען מיטן גוטן ווילן. ביי זשיזעלן ווידער האָט די פראַגע אַרויסגערופן א געוויסע פּאַניק, איבערהויפּט נאָך דעם וואָס וואַלעריו האָט עפּעס באַמערקט. אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט און נעמענדיק ווי שטענדיק דאָס קינד אויף די הענט האָט אים גלייך ווי איבעראַשט דעם מיידעלעס בלייכקייט. ער האָט לאַנג באַטראַכט איר גופעלע און סע זענען אים אויפגעפאַלן די קליינינקע שניטעלעך אויפן פּלייצקעלע.

— וואָס קאָן דאָס זיין? האָט ער געפרעגט זשיזעלן אָנווייזנדיק אויף די פון פּיאַווקעס געלאָזטע סימנים.

— האַ, דאָס דאָ? האָט זשיזעל געענטפערט געלאַסן. שטעל דיר פאָר אַז היינט אינדערפרי נאָך דיין אַוועקגיין האָב איך אויך באַמערקט די צייכענס. צוערשט האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס קאָן זיין. שפּעטער אַרויסלייגנדיק איר בעטגעוואַנט צום לופטערן האָט מיר א שפּרינג געטאָן אין פּנים אָט אַזאַ פלוי, האָט זי געוויזן די גרייס פון פלוי מיטן שפּיץ פון קליינעם פינגער. חוהלע האָט אים ווייזט אויס גענעמען פון א הינטל מיט וועלכן זי האָט זיך געשפּילט נעכטן בעת דעם שפּאַציר.

וואַלעריון האָט דער טאָן פון זשיזעלס ענטפער באַפרידיקט מער ווי די אויפקלערונג. ער האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו וויסן אַז דער ענטפער איז א פון לאַנג צוגעגרייטער. כאָטש אַזוי איז ערגעץ געבליבן אַן אומרו. ס'האָט זיך אים דערמאָנט חנה, די לעצטע טעג אירע, דער בליק מיט וועלכן זי האָט אים אָנגעזאָגט, ממש באַשוואוירן צו זאָרגן פאַר זייער קינד. האַלב דרימלענדיק האָבן זיך אויף יענער זייט אויגנלעפּלעך אָפּגעוויקלט יענע שרעקלעכע טעג און זיין שפּעטערדיק אַרומגיין ווי א מענטש וואָס האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג, זיין אַרומטראָגן זיך מיטן רעוואָלווער וואָס ליגט נאָך אַצינד אויף איינער פון די שאַפע פּאָליצעס אונטער זיינע העמדער. דאָס האָט אים א רגע אויפגעוואַכט,

ס'האָט זיך אים פלוצים פאַרוואָלט באַהאַלטן אויף אַ זיכערער פּלאַץ דאָס געפּערלעכע געווער, נאָר ער האָט אין דער זעלבער מינוט מוותר געווען; סע מעג זיין אַן אַנדערש מאָל, דאָס קינד איז נאָך צו קליין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זשיזעלן וועלכע איז רואיק געשלאָפן לעבן אים, אַ שמייכל געטאָן און מיט דעם שמייכל אויף די ליפּן אַנטשלאָפן געוואָרן.

דעם אַנדערן טאָג, זייענדיק אויף דער אַרבעט האָט מען אים געמאָלדן אַז עמעצער רופט אים דרינגלעך צום טעלעפאָן. אין רעדל האָט ער דערהערט דער שכנה'ס קול און זיך דערשראָקן.

— וואָס איז געשען? האָט ער געפרעגט מיט אַזאַ יעכץ אַז די שכנה האָט געפילט אַז זי מוז אים באַרואיקן.

— ניין, ניין. ס'איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקן. ס'איז גאָרנישט געשען, האָט די שכנה גלייך ווי חרטה געהאַט. כ'האָב דיר נאָר געוואָלט עפּעס זאָגן און אָנקלאַפּן אין טיר איז מיר אויסגעקומען שווער.

— זאָג, אַז דו האָסט שוין אָנגעקלונגען, זאָג.

— וואַלערי, האָט זי געשטאַמלט, מיר זענען שכנים אַזאַ לאַנגע צייט און איך האָב דיר קיינמאָל געשטערט, מיר דאַכט אָבער אַז אַצינד מוז איך. דו ווייסט אַז כ'האָב פיינט צו קוקן וואָס ביי יענעם אין טעפּל. ס'איז נישט מיין טבע.

וואַלעריו האָט דאָס זייער גוט געוואוסט, ווען חנה האָט געלעבט האָבן זיי זיך פאַרחברט, פלעגן אָפט אַריינגיין איינער צור צווייטער, פלעגן אָפט טרינקען „זייער קאַווע", זיך האַלטן עצות וועגן קליידלעך, מעבל און אפילו טעפּ. ווען חנה איז קראַנק געוואָרן איז די שכנה שטענדיק געווען אין דער נאָענט, צוריקגעהאַלטן, בנעימות, אָבער שטענדיק גרייט מיט אַלעמען.

— כ'וויים, האָט געזאָגט וואַלעריו נישט כדי צו ענדיקן דעם שמועס. ער האָט געוואוסט אַז אויב זי קלינגט איז עס אַן ערנסטע זאַך.

— לעצטנס געפעלט מיר נישט חוהלעס פּלוצימדיק וויינען נאָך דיין אוועקגיין. שוין אַ פּאָר טעג אַז נאָך דיין אוועקגיין פון שטוב הייבט זיך אָן אַ יעכצן וואָס רייסט ביי דער נשמה, כ'האָב געפּרוּווט פרעגן אפשר מיט עפּעס העלפן, האָט מיך זשיזעל געהאַלטן ביי דער טיר גלייך זי וואָלט עפּעס פאַרטייען.

ס'האָט געפאָלגט אַ לאַנג שווייגעניש.

— אָט גיי איך תיכף אַהיים, האָט וואַלעריו באַשלאָסן.

— ניין, כ'בעט דיך ניין, איז צוגעשטאַנען די שכנה. אויב יאָ, איז בעסער מאָרגן. קער דיך אום אַ שעה נאָך דעם וואָס גייסט אויף דער אַרבעט. זיי מיר כ'בעט דיך מוחל וואָס כ'מיש מיך...

זיי האָבן לאַנג געשוויגן און אויפגעהאָנגען די טרייבלעך.

וואַלעריו איז אַהיימגעקומען שפּעט. ער האָט געפרעגט ווי סע פילט זיך חוהלע, געזאָגט אַז ער איז שרעקלעך מיד און געגאַנגען שלאָפן. ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל ער זאָל קומען אַן אויסגעמאַטערטער און גלייך גיין שלאָפן, אַזוי אַז זשיזעל האָט זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט אירע שטוב פאַרנעמעכצן און נישט געלייגט קיין גרויסע אַכט אויף וואַלעריוס באַנעמען. פאַרן גיין שלאָפן איז זי אַריין אַ קוק טאָן אויף חוהלען. דעם קינדס אויסזע האָט זי באַפרידיקט. אין שלאָף האָט חוהלע אויסגעזען טויט.

*

ווען זשיזעל האָט פּלוצים דערזען וואַלעריון אויף דער טיר איז זי אַוועק פון קינדס בעטל, זיך געשטעלט צו דער וואַנט מיט ברייט געעפנטע אויגן און אין זיי אַ שרעק ווי ביי אַ צום טויט פאַרמשפּטן. וואַלעריו האָט מיט איין האַנט אָפּגעדעקט דאָס קינד, פאַר זיינע אויגן איז געליגן חוהלע באַדעקט מיט אַ מענגע — צוואַנציק אָדער דרייסיק — פּיאַווקעס. ס'האָט געווימלט מיט בלוט אָנגעזויפטע באַשעפענישן. דאָס קינד האָט קוים געעפנט די אויגן און זיי ווידער צוגעמאַכט. וואַלעריו איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, אָנגעלאָדן, אָפּגעשאָסן דריי מאָל אין זשיזעלן און די לעצטע קויל זיך אין קאָפּ.

ס'איז אָנגעלאָפן אַן עולם. מ'האָט געקוקט אויף די צוויי טויטע אָבער קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט אַ קוק טאָן צום קינד.

די פּיאַווקעס האָבן אויסגעזויגן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

*

דריי טויטע זענען נישט אַ מיליאָן, און דערפאַר אויך נישט אַ ציפער אין דער סטאַטיסטיק.

דערפאַר דערצייל איך.

באָבע צפּרה, קום נאָך...

זינט מיר האָבן אַן עלעקטרישן אייז-קאַסטן מיט אַ פריזער, איז דאָס רייניקן אים מיין אַרבעט. אַזוי האָט עס זיך איינגעפירט. פריער, ווען מיר האָבן געהאַט אַ פּשוטן אייז-קאַסטן, פון יענע מיט אַ האַלבן קאַלופּ אייז אַ מעת-לעת, איז דאָס געווען איינפאַכער. דעמאָלט פלעגט זיך אָפּגיבן מיטן רייניקן, מיין ווייב. אַן עלעקטרישער איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז שוין פאַרשטייט זיך אַ מעשה פאַר אַ מאַנצביל. אויסשאַלטן, אָפּלאָזן דאָס אָנגעוואַקסענע אייז, אָפּ-שטעלן אויף דער געהעריקער טעמפּעראַטור, ווידער איינשאַלטן קאָן מען נישט לאָזן אבי וועמען, ווי אַזוי האָט געזאָגט אַ וועלט באַקאַנטער פּאָליטיקער: מלחמה איז אַ צו ערנסטע זאַך מע זאָל זיך דערמיט קאָנען פאַרלאָזן אויף גענעראַלן. כמעט דאָס זעלבע איז מיט אַן עלעקטרישן אייז-קאַסטן און ווייבער. טו איך אים רייניקן צוויי מאָל אין זעקס וואָכן. פאַרוואָס נישט איין מאָל אין דריי וואָכן? אין דעם מיין איך איז שולדיק די נערוון דאָקטערשע מיט איר דיאַגנאָסטיק. וואָס דאָס איז פאַראַ דיאַגנאָסטיק? כ'זאָל אַזוי וויסן פון צרות. מיין שוויגער עליה השלום פלעגט זאָגן וועגן אַ געוויסן סאָרט מענטשן: זיי ווייסן נישט פון צ'ום צי גראָד. מיר דאַכט אַז אַצינד פּאַסט עס אַביסעלע אויך מיר, נאָר דאָס איז אַן אַנדערע געשיכטע.

צו דער דאָקטערשע גיי איך נישט אַזוי צוליב מיין קרענק ווי צוליב דעם וואָס זי געפעלט מיר. ביי אונדז קאָן מען זיך אַזאַ לוקסוס דערלויבן. ס'איז בחינם. דאָקטוירים צאָלט מען נישט, העכסטנס אַ מתנה. ביי מיינע יאָרן לוינט זיך אַ מתנה כדי זיך פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן. טאַקע דערפאַר גיי איך צו דער נערוון-דאָקטערשע. נערוון-קראַנק בין איך נישט. דאָס קאָן זאָגן איטעדער איינער, נאָר געפעלן, געפעלט מיר דווקא די נערוון-דאָקטערשע. אמת, נישט מער ביי מיר די נערוון וואָס אַמאָל, אָבער קראַנק, קאָן מען גיט זאָגן, פּשוט די עלטער. כאָטש אין אַלגעמיין און אין גאַנצן — ווי סע פלעגט זאָגן כאַצקל שניידער, דער וואָס

האָט אַלץ אויפגעטאָן און גאָרנישט אָפּגעטאָן שווייגנדיק — בין איך גאָר נישט אַזוי אַלט. אַ סימן איך קאָן זיך נאָך אָפּגעבן מיט רייניקן דעם עלעקטרישן אייז־קאַסטן און האָלט האָבן אַ מיטליעריקע נערוון־דאָקטערשע.

איין מאָל זיץ איך מיר אויף אַ נידעריק בענקעלע, מיטן קאָפּ אין אייז־קאַסטן, רייניק די סאַמע הינטערשטע טייל, דאָרט ווי מע האַלט געוויינטלעך גרינצייג און אויפּס. לעבן מיר שטייט אַ טאַבורעטקע אויף אַרויסצולייגן פון דער האַנט. כ׳גיב אַ קוק, אויפן טאַבורעט זיצט די באָבע צפּרה! זיצ; זיצט זי אַזאַ ווי כ׳האָב זי איבערגעלאָזט מיט כמעט זעכציק יאָר צוריק. דאָס זעלבע ברוינע קלייד מיט גרויסע פאַלדן פון שווערן געוואַנט, די זעלבע קאָפּטע מיט אַ שפּיצן־קעלנערל, דאָס זעלבע קאָפּטיכל — שוואַרץ מיט געלע שפּרענקעלעך, פאַרבינדן מיט אַ שלייף אונטער דעם קיילעכדיקן עטוואָס פּלאַטשיקן קין, די זעלבע שיינע טיפע קנייטשן באַשיינען איר פּנים און זי אַליין אין גאַנצן פּונקט אַזאַ קליינינקע, בכבו־דיק פאַרשנורעוועטע, נאָר אַביסעלע לעבעדיקער ווי אַמאָל, פרייער, אומאָפּהענ־גיקער און יינגער געוואָרן די באָבע צפּרה. דאָס האָט מיך ביז גאָר דערפרייט. נאָך איבער זעכציק יאָר, באַגעגענען די עלטער־באָבע אַזאַ חנעוודיקע, אַזאַן אַנגענעמע, אַזאַ פרישע, איז נישט אַ פּשוטע זאַך. ס׳איז דאָך באמת אַ געשעע־ניש, כ׳וויל מיך אַ הייב טאָן, אַ קוש גיבן, האַלט מיך איר געלאַסענע באַוועגונג מיט דער האַנט אָפּ, ווי איינער רעדט: נאָר אָן השתפּכות הנפש, אָן נאַריש צעגיסעניש.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַכינע, פרעגט זי קוים אַ קוק וואַרפנדיק אויף אונזער גרעסטער דערגרייכונג. זינט מיר האָבן דעם עלעקטרישן אייזקאַסטן מיט אַ פריזער דערצו דאַכט זיך אונדז אַז אונדזער שטוב איז געוואָרן באַלע־באַטישער און מיר בכבודיקערע. אַזאַ שטיק מעבל, ווייס שניי און דערצו אַ נוצ־לעכם.

— פאַר דיין צייט באָבע, זענען אַזעלכע מאַכינעס נישט געווען, ענפער איך אַביסעלע גרויס ביי זיך.

— הייסט עס ניי, זאָגט זי אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ און פאַרגלאָצנדיק מיט חוזק די אויגן.

— נייעס איז נישטאָ, סע שרייבט דאָך: אין חדש, וויל איך זי אַ חנפע טאָן.

— עט, שלאָגט זי איבער די רייד. דיין זיידע נחמן פלעגט זאָגן אַז אין חדש מיינט נישט אונדז פּשוטע מענטשן. נאָר גאָט אַליין איז אַלץ באַוואוסט. פאַר אונדז, פּשוטע בשר ודם׳ס טרעפט זיך יאָ צו מאָל עפּעס נייעס.

— ביסט געוואָרן בקי אין דריבנע אותיות, באָבע? אַ געלערנטע?

— ביי אונדז זענען אַלע געלערנטע, זאָגט זי מיט שטאָלץ.

— אפילו די ווייבער? סע שרייבט דאָך... פּרוּוו איך אַ שטאָך טאָן.

— לאָז געמאַך מיט די שרייבעכצן. דאָס האָבן געשריבן מאַנספּאַרשוינען.

— באָבע לעבן, ביסט אַ גרויסע חכמה. אבי מע פּלעג זאָגן... איך פּיל אַז כ'האָב אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט און מיין האַרץ טיאָכקעט גיכער.

— זיי נישט קיין חוצפּהניק, שלאָגט מיר די באָבע איבער די רייד און מאַכט אָן אָנשטעל אַז זי איז ברוגז. ס'איז פאַר מיר קיינמאָל קיין סוד נישט געווען. כ'האָב געוואוסט וואָס מע זאָגט און ס'האָט מיך געאַרט ווי דער פאַריעריקער. זיי רעדן, זאָלן זיי רעדן.

— אַ קלוגע פּלעג מען זאָגן וועגן דער באָבע דבורה.

— זאָג עליה השלום. זי דאַרף מע זאָל איר אָנוואונטשן. זי האָט נעבעך שווער באַצאָלט פאַר איר קלוגשאַפט; אוועק זייער יונג און די קלענערע טאָכטער אירע, דיין מומע חנה, איז נעבעך אויף אייביק פאַרזעסן.

— וואָס הייסט אויף אייביק?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט, ווער סע פאַרזיצט דאָ בלייבט פאַרזעסן אויך ביי אונדז.

— סע זענען דאָך מסתמא דאָרט ביי אייך פאַראַן אויך פאַרזעסענע בחורים?

— וואָס פאַרא זין קאָנען האָבן, נאַרעלע, ביי אונדז שידוכים.

— קאָן דאָך זיין אַ גילגול?

— איז עס טאַקע אַ מוטשעניניע.

— פאַר וואָס אַ מוטשעניניע, באָבע?

— וואָס זשע, דו האַלטסט אַז דאָס לעבן אויף אייער וועלט איז טאַקע אַזוי שיין און גליקלעך?

— כ'זאָג נישט אַז ס'איז שטענדיק שיין און דערצו נאָך גליקלעך אויך, אָבער דאָס איז עס און קיין אַנדערש האָבן מיר נישט.

— זעסטו! טאַקע דערפאַר זאָג איך אַ מוטשעניש. מע מאַכט דערמיט שלום, אָבער אַ מוטשעניש בלייבט עס.

— פאַרוואָס איז איר געקומען אַזאַ שטראָף? פיר איך צוריק דעם שמועס אויף זיין פריערדיקן וועג.

— וועמען? פרעגט זי.

— וואָס הייסט וועמען? דער באָבע דבורה.

— האַ, דער באָבע דבורה? ביסט נייגעריק זע איך ווי אַ יידענע, סע פּאַסט עפּעס נישט פאַר אַ מאַנצביל וואָס פּאָרעט זיך אַרום אַזעלכע נייע מאַכינעס צו וועלכע אונזער דור האָט אפילו נישט געטראַכט. זי לאַכט אַ רגע דריבנענקע. סע געפעלט איר וואָס זי האָט מיר אַריינגעזאָגט. כאָטש, רעדט זי ווייטער, אַז

מע קוקט זיך איין נענטער זעט מען אז דווקא זיי, די מאנצבילן, מאכן נאָר דעם אָנשטעל אז בע-מע, אויף דער וואָר זענען זיי דריי מאָל נייגעריקער, איידער די ווייבער, די באבע דבורה פרעגסטו? ז'האָט געזינדיקט. האָסט נישט באמערקט אז דיין מאמ:ם נעזל איז געווען פאררימן, קארנאָסע? אזא נאָז האָט געהאט דער מעכאניקער פון מיל וואו ס'האָט געארבעט דיין זיידע.

— וואָס געהערט זיך אָן אהער דער מעכאניקער, באבעשי?

— זעסטעך.

— כ'זע נישט גאָרנישט.

— אויב אזוי הערסטו.

דער שמועס האָט מיר אָנגעהויבן אויסזען מאָדנע. קומט א נישט גערופענע מיר איינרעדן אז איך בין גאָר עפּעס א שטיקל ממזר, דאָס הייסט נישט טאקע איך נאָר די מאמע מיינע. פאר מיר איז די מאמע געבליבן דאָס אייבערשטע פון שטייסל און דאָ גאָר אזא מעשה. פאלט מיר איין אז זי דערציילט גלאט אזוי, וויל איך זי כאפּן אויפן ליגן.

— א ייד? פרעג איך מיט געמאכטער תמימות.

— פארוואָס דווקא א ייד? געוויינטלעך זענען מעכאניקער נישט יידן, און דיין זיידע האָט נישט ליב געהאט צו האלטן יידישע ארבעטער.

— באָבע לעבן, שריי איך, ארויס פון די כלים, הייסט עס דאָך אז איך בין קיין ייד נישט און דו נישט מיין באָבע?

— ווער זאָגט דאָס, נארעלע? וואָס זשע אלעם הענגט נאָר אין דער טפּה-סרי-חה? זי פארגלאָצט ווידער די אויגן פול חוזק און פארשנורעוועט דערצו די ליפּן אזוי אז מע קאָן שוין אין גאנצן נישט וויסן צי רעדט זי ערנסט אָדער זי שפּילט זיך גאָר מיט מיינע קראנקע נערוון.

— באָבע לעבן. האָב איך מיך געבייזערט, רעד קלאָרער, כ'פארשטיי שוין גאָרניט פון דיין גאנצער מעשה וואָס דערציילסט מיר. אויב שוין יאָ אזא למדנטע, איז מאך מיר קלאָר די גאנצע געשיכטע, לאָמיך כאָטש אציגד וויסן; ס'איז דאָך א ענין וואָס איז נוגע די גענעטיק, און היינט רעדט מען דאָך נאָר וועגן דעם.

— צו פיל פראגעס אויף איין מאָל, זאָגט די באבע געלאסן אָבער שטרענג ראשית זאָגסטו למדנטע מיטן געדאנק מיך צו נעמען אויף דער העצקע, באליי-דיקן הייסט עס. זאָלסטו זיך שעמען אין דיין פּנים. ס'איז דאָס צווייטע מאָל. א דריט מאָל וועל איך נישט פערצייען, סטראשעט זי. כ'האָב דיר געזאָגט אז ביי אונדז זענען אלע למדנים, ווייל אזוי איז עס. וואָס שייך גענעטיק-געשמעטיק איז דאָס נישט מער ווי אן אויסטראכטעניש פון שארלאטאנעס. ס'האָט עמעצער

געזען די געשמעטיקעם אייערע? האָסט דיר נישט געשטעלט אזא פשוטע פראגע ווי, פארוואָס פלוצים גענעטיק?

— ניין, באָבע לעבן, האָב איך געענטפערט אזוי אז מיין חרטה זאָל זיין בע־שיינפערלעך און דערצו מיט כמעט קינדערישער תמימות. און יענעם מאָמענט איז מיר די באָבע צפרה געוואָרן ליב ווי אמאָל ווען איך פלעג איר טראָגן יעדן שבת קוגל אין מושב זקנים. אין מיין זכרון איז יענער מושב־זקנים געבליבן א לעבעדיקער. אפשר וויל כ'בין געווען א קינד. מיט א פאָר וואָכן צוריק בין איך געווען זען א נייעם מושב־זקנים, וועלכן ס'האָבן געבויט פאר אונדזערע אלטע לייט אמעריקאנער בעלי־צדקה. אזעלכע זענען זיי די אמעריקאנער בעלי־צדהניקעם, זיי זאָרגן פאר בית־עלמינס, רבנים, שוחטים, שילן, אלטע ספרים, מענטשן נוטה־לגסיסה, די איבעריקע וועלן זיך אליין אן עצה געבן. אפשר זע־נען זיי גערעכט. האָבן זיי, די אמעריקאנער בעלי־צדקה הייסט עס, אונדז באגליקט מיט א מושב־זקנים איינס אין דער וועלט, וואָס טראָגט דערצו א נאָמען איינס אין דער וועלט. שיין, מאָדערן עלעקטרישע קיכן און אייז־קאסטנס, מעדיציניש־ע אופזיכט, נאָר דאָס אלטווארג, זאָל מען אָפגעהיט ווערן. סע ליגט האלב טויט, אייגעפאלענע באקן, אָפענע מיילער, סע אָטעמט קוים. א שרעק צו קוקן. ביים אוועקגיין האָב איך געזוכט א האנט־פאס, ס'איז מיר אויסגעקומען עלעהיי פון א בית עולם. אָבער דאָס איז אן אנדערע געשיכטע. אצינד רעד איך מיט מיין באבע צפרה, זי פרעגט צי איך האָב מיך אמאָל פארטראכט איבער דעם אויסטראכ־טעניש פון זשוליקעם וואָס מע רופט גענעטיק און איך ענטפער איר דעם ריינסטן אמת:

— ניין באָבע, זיך נישט פארטראכט.

— אבי מע זאָגט מאנצבילן. א מענטש דארף א טראכט טאָן צו גימטריאות, אותיות, נישט איבערחזרן בלויז ווערטער. סע הייבט זיך דאָך אָן, נארעלע, מיט א גימל.

— און אז מיט א גימל איז וואָס?

— ביי זיי גענעטיק, ביי אונדז גאָט, ווי אזוי ער וויל, אזוי ווערט עס.

— נו, און מיט מיר?

— וואָזשע, ביסט אויפגעוואקסן ביים קארנאָסן צי ביי מיין זון, ביי דיין זיידן הייסט עס?

— אין א געוויסער מאָס אויך ביים זיידן... אויך וועגן אים האָט מען געזאָגט, באפט זיך ביי מיר ארויס נישטווילדיק.

— טאקע געווען, פאָטאקעוועט מיר די באָבע מיט א שמייכל. ס'איז פאר קיינעם קיין סוד אז כאָטש א גרויסער שלים־מזל, האָט די באָבע מער ליב געהאָט

דעם מעזיניק. טאקע מיין זון חזרט זי איבער, און דערצו דער בכור אָבער פון אמת קאָן מען נישט אוועק, דערפאר האָב איך זי נישט געקריוודעט דיין באָבע דבורה. כ'האָב זי אפילו פארשטאנען. געווען א לעבעדיקע אזא, א קלוגע און דערצו א ליבהאָבערן.

— א ליבהאָבערן פון וואָס?

— פע, ביי דיינע יאָרן פאסט נישט זיין א שאָלטיק. ווילסט מיך ברענגען צו ניבול פה? איך קום צו דיר צו גאסט, און דו... אפשר וואלסטו מיר נאָך נאָדייען א ראָמאן פון יענע...

— זיי מיר מוחל, באָבעשי.

די באָבע צפרה פארשפיצט די ליפן איז זי מלא חן. זי שיינט ארויס פון איר קאָפּטיכל מיט געלע שפרענקעלעך. כלעבן ס'איז א שאָד וואָס כ'בין אזוי אַלט און האָב קיין כח זיך מיט איר גענוג אָנפרייען. אזא פלוצימדיקער וויזיט. איך וואָלט קיינמאל נישט געווען געטראכט וועגן דער באָבע צפרה אז זי איז אימשטאנד. דאָ פאָלט מיר איין אז ווייל זי קומט פון וואנען זי קומט וואָלט מען זיך עפּעס געקאָנט דערוויסן. זיי דארפן דאָך וויסן מער פון אונדז, זיי זענען שוין נישט מער שטארבלעכע. נעם איך מיך אָן מיט מוט און פרעג:

— באָבע, וואָס וועט זיין? די וועלט איז דאכט זיך מיטן קאָפּ אראָפּ.

— פון וואנען זאָל איך דאָס וויסן?

— קומסט דאָך פון דאָרט! וואָזשע, אויך דאָרט ווייסט מען נישט?

— דאָרט טראכט מען נישט דערצו, דאָרט באגניגט מען זיך מיט דעם וואָס איז. דערציילן, דערציילט מען וועגן דעם וואָס געווען. א סך קענסטו וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דעם וואָס וועט זיין?

— ס'איז דאָ באבעשי, ס'איז דאָ. אָט צוםביישפּיל די וויסנשאפטלעך-פאנטאסטישע, אָדער די פּראָגנאָסטיקער.

— אהא, מאכט די באָבע, די מיט די ראָמאנען. זיי טרעפן יאָ צו מאָל עפּעס איז עס זאבאוונע. יענע שרייבן, לאָזן שפּילן די פאנטאזיע און איר מוטשעט זיך איבערצוווייזן אז זיי זענען גאָר א סאָרט נביאים, אז זיי האָבן פאָרויסגעזען די אונטערוואסערשיפן, דאָס פליען צו דער לבנה.

— אָבער די וואָס האָבן דערציילט וועגן אחרית הימים?

— די אפּאָקאליפּטיקער?! חוזקט די באָבע צפרה. זיי דרייען זיך ארום, דאָרט ביי אונדז, מיט שמוציקע בערד, פארקלייטע, ברודיקע, קיינער קוקט נישט אויף זיי. מיט זיי זיך אָפּגעבן האָט קיין זין, פארלוירענע צייט. פאָלג מיך, טו ווי סע טוט די גאנצע וועלט, הער דיך איין צו דעם וואָס געווען, צו מאָל ווערט דער פון אָנגעלייגט אויפן הארצן. מען דארף נאָר האָבן כח צום לאכן.

— מיט שדים? מיט שדים ווי זעט עס אויס, באבעשי?

— גאָרנישט מיט נישט. איך בין דיר ערב אז נישט געשטויגן נישט געפלויגן. סע שטאמט פון פוילישע וועלדער. וויל מען סע זאָל זיין יידיש פּוצט מען זיי אויס, די אויסטראכטעניש, מיט זשיפּיצעס און שטריימלען.

— אָבער כישוף, באבעשי, כישוף? בין איך צוגעשטאנען. אויב מ'האָט שוין יאָ א געלעגנהייט זיך דערוויסן פון ערשטן קוואל איז א שאָד זי פארלירן, די געלעגנהייט, מיין איך.

— כישוף, דאָס איז אן אנדער זאך, זאָגט די באָבע מיט אנטציקונג. כישוף־מאכער און כישופמאכערנס זענען ביי אונדז א סאָרט פּורים־שפּילער, זיי געהערן צום זאלץ פון לעבן.

— פון לעבן, זאָגסטו באבעשי?

— אוודאי פון לעבן. וואָס טוען מיר איצינד? דאָס איז נישט לעבן? מיר רעדן, מיר דערציילן, א סימן מיר לעבן.

— ווי זעען אויס ביי אייך דאָרט קינדער, באבעשי.

— דאָס וואָלט איך אפשר נישט געדאַרפט זאָגן, דאָס געהערט צום סוד. נאָר אזוי ווי מע האלט ביי רעדן... מיט די קינדער, מיט די וואָס פארלאָזן אייער וועלט צו פרי איז ווי מיט די אלטע, מיט עובר־בטלניקעס. זיי דרייען זיך דאָרט ארום אזוי ווי זיי האָבן פארלאָזט אייער וועלט — נישט וויסנדיקע. ס'איז א רחמנות צו קוקן. קיין שום פארברענגעכץ. גאָרנישט, כמעט ווי יענע וואָס האָסט געזען אין מושב־זקנים. עפּעס אנדערש אז מע גייט אוועק ביי אלע געדאנקען. דעמלט קאָן מען „באאבאכטן" אלעם ווי אלט־פרענקישע דאמען, זיצנדיק ביים פענצטער און ארויסקוקנדיק אויף דער גאַס.

— און די וואָס זענען אומגעקומען?

— פרעג נישט, זאָגט די באָבע און איבער אירע קנייטשן ציט א שווערער טרויער. מע זעט אז דאָס קאפּיטל געפעלט איר גאָר־גאָרנישט. ס'איז געווען נישט צום איבערטראָגן. אלצדינג געזען, ס'האָט געריסן ביים הארץ, נאָר גיי שריי חי וקים. די לעצטע ווערטער קלינגען אביסעלע כופר־בעיקרדיק, נאָר פרעגן, פרעג איך נישט, זי ווייסט מסתמא בעסער, פון וואנען זי קומט איז דער אויס־זיכט א בעסערער. טשאטעס ווייסע פייגעלעך, קומען און קומען און קומען און סע נעמט נישט קיין סוף.

— זיי זענען דאך אומגעקומען אויף קידוש השם?!

— טאקע דאָס זאָג איך, דאָס ערגסטע איז אויף קידוש השם. סע בלייבט גאָר־נישט. פליען, פליען, ביז זיי ווערן פארפאלן ערגעץ אין חלל, אין אין סוף.

דער שם אַליין איז דען עפּעס? וואָס איז אַ שם? אַ וואָרט. ס'איז אַ מין אַבסטראַק-טער טויט און דערצו אַזאַ האַרצרייסנדיקער. ניין, וועגן דעם בעסער נישט רעדן.

— ווי קומט צו דיר דאָס טיכל, באָבע? האָב איך געוואָלט פאַרזיסן דעם שמועס. כ'האָב געזען אויף איר פּנים אַז מיט די אומגעקומענע האָב איך איר פאַרשאַפט גרוים עגמת נפש, האָט זיך געוואָלט אַביסעלע אויפלעבן דעם שמועס.

— דאָס טיכל, די קאָפּטע און דאָס קלייד האָב איך מיטגענומען, פרעג נישט ווי אַזוי, איז זי געוואָרן פרייליכער. ס'איז אַ קאָמפּליצירטע געשיכטע, אַ גאַנ-צער ראָמאַן. די ווייטע תכריכים זענען דאָך אַן אומגליק! אַזאַן איינפאַרביקייט, סע שלאָגט ממש צום בויך. האָב איך געפונען אַן אופן אויף זיי אַלע אָפּצונאַרן, אי די פון דאָ אי די פון דאָרט. נאָר דאָס איז מיין...

איך האָב זי נישט געלאָזט ענדיקן. כ'האָב מורא געהאַט זי קאָן זיך חס וחלי-לה פאַררעדן און אפשר קאָן דאָס איר מיט עפּעס פאַרשאַטן.

— ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער, באָבעשי?

— כ'האָב זיך דערמאָנט אין קוגל וואָס דיין מאַמע פלעג מיט דיר שיקן. כ'האָב זי דאָ נישט לאַנג באַגעגנט, האָט מען געזעדט. אַ רחמנות אויף איר.

— פאַרוואָס אַ רחמנות? וואָס איז מיט איר דאָרט געשען?

— ס'איז נישט פון דאָרט, ס'איז פון דאָ, גיט די באָבע אַ בריזגע.

— וואָס איז פון דאָ, האָט מיך באמת געוואונדערט ווי אַזוי איך ווייס נישט פון עפּעס אַ באַזונדער געשעעניש.

— מאַך נישט דעם אָנשטעל אַז דו ביסט גאָט די נשמה שולדיק. זיין שול-דיק און מאַכן אַן אָנשטעל איז מיאוס ביז גאָר. פע, אויף אַזעלעכס האָב איך מיך פון דיר נישט גערעכנט. סע פּאַסט פאַר אַ נחות-דרגא.

— זיי מוחל באָבעשי אויב איך האָב מיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, אָבער כ'פאַרשטיי שוין טאַקע גאָר גאָרנישט.

— פאַרשטייסט שוין ווידער נישט, האַ? און די פּיאָווקעס? האָסט זי אַמאָל געזען מיט די פּיאָווקעס?

— אוודאי געזען. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן...

— גוט דו לייקנסט נישט. דאָס איז אייער שטיקל אַרבעט. אַנגעטאָן צרות ער-גער ווי אַ שטיף מאַמע. אַ שטיף מאַמע אַרט נישט, נעמט זיך נישט צום האַרצן. אָבער זי נעבעך, מע מוטשעט אייגענע קינדער ציטערט דאָס האַרץ. וויפל קאָן ציטערן אַ האַרץ, האַ? דערפאַר האָט זי דאָך געמוזט לייגן פּיאָווקעס.

— טראָגט זיי זי אויך דאָרט?

— אוודאי טראָגט זי זיי, ס'איז דאָך איר בלוט. נאָך אַ ווילע, ווייזט אויס כדי מיך צו באַרויקן, פאָרט אַן אייגענע עלטער-באָבע: די האָר זענען אונטער-

געוואקסן זעט מען נישט אזוי. שיינע האָר ביי איר, גרוי ווערן איז איר נישט אויסגעקומען. שווארצע געלאָקטע האָר, קוקט מען וויל זיך א גלעט טאָן. ווי געזאָגט, האָב איך זי אנומלט באגעגנט, האָט מען גערעדט פון דעם, פון יענעם, ווען זי איז אוועק איז געבליבן א מחיהדיקער גערוך, דער ריח פון קוגל וואָס זי פלעגט מיר שיקן מיט דיר שבת נאָכמיטאָג. טראכט איך כדאי א קוק טאָן וואָס טוט דאָס אור-אייניקל מיטן קיילעכדיקן פנימל. בין איך דאָ.

— א דאנק באָבעשי וואָס ביסט געקומען. א זייער אָנגעלייגטער גאסט. שווער געווען צו געפינען?

— פארוואָס שווער? די גאנצע ערד זעט אויס ווי אן ארבעסל, א גרין ארבעסל וואָס דרייט זיך. מע קוקט זיך א רגע איין געפינט מען וואָס מע וויל. נו, און קו-מען איז דאָך קיין פראגע. וויל איך בין איך דאָ...

— כהרף עין און ביסט אפילו אין אמעריקע?

דערהערט דאָס וואָרט אמעריקע איז די באָבע נעלם געוואָרן ווי להבדיל א שד ביים ארויסרעדן דעם שם המפורש.

כ'האָב געפרואווט אָפטער רייניקן דעם עלעקטרישן אונדזערן, דעם פריד-זשידער הייסט עס, אפשר איז עס א סגולה סע זאָל זיך באווייזן די באָבע צפרה, א נעכטיקער טאָג, זי וויל נישט...

דאָס מאָל איז די באָבע געקומען עפּעס משונהדיק געשטימט, אן אויפגעלייג-טער חוזק אזא. כ'האָב געשניטן ציבעלקעלעך פאר א ראָסעלע. שיינע ציבעלקע-לעך אָבער שרעקלעך הארבע. די הארבקייט קריכט אין די אויגן, פארגיסט זיי מיט טרערן, זעט מען קוים וואָס מע טוט. האָב איך ווי געוויינטלעך א שניט געטאָן א פינגער. כ'וויש די אויגן, גיב א קוק, נעבן טיש די באָבע צפרה א שמייכלנדיקע.

— כ'וואָלט געזאָגט ס'איז גאָרנישט, ביז צו דער חתונה וועט זיך פארהיילן, ביסטו שוין צו אלט, זאָגן ביזן קבר, איז נישט כדאי, סע שרעקט.

— פון וואו קומסטו באָבע אזאן אויפגעלייגטע?

— פארוואָס אן אויפגעלייגטע? כ'בין שטענדיק אזעלכע, וויל זי מיך איבער-צייגן אז כ'האָב נישט געטראָפן.

— מע זעט, באָבע, מע זעט.

— אז כ'וועל דיר זאָגן פון אמעריקע וועסטו גלויבן?

— אלץ וועל איך גלויבן, באָבע. דיר גלויב איך אלץ, חוץ די מעשה מיט דער באָבע דבורה.

— וואָס פארא מעשה? די באָבע פרעגט גלייך זי הייבט נישט אָן וויסן.

— מיטן קארנאָסע מעכאניקער.

— אהא, מיט דיין באָבע דבורה! סע מוטשעט דיך. גלייכער דו גלייבסט נישט. סע וואָלט געווען אַן אומזיסטיק מוטשעניש. ערשטנס איז עס נישט פּונקט אַזוי ווי דיר געזאָגט. און צווייטנס, ווען יאָ איז וואָס? א ייד ביסטו?

— אודאי בין איך!

— וואָזשע דאַרפסטו מער? דער ערשטער ייד, אברהם אבינו, האָט געשטאַמט פון יידן? קודם איז ער אויך נישט געווען קיין ייד, ער איז דאָס געוואָרן שפּעטער. שעמען מיר זיך, חס וחלילה, מיט אים? פאַרקערט, ער פאַרנעמט דאָרט ביי אונדז דאָס בכבודיקסטע פּלאַץ. מיינסט אַז עמעצער וואָלט געהאַט די העזה אים דער־מאָנען די מעשה מיט אבימלכן? ווער וואָלט זיך דערוועגט? פאָלג מיך, פאַרגעס די גאַנצע געשיכטע, אַזוי ווי דו האָסט נישט געוואוסט אַזוי וועט דיר נישט פאַר־שאַטן. כ׳האָב מיך פּשוט פאַררעדט. אפשר גאָר דעמלט אויף דער מינוט אויסגע־טראַכט.

זעענדיק אַז די באָבע הייבט אָן זיך פאַרלירן אין השערות, קלערענישן און גלאַט סברות, האָב איך זי דערמאָנט אין איר נסיעה.

— וועמען האָסטו אין אמעריקע, באָבעשי? אויך אַן אוראייניקל?

— ניין, וואָס פעלט דיר איין? אין אמעריקע האָב איך קיינעם נישט און דערפאַר אפשר אַלע, האָט זי אַ לאַך געטאָן. דער לעצטער געדאַנק איז איר גע־פעלן — מאָדערן. דאָס הייסט עמעצן האָבן מיר דאַכט זיך יאָ געהאַט. ס׳האָט זיך געוואַלגערט אין שטוב אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ יונגן מאַן, אַביסעלע אַ בייכיקער, אַ וועסטל, אַ גאָלדענע קייט, אַ רויטלעך בילדל אַזאַ, די פאַרב פלעגט מען דאַכט מיר רופן כּעפּיע. אָבער נישט אים האָב איך געזוכט. אים דאַרף מען שוין דאָרט נישט זוכן, ער איז שוין זיכער לאַנג ביי אונדז.

— האָט ער נישט געלאָזט קינדער, אייניקלעך?

— סע פעלט דיר אַ פעטער אין אמעריקע?

אַ רייכער פעטער וואָלט מיך נישט געאַרט. אַ רייכער פעטער אין אמעריקע איז גוט אפילו אויף נישט צו באַדאַרפן. דער באָבען זאָג איך דאָס נישט.

— וועמען האָסטו פאָרט געזוכט אין אמעריקע?

— וואָס אינטערעסירט דיך אַזוי, דאָס אמעריקע?

— פון וואַנען איז געדרונגען אַז ס׳אינטערעסירט מיך? מע רעדט, פרעג איך.

— דער אמת איז אַז אין דעם ביסטו אַביסלע שולדיק, זאָגט די באָבע און פאַרזשמורעט מיט די אויגן. דערמאָן איך מיך ווי אַזוי איך האָב דיך געלאָזט זיצן אָן אַ זיי געזונט ווי נאָר דו האָסט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט אמעריקע און האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אין וועג, כאַפּט מיך נאָך היינט אָן אַ געלעכטער. גלייך זאָלסט

מיך געוועז אויפוועקן פון שלאָף. אייגנטלעך האָב איך נישט איין מאָל געטראַכט אז ס'איז כדאי א קוק טאָן. פאַר מיין צייט האָבן זיך דאָך געלאָזט אין וועג טויזנ־טער און טויזנטער יידישע משפחות פון פּאָדאָליע, פון דער אוקראַינע, פון ווייס־רוסלאַנד, פון פּוילן. די גרעסטע טייל פון זיי זענען שוין ביי אונדז. דערציילן זיך אָן ניסים ונפלאות. לעצטנס האָבן אָנגעהויבן קומען עפּעס א נייער סאָרט יידן. געירשנט פון אמאָל האָבן זיי נישט מער ווי דעם שטעל.

— האָסטו דאָרט געפונען עפּעס פון דעם אמאָל?

— געפונען, אוודאי געפונען, זאָגט די באַבע פרייליך. די אַמאָליקע מחלוקתן, האָב איך געפונען. יידן מיט באָרד און פּאות קריגן זיך, שלאָגן זיך ממש ווי די פּשוטסטע כוליגאַנעס. וואַרפן באַמבעס, צינדן אונטער בתי־דפוס, אָדער טיפּאָגראַפיעס, ווי מע זאָגט היינט. זאָל מען נישט וויסן ווער זיי זענען, וואָלט מען געקאָנט מיינען זשוליקעס, בינדיוזשניקעס, קצבים, העקערס, זענען דאָס אָבער פרומע יידן, א טייל פון זיי גרויסע לערנערס, ישיבה־בחורים מיט גלעקל־פּאות. צווישן זיי איינער א פּייפער. אוים תקיעה, שברים, געגנוג אויספייפן א ניגון. פייפט ער ווי אמאָל די שקאָצימלעך אויף דער טאָלעקע. און סע געפינען זיך בעלנים צו גיין אין אָט דער פייפער־מלחמה ביז מסירות נפש.

— קיין וואונדער באַבעשי, ביי חסידים איז עס שטענדיק אזוי געוועזן. זיי האָבן זיך שטענדיק אויסגערדאָפּעט איינער דעם אנדערן די אויגן וועגן ווער ווייסט וואָס.

— ביי די אנדערע מיינסטו איז אנדערש?

— איבער וואָס רייסן זיך די אנדערע?

— ביי זיי איז עס שוין גאָר אויף חוזק. נעמען ביי זיי מאָדנע אזעלכע. פון גאָלד ביז שטיק־פּאָדעם. אלע כמעט אין מיינע יאָרן און אמפּערן אמפּערט מען זיך איבער דעם אופן ווי אזוי איבערדערציילן דאָס וואָס געוועזן. וואָס סע טוט זיך אצינד, ליגט זיי דאכט מיר אין דער לינקער פּאה. דער עיקר איז דאָס וואָס געשען אמאָל, יעדער האָט זיך זיין גירסא, זיין וואַריאַנט, ווי מע זאָגט היינט, און שלאָגט זיך פאַר איר, רייסט ממש איין וועלטן. יעדער וויל זיין וואַריאַנט זאָל אָנגענעמען ווערן אלס דער איינציק אמתער. פון וועמען זאָל ער דאָס אָנ־גענעמען ווערן? וועמען ארט עס, וועמען גייט דאָס אָן? נישט מער ווי טאַקע זיי. און זענען, זענען זיי אזוי פיל אויף די פינגער פון איין האַנט איבערצוציילן. מיינסטו דאָך אוודאי אז דאָס זאָגן זיי? א נעבעכיקער טאָג! רעדן רעדט מען וועגן אחדות, אָדער „יוניטי" ווי זיי רופן דאָס אויף זייער זשאַרגאָן. דאָס דאַרף הייסן זיך דערנענטערן, זיך אנטקעגנקומען. ווער, ווי אזוי, אז יעדער זיצט זיך אין

זיין טורעמל ווי א ספינקס. הילט זיין בכבודיק שוויגן אין תנועות און קנייטשן גלייך נאָר מלאכי השרת וואָלטן געטאַנצט אַרום אים...

— מיר דאכט באבעשי, ביסט אביסעלע מגזם, טרייבסט אביסעלע איבער.

— וואָס רעדסטו איבערטרייבן!? אָט איז דאָ נישט לאַנג געווען ביי זיי אַרעלע-נאַרעלע.

— אַרעלע-נאַרעלע זאָגסטו? נישט געהערט.

— און אז דו האָסט נישט געהערט איז עק וועלט! פון בן מתתיהו הכהן האָסטו דאָך אוודאי יאָ געהערט. דאָס איז אזא איינער וואָס דרייט זיך ביי אונדז ביי די ווענט.

— ביי אייך זענען אויך פאַראַן ווענט?

— וואָס זענען דאָס פאַר א קלאָץ קשיאות, ברוגזט זיך די באָבע. אזוי רעדט זיך. זייטיק האָב איך געוואָלט זאָגן. אמאָל פלעגט מען זיין נאָמען נישט טאָרן דערמאַנען אָן צו זאָגן ימח שמו. אזא סאָרט בן מתתיהו להבדיל איז דער אַרעלע. כ׳זאָג להבדיל ווייל ער קומט נישט צו יענעמס קנעבל. וויל ער מע זאָל אים, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, ליבן. וואוהין זשע מיינסטו פאָרט ער זוכן ליב-געזאָגען? אויך קיין אמעריקע. געמיינט אין דעם מחלוקת וועט אים געלונגען...

די קיך איז פול מיט רויך, מע קאָן דערשטיקט ווערן. כ׳וואַרף מיך צום אויוון, אַן אומגליק, די ציבעלע איז אין גאַנצן פאַרקוילט, כ׳נעם אויף גיך אראָפּ דאָס טאָוועלע פון פייער, דריי זיך אוים, די באָבע איז נישטאָ. כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער, געפּרוּווט אַרויסטרייבן דעם רויך מיט א האַנטעך, מע וועט דאַרפן אָנבראָקן א ניי ציבעלקעלע און ווידער פרעגלען, האָסטו דיר א מעשה מיט א באָבע צפרה, טראַכט איך קוים אָפּאָטעמענדיק. ס׳איז אוודאי אָנגענעם מיט איר פאַרברענגען, פירן א שמועס, מע דערוואוסט זיך א וועלט מיט נייעס, אָבער פאַרברענען די ציבעלע...

— אזוי גאָר, זאָגט די באָבע, ביסטו גאָר הייסט עס ברוגז אויף מיר. כ׳קום דאָס צווייטע מאָל און שוין צוגעגעסן?

— גאָט באַהיט, באבעשי, וואָס פאָלט דיר איין?!

— ס׳א ליגן.

— פאַרוואָס א ליגן?

— ווייל א ליגן, זאָגט זי גלייך זי וואָלט אַרויסטראָגן א פּסק-דין וועלכן מע קאָן נישט אָפּפרעגן. טרינק אוים, זאָגט זי, א גלאָז קאַלט וואַסער וועט דיר ווערן פרייליכער אויפן האַרצן, דערנאָך וועלן מיר א קוק טאָן וואָס סע הערט זיך ביי דיר.

— באבעשי, ניין!

— וואָס הייסט ניין. פרעגט די באָבע א דערצאָרענטע.

— דאָס הייסט, באבעשי, שפעטער. כ׳וויל נאָך הערן וועגן אמעריקע. האָסט אוודאי געזען אויך אנדערע זאכן, אנדערע מענטשן. אויב שוין יאָ געווען אזוי ווייט, דערצייל כ׳בעט דיך.

— וואָס הייסט אזוי ווייט?

— פאר דיר איז עס אפשר נישט ווייט, אָבער פאר אזאן איינעם ווי איך וואָס פרעגלט ציבעלקעלעך איז עס שרעקלעך ווייט. דערצייל באָבעשי, דערצייל.

— וואָס ווילסטו וויסן? טשיקאווע זאכן אזעלכע, אנעקדאָטיק? צי אפשר גאָר אן אָפשאצונג וועגן אלגעמיינער לאגע?

— לאָז אָפ באָבעשי, די אלגעמיינע לאגע. ווער דארף דאָס? ס׳איז נישט אונדזער געשעפט, דאָס איז א זאך וואָס יעדער לייגט אוים ווי אים לוינט. ניין באבעשי. אָט די באָבע-מעשיות האָבן צוגעגעסן. דאָס איז א ביזנעס פאר זשוליקעס.

— א ביזנעס זאָגסטו? וואָזשע דו ביסט אויך געווען אין אמעריקע?

— ניין באָבעשי, איך בין נישט געווען, נאָר זינט דו פעלסט פון דאָ איז דאָס וואָרט אריין אין לעקסיק פון כמעט אלע שפּראכן. דערצייל, באָבע לעבן, אנעקדאָטיק, קוריאָזן, מאָדנע זאכן.

— נישט אלע מאָדנע זאכן זענען פריילעכע.

— האָסטעך אליין געזאָגט אז ס׳איז א מוטשעניניע.

— ?!

— דער גילגול, דאָס לעבן ביי אונדז.

די באָבע הייבט אויף א פינגער גלייך צום סטראשען, דאכט זיך מיר אין ענדע, דאָס מאָל וועט זי שוין נישט דערציילן, זאָגט דער שמייכל אז ניין, נישט דאָס איז דער מיין, סע געפעלט איר פשוט מיין צושטיין.

— יאָ, זאָגט די באָבע, ס׳איז טאקע בערך אזוי, מענטשן לאכן און וויסן נישט פון וואָס זיי לאכן. ס׳איז דאָרט, אין אמעריקע, פאראן א שטאָט באם ברעג אָקעאן, ווי מע וואָלט געזאָגט ביי אונדזער ברעג...

— וואָס הייסט אונדזער ברעג, שלאָג איך איר איבער די רייד און האָב חרטה. איבערשלאָגן די רייד איז נישט שיין. וואו האָבן מיר דאָ אן אָקעאן?

— כ׳וויים, כ׳וויים נארעלע. טרעפע דיך נישט, אייל זיך נישט ווי א כלה אין גן-עדן. כ׳זאָג אונדזער ווייל דאָס איז דער ברעג אויף וועלכן די שיפן האָבן אָפגעלאָדן דעם עולם וואָס האָט אמאָל געשטראָמט פון אונדזערע קאנטן. איז ביי אָט דעם ברעג פאראן א שטאָט וועלכע מע רופט טאקע די אָקעאן שטאָט. האָב איך מיך אריינגעכאפט א רגע. געוואָרפן א בליק, מילא קאסינאָס, שפּילערס, מענטשן וואָס ציטערן אוים דאָס הארץ און די נשמה פארשפּילנדיק די פּאָר אָר-

עמע גראָשן, אָדער רייכע וועלכע ווארפן הונדערטערס ביי דער רולעטקע, וועגן דעם האָסטו אוודאי געהערט. דאָס קאָן מען זען אויך ערגעץ אנדערש. אפשר נישט אזא גרויסער עולם, נישט אזוי פארביזנעסט, נישט אין אזא מאסן פארנעם, אָבער מע קאָן זיך פאָרשטעלן, מיין בליק איז געפאלן אויף א גאָר אנדערער דערשיינונג און האָט מיך דערשיטערט.

— אויך אייך דערשיטערט, באָבעשי?

— פארוואָס זאָל אונדז נישט דערשיטערן? מענטשלעכער ווי איז אונדז נישט געוואָרן פרעמד. מיר קאָנען מיט גאָרנישט העלפן, אָבער דערשיטערן, דערשיטערט. און זיי מוחל שלאָג נישט איבער, ווילסט איך זאָל דערציילן הער זשע זיך איין. בין איך הייסט עס אין דער אָקעאן שטאָט. לענגאויס דעם ים-ברעג האָבן זיי דאָרט אויסגעבויט א סאָרט הילצערנעם שאָסיי צום שפאצירן. א זייער ברייטער, ציט ער עטלעכע מייל. האָלץ פעלט נישט, זאמד קריכט און די שיך. שפאצירן דאָרט געמיטלעך טויזנטער מענטשן געקומענע פארברענגען ביים ים אָדער צוליב די קאסינאָס, צוליב א שפיל טאָן הייסט עס, א פרואוו טאָן ווי סע האלט מיטן מזל. קוק איך אביסעלע פארוואונדערט אויף דעם פארשידן געפארבט עולם ווייל אָנגעטאָן איז, סיי יונג סיי אלט, מיט די פארשידנסטע פארבן. שלעפט קוים די פיס, גייט אויף קוליעס, ווערט געשטופט אויף א וועגעלע און טראָגן טראָגן זיי רויטע, העל-בלויע, גרינע אָדער מיט שרייענדיקע קאָלירן געפארבטע הויזן. סע קומט אוים קאָמיש, אן אייביקער קארנאוואל אלע טעג פון וואָך, נאָך אזעלעכס נישט געזען, אָבער פארשטיין קאָן מען. צווייטנס, וואָס גייט מיך אָן ווי אזוי און וואָס זיי טראָגן, זייער זאך. דער רעש, דאָס געפילדער איז אבי-סעלע צו גרויס, זענען זיי דערצו געוווינט. אויף דעם זעלבן הילצערנעם געשטעל זענען פאראן פלעצער מיט לאנגע בענק, זיצן אויף זיי הונדערטער און פאר-טרייבן די צייט מיט קוקן אויף די שפאצירנדיקע טויזנטער. צווישן אָט די שפא-צירנדיקע טויזנטער פאלט מיר אויף א פאָרל. אלטע, זייער אלטע לייט, זיי גייען איינער לעבן צווייטן, איעדער פון זיי האלט אין דער רעכטער האנט א שטעקעלע, אויפן שפיץ אָנגעוויקלט א לעדערן פאסיקל. אויף אזעלכע שטעקעלעך פירט מען געוויינטלעך א הינטל, דאָס איז דאס זעלבע וואָס ביי אונדז א שטריקל. זיי פירן אויף א שפאציר אינו-נראהדיקע הינטלעך, אָדער ווי מע זאָגט דאָרט „אינוויזיבל דאָג". איעדער מיט זיין נישט-געזעענעם הינטל. דער עולם קוקט און שמייכלט, מע קוקט אויף גיך, קיין צייט נישטאָ א קוק טאָן נענטער. אפשר וויל זיך נישט צופיל איינקוקן...

— כ'פארשטיי נישט, באָבעשי.

— ווי אזוי זאָלסטו פארשטיין? דו ביסט פארנומען מיט פרעגלען ציבעל-קעלעך, מיט צוגרייטן דעם אייניקל א באטעמט לעבערל. אָבער יענער אלטער

דאָרט? פאַרוואָס דרייט ער זיך מיט א לײדיקער ליעסע? וואו איז דאָס הינטל? אויף פירן א הינטל סטייען אים נישט מער די כוחות. אמאָל האָט ער אויסגעהאַלטן א שטוב, געכאַוועט קינדער, די משפחה איז זיך צעוואַקסן און ער איז געווען דער ראש, דער בכבודיקסטער מענטש לכל הפּחות אין דער אייגענער פאַמיליע. אַצינד זענען זיך אַלע צעפלויגן ווער וואוהין, קיינער קומט נישט פרעגן א וואָרט, וויסן ווי אזוי ער אָטעמט, צי קאָן ער נאָך ציען דעם אָטעם, נישטאָ מיט וועמען א וואָרט ארויסצורעדן. דאָס וואָס געבליבן איז נישט א סך אָבער פאַר זיינע כוחות, פאַר זיין עלנט צו פיל, וואָלט ער גענעמען א הינטל, האָט ער אויך דערצו קיין כוח, מע מוז עם האָדעווען, וואשן, רייניקן, פירן אויף דער גאַס. באַגנוגט ער זיך מיט דער ליעסע. מיינסטו אז פאַר אים איז אויך דער הונט וואָס אויפן שטריקל אַן אינו-נראהדיקער? האָסטו א טעות. דווקא נישט. ער, דער אַלטער, זעט דעם הונט, און כאָטש ער רייסט נישט דאָס שטריקל אין אַלע זייטן, אָט רעכטס, באַלד לינקס, באַלד צון א בוים אָדער א סלופּ, רייסט ער אים אָפּ דאָס האַרץ, צאַפּט פון אים דאָס ביסל פאַרוואַסערטע בלוט וואָס ער האָט נאָך אין די אָדערן. ביים ענדע שטריקל וויקלט זיך אָפּ אין דער גאַנצער נישטיקייט א לעבן לאַנג, א לעבן פון וועלכן סע זענען געבליבן נישט מער ווי שאָטנס: א צוויי מאָל אָפּגעגעטער זון, אַן אויף גיך זיך שמינקענדיקע אויסגעמוטשעטע טאָכטער, עפּעס אייניקלעך וועמענס נעמען ס'איז שווער צו פאַרגעדענקען, אָדער ס'האָט קיין זין צו פאַרגעדענקען. ער וואָלט וועלן, דער אַלטער, צו אונדז, האָט אויך די מאַמע-ערד אין אים פאַרגעסן, נעמט אים נישט אין אירע אָרעמס, אים שענקען אביסעלע רו.

געפעלט דיר אזאַ אַנעקדאָטיק?

— זי איז באַקאַנט. אויף אזוי ווייט באַקאַנט אז מע רופט זי מיט ביטול מעלאָדראַמע און מע מאַכט זיך דערפון א קליינעם צימעס.

— אפשר ביסטו גערעכט, רעדט די באָבע צו זיך אַליין, זי האָט גלייך ווי פאַרלוירן די לעבהאַפטיקייט, די גוטע שטימונג מיט וועלכער זי איז געקומען. א שיינער בחור אזא, א געדיכטע באָרד וואָס שלאָגט אין רויטלעך, אביסעלע א צו גרויסע פּאַטלע, וואָלטן זיי נישט געווען אזוי שמוציק, אזוי פאַרבראודיקט, וואָלט ער באמת געווען א שיינער. היט ער אָבער נישט זיין הדרת פּנים, לייגט נישט קיין אַכט אויף זיין שטאַלטנעם גוף, אַרט אים נישט וואָס ער איז איינגעטונקען אין בלאָטע פון קאָפּ ביז פוס. זיצט אויף א באַנק כמעט דעם גאַנצן טאָג, מאַכט פאַרשידענע הוויות, אָט ציטערט אויף א ברעם, אָט צוקט אַן אַקסל, אָט וואַרפן זיך אין א קאָנוואולסיע די פיס, אָט קרומט זיך דאָס מויל מיט שרעקלעכן ביטול גרייט זיך א שפּיי טאָן צום פאַרפלייצן אין לײכעץ די גאַנצע וועלט און פון

צייט צו צייט זאָגט ער: יו קען אָפּן דע דאָר. דע דאָר איס אָפּן. דאָס דאָרף הייסן: איר קאָנט עפּענען די טיר, די טיר איז אָפן. ווי דו זעסט איז עס כמעט מאמע־לשון, וואָס איז געשען מיט זיין אָפּענער טיר? ווער איז אוועק אָן א זיי געזונט און געלאָזט די טיר אָן אָפּענע? ווער איז אריין אָן דעם ער זאָל אָנקלאַפּן, פרעגן צי מע מעג, צי שטערט ער נישט, צי וויל ער, דער בעל־הבית, אַז יענער זאָל איבערהויפּט אריינקומען? וואָס איז אַזעלעכס געשען מיט אים אַז אַלע זיינע גע־דאנקען זאָלן זיך אָפּשטעלן ביי דער טיר?

אויך דאָס געהערט צו דער דאָרטיקער אַנעקדאָטיק.

אצינד ביסטו צופרידן? מיט דעם איז דיר גענוג? אזוי אז פאַלג מיך, לאָמיר בעסער א קוק טאָן, זען וואָס סע הערט זיך ביי דיר.

— וואָס ווילסטו זען, באָבעשי?

— וואָס איך וויל זען ווייס איך, דו ווערסט זיך באַלד דערוויסן. זי נעמט מיך פאַר דער האַנט, בין איך א צוועלפיעריק יינגעלע מיט א פנים פון אַן אַלטן קאַר־ליק. אזוי דאכט זיך מיר. וואָלט געווען א שפיגל כ׳זאָל א קוק טאָן, איז אָבער נישטאָ. „קום!“ זאָגט זי באַפעלעריש און איידער כ׳קוק מיך ארום זענען מיר שוין אויף וואקארעשט. פון דאָרט פירט זי מיך מיט זיכערע טריט צו דער גרויסער שיל פאַרקערעוועט אין הויף, פירט מיך אויף טרעפּ, עפנט א טיר, אין צימער זיצט א ייד מיט א גרויער באָרד, א גרויסן שטערן, א זיידענע יאַרמאָלקע, אָנגע־טאָן אין איין זשילעט, די אַרבל פון העמד פאַרקאַטשעט. אויפן טיש ליגט א גמרא. ער מאכט א סיום, אָדער ער גרייט זיך פאַר אים. דעם סיום גרייט ער נישט זוען קהל, אפילו נישט וועגן א מנין יידן. נישט מער ווי פאַר זיך מיטן ווייב. קיין מנין איז כמעט נישטאָ, ווער עס זאָל זיך קומערן איבער די דריי וואָכן, אָדער ניין טעג איז אויך נישטאָ.

פון דער גאַס דערטראָגן זיך קינדער געשרייען. ס׳איז א געטומל גלייך די וועלט גייט אונטער. רבי מאיר יצחק רינצלט דעם שטערן. מע זעט ער האָט גוואַל־דיק עגמת נפש, סע טוט אים וויי וואָס קינדער לויפן ארום פוסט־און־פּאַס, זיצן נישט אין חדר, לערנען נישט אין א תלמוד תורה, פאַרלירן די בעסטע צייט וזען דער זכרון איז נישט באַלאַסטעט, ווען ער איז פריש, ווען די געהירן קאָנען איינזאַפּן ווי א שוואם אַלץ וואָס מע לערנט, ווען ס׳איז צייט זייערע מוחות זאָלן זיך אָנפולן מיט תורה ווי א מילגרוים מיט קערלעך. וואָס וועט דערפון ווערן, וואָס וועט זיין דער תכלית פון אָט די אַלע נשמהלעך? ווער זאָרגט דעריבער? איז ער געבלינבן דער איינציקער וואָס דאַרף טראָגן אָט דעם גרויסן עול? וועט אים פאַרגיבן ווערן וואָס ער טוט גאָרניט אויף צו ראַטעווען די נשמות זייערע? קיין ענטפער אויף די פראַגעס וואָס מוטשען אים געפינט ער נישט. ער קומט אָפּ מיט א

טיפן קרעכץ, אזא טיפער און ערנסטער אז ער קאטשעט זיך אוועק אזש ביז די פּיס פון כסא הכבוד.

די באָבע שמייכלט גוטמוטיק.

— וואָס שמייכלסטו, באבע?

— זעסט נישט אז ער איז אין אנדערע וועלטן? ער מיינט אז דעם רעש, דאָס געטומל מאכן יידישע קינדערלעך. פארטאָן אין זיין מסכתא האָט ער פאר־געסן אז דאָס בוידעם-שטיבל איז נישט אין דאראהאָי, נישט אין פּאָדעלוי, נישט אין הערלוי, וואו ער האָט אמאָל געפּאסטעכט יידישע קהילות; ער האָט פארגעסן אז וואקארעשט איז היינט א ציגיינער געגנט און די קינדערלעך קליינע ציגיינערלעך וועמענס תיקון קען ליגט נישט אין חדרים און תלמוד תורות. ס׳איז מיר געווען טשיקאווע צו זען מיט די אייגענע אויגן.

— ווילן מיר אים לאָזן זיך מוטשען מיט אומזיסטיק עגמת נפש?

— פאַרוואָס נישט, זאָגט די באבע. כאָן בוכין איז א טייל פון יידישקייט. קאָן זיין ער וועט דערפאר באקומען שכר. לאָז אים, לאָז אים...

די באָבע איז אוועק, דאָס מאָל דאכט מיר ענדגילטיק. וואָס זי האָט געהאט צו דערציילן האָט זי דערציילט, און וואָס צום זען האָט זי געזען. דאָס ציבעלקעלע איז גאָלדן געפּרעגלט, קיין בעסערס און אפּעטיטלעכערס אויף געקאָכטע באַראַ־בוליעס וועט איר אויף דער גאנצער וועלט נישט געפינען.

כ׳מיין אז דאָס איז דער באָבע צפּרה׳ס שטיקל ארבעט. א מתנה דעם אור־אייניקל.

א דאנק דיר באָבעשי.

קום נאָך אריבער, באָבעשי.

קוויט...

געוויינטלעך גיי איך יעדן טאָג אין פּארק מיט מיין אייניקל. א פּיצעלע מיידעלע. זי שפּילט זיך און איך זיץ אויף א באנק, פארברענג מיט פייגעלעך, ווערימלעך, שפּינען, מוראשקעס, מיטן ארומיקן וועלטל און שעפּ דערפון נחת.
אין א טאָג האָט זיך דערנענטערט אן עלטערער מענטש, אן אויסגעמאטערטער. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באנק אויף וועלכער איך בין געזעסן, זיך א צייט צוגעקוקט צום קינדרס שפּיל.

אָדער ווייל איך האָב א רוף געטאָן: מיידעלע, צי אפשר איז זיין מידקייט געווען א געמאכטע, נאָר אן אָנשטעל, אפשר האָט ער פון אפריער אויסגערעכנט זיך צוזעצן דווקא לעבן מיר, ער האָט אפשר געוואוסט אז כ'האָב א געוויסן מגע-ומשא מיט רעדאקציעס, אנדערש איז נישט צו פארשטיין דאָס וואָס ס'איז געשען ווייטער.

— איר וועט מיר מוחל זיין, האָט ער זיך פּלוצים געווענדעט צו מיר, וואָס אויף אזא אופן. שוין א לענגערע צייט אז סע ליגן ביי מיר אָט די געציילטע בלעטלעך, אָנגעשריבענע אין א שלאָפלאָזער נאכט. שלאָפלאָזע נעכט זענען ביי מיין עלטער קיין אויסנאם, נאָר יענע איז געווען א באזונדערע. אזוי ווי איך לייען וואָס דערשיינט ביי אונדז אויף יידיש, וואָלט איך אייך בעטן א קוק טאָן, אָן שום פארפליכטונגען. ניין ניין! נישט אצינד, האָט ער זיך געאיילט צוגעבן א-ביסעלע פארשעמט, שפּעטער, מיט געדולד. דער עיקר מיט געדולד. די טעג קום איך ווידער, וועט מען אפשר א שמועס טאָן...

ער האָט מיר געלאָזט די פּאָר זייטלעך, זיך שווער אויפגעהויבן און אוועקגעגאנגען מיט שריט פון א שרעקלעך מידן מענטשן. ס'איז אדורך א זומער, אן אָסיען און ווידער א זומער, דער מענטש האָט זיך מער נישט באוויזן. די זייטלעך האָבן מיך אָנגעהויבן מוטשען, האָב איך באשטימט זיי פּאָרלייגן יידיש-לייענער, אויב סע געפינען זיך נאָך אזעלכע, זיך מיט זיי האלטן אן עצה.

אָט איז דער גאַנצער טעקסט פון די זייטלעך:

„מיר זענען געזעסן אײנער אנטקעגן צווייטן. אויף וואָס מיר זענען געזעסן געדענק איך נישט. צו מאָל דאַכט זיך מיר אַז ס׳איז געשען אין אַ גרויסן זאַל, דיקע ווענט באַדעקטע מיט ברוינע זיידענע טאַפּעטן מיט טונקל־רויטע קווייטן. אַ שנייוווייסע סטעליע פון וועלכער ס׳האָט אַראָפּגעהאַנגען אַ זעקס אָדער זיבנרעריקער לאָמפּ. געזעסן זענען מיר אין שווערע לעדערנע פאָטעלן ווי אין די קאָנטאָרן פון גרויסע געשעפטס־לייט. יעגאַנגען איז אין אָפּשליסן אָדער אָנהייבן אַ זייער וויכטיק געשעפט, דערליידיקן אַ וואַזשנע ענין. (דאָס וואָרט „וואַזשנע“ האָט פאַרראָטן זיין אָפּשטאַם: אַ בעסאַראַבער.) די שטילן האָבן זיך באַוועגט פון זיך אַליין. דאָס הייסט נישט אין גאַנצן פון זיך אַליין, נאָר אָפּהענגיק פון דעם אויף ווי ווייט אונדזערע מיינונגען זענען זיך צוזאַמען אָדער פאַנאַנדערגעגאַנגען. צומאָל זענען די שטילן פאַרפאָרן ביז די סאַמע ווינקלען פון אומגעהייערן זאַל, אַזוי ווייט אַז מיר האָבן קוים געהערט און געזען איינער דעם צווייטן; צו מאָל האָבן זיי זיך אַזוי דערנענטערט גלייך ווי מיר וואָלטן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין און דער זעלבער פּערזאָן. און אַלעם איז געווען פּשוט, קאַלט בלוטיק, שכלדיק.

„צו מאָל דאַכט זיך מיר אַז געשען איז עס אין אַ ענג צימערל אין וועלכן ס׳איז געשטאַנען נישט מער ווי אַ שמאָל בעטל און אַ טאַבורעטקע. אויך דאָרט זענען מיר געזעסן איינער אנטקעגן צווייטן, געפירט אַ שמועס וועגן גורל, וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל, אָדער וועגן גורל פון דער וועלט, זיצט מען איינער אנטקעגן צווייטן איז דער שמועס אַנדערש ווי דעמלט ווען מע זיצט — איינער לעבן אַנדערן. מע קאָן זאָגן אַז — ווי גרויס דער ווייטיק זאָל נישט זיין, ווי שטאַרק עס זאָל נישט קלעמען ביים הארצן — איז דער שמועס אין אַ געוויסער מאָס אַן אויסערלעכער. סע קומט פאָר עלעהיי מע זוכט זיך, מע פּרוּווט זיך געפינען, זיך פאַנאַנדערקלויבן; באַנעמען יעדנס לאַגע און אין פאַרבינדונג מיט דעם די אייגענע. זיצט מען קעגנאיבער איז מען דערוואַקסענע, צייטיקע, מענטשן וועלכע זענען אימשטאַנד צו געפינען אַן אויסוועג אומאָפּהענגיק פון שוועריקייטן, מענטשן וואָס קאָנען בייקומען אַלערליי מניעות און שטרויכלונגען.

„צו מאָל דאַכט זיך מיר אַז דאָס זיצן איינער קעגנאיבער דעם צווייטן האָט גורם געווען דעם סוף, האָט דערפירט צו אַ געפּלאָנטער פון געפילן. און דאָס דערפאַר ווייל זיי, די געפילן, זענען געריננען צווישן אונדז, זיך נישט איבערגעגאָסן פון איינעם אין צווייטן אַזוי ווי סע קאָן געשען ווען מע זיצט לעבנאַנאַנדער. דערצו זענען מיר, דאַכט זיך, גאָר נישט געזעסן אויף בענקלעך, שטילן, אָדער בעטלעך, נייערט אויף הוידעלקעס וואָס האָבן געפּענדלט צווישן הימל און ערד, און אַלץ וואָס איז געזאָגט אָדער נישט געזאָגט געוואָרן איז זיך צעפלויגן אין חלל. נאָר איין וואָרט, איין אויסדרוק אירער איז געבליבן הענגען, זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטיילן פון אונדז, אפשר נישט אַזויפיל פון

אונדז ווי פון מיר, געבליבן צוגעקלעפּט צו מיר. געזאָגט, אין ברען פון שמועס, האָט זי: „מיר זענען קוויט...‘

„צוערשט האָבן די ווערטער א ווארעם געטאָן ווי אן אָנגעהיצט פּרעסל. ס'איז אויסגעקומען מאָדנע, לעבן פּרעסל איז אויסגעוואקסן וועלוול. דאר, בלייך, מיט אן איינגעפאלענער ברוסט. כ'האָב א שמייכל געטאָן. כ'בין געווען דאנק־באר וואָס זי האָט מיט די ווייניקע ווערטער געבראכט די פּרעסל־ווארעקמייט, ארויפגעבראכט פון פארגאנגענע וועלטן דעם שניידער ייִנג און צוזאמען מיט אים מיינע צעריסענע הייזלעך און א היימישקייט. א שפּילעוודיקע היימישקייט, א מילך־ציינדלעך שפּרינגערייִ. מע בינדט א ציינדל מיט איין עק שפּאגאט, דעם צווייטן עק וויקלט מען ארום דעם גראָבן פינגער פון פיסל א צי און שוין איז דאָס ציינדל אויף דער דלאָניע. בארימט מען זיך דערמיט און מע פארגעסט נישט א וואָרף טאָן איבערן דאך, אָדער לייגן אונטער דער סטריכע, אָדער גאָר אין א מייזן־לאָך — א סגולה דאָס נייע זאָל וואקסן א געזונטס. אזוי פלעגט מען זיך שפּילן אויפן דאָרף און אין קליינשטעטלדיקע געסלעך באזוימטע מיט הוי־קערדיקע הייזקעס. שפּילעכלעך האָט מען נישט געהאט, איז אלעם געוואָרן א שפּילעכל: א טשוואָק, א דראָטל, א קאמיש, א קלעפּקע, אָפּגערעדט פון אזא מציאה ווי אן אויסגעטרוקנטע בוקשע פון א צעפאלן ראָד; און ווען נישט זע־נען געוואָרן שפּילעכלעך די אייגענע ציינדלעך, די האָר, די אויערן און אפילו די צונג. אָט אזא היימישע שפּילעוודיקייט האָט א בלאָז געטאָן פון וועלוולס פּרעסל. וועלוול איז שוין דעמלט געווען א גרויסער, אָבער אָפּטרייבן פלעגט ער נישט. פארקערט. ער פלעגט ענטפערן אויף אלע אונדזערע קלאָץ־קשיאות מיט געדולד, מיט א גוטמוטיקן שמייכל ווי סע פּאסט א גרויסן, אָדער א צדיק. ער פלעגט זיך אביסעלע פארהיקען, ווייל געווען איז ער א היקעוואטע, און ענ־טפערן. וואָס מער ער פלעגט זיך פארהיקען, אלץ מער זענען מיר צוגעשטאנען מיט אונדזערע קשיאות. קיין מאָל מיט חוזק, קיין מאָל מיט קינדערישער שלעכ־טעקייט. אפשר איינער פון אונדז יאָ, זיין קליין ברודערל. דער וועלכער האָט מיט א צייט שפּעטער געארבעט ביי דער פּאָליציי. די גמרא זאָגט ערגעץ אז שוחטים ווערן יענע וועמען ס'איז געלונגען בייטן דעם גורל פון ווערן א גזלן אויף דעם פון ווערן א שוחט. מיר האָט זיך צומאָל געדאכט אז די תנאים האָבן פארגעסן מצרף צו זיין פּאָליציסטן. מיט דער צייט אָבער האָב איך מיך איבערצייגט אז דער געדאנק איז געווען אן אייבערפלעכלעכער, א גרינגער אזא. ניין, ס'איז ניט אזוי. די תנאים זענען געווען גערעכט, דער טעות איז מיינער. דאָס מיט די פּאָליציסטן איז אויסער דעם גורל. זיי זענען, ווייזט אויס, א באזונדערער סאָרט מענטשן, אן אויסנאם אזא, אויף וועלכע דער גורל האָט קיין שליטה.

„די ווארעמקייט וואָס האָט א שלאָג געטאָן פון אירע ווערטער האָט געדוויערט נישט מער ווי א רגע. א לאנגע רגע, אָבער נישט מער ווי א רגע. און אפשר נישט אזא לאנגע, ווייל דאָס וואָס איז געשען שפּעטער האָט געדויערט אָן אויפהער.

„מיר זענען קוויט...“ זי האָט דערמיט, ווייזט אויס, געמיינט אז מע קאָן און מע דאַרף אָנהייבן א נײַ קאפּיטל, אָדער אז ס'איז גאָר קיין קאפּיטל נישט, ווייל סע געהערט נישט מער צום פריערדיקן, ס'איז אין אלגעמיין אָן אָנהויב. דאָס וואָס ביז אצינד, איז גאָרנישט. האָט נישט עקסיסטירט, אָדער אין בעסטן פאַל איז עס נישט מער ווי א מאָדנער תהו-ובהו, עפּעס אזעלעכס וואָס מע דאַרף אפילו נישט פארגעסן; ס'איז נישט נאָר אָפּגעווישט, ס'איז גאָר קיין מאָל נישט געשען. האָט פון אירע רייד א בלאָז געטאָן א קעלט און נישט אזוי פון אירע רייד ווי פון די דיקע, מיט טונקל-ברוינע בלוט-רויט געקווייטעטע טאַפּעטן באדעקטע, ווענט. די שטילן האָבן זיך דערווייטערט, די ווענט זענען זיך צעגאנגען, דער ים האָט געבושעוועט.

„...פרייטיק נאָכמיטאָג. אראָפּ פון באן בלייב איך שטיין אויפן פעראָן מיט א קליין רענצעלע אין דער רעכטער האנט. קליין און לייכט איז דאָס רענצל, קיין סך זאכן זענען אין דעם נישט פאראן. די נסיעה אין וועלכער איך לאָז מיך איז א לאנגע, אן אומגעהייער לאנגע נסיעה פאר וועלכער זאכן זענען אָדער צו ווייניק, אָדער איבעריק. איילן איל איך מיך נישט. נישטאָ צוליב וואָס זיך איילן, די שיף גייט אָפּ מאָרגן, שבת-צו-נאכט. שטיי איך אזוי א רגע, א שעה און נאָך מער. ס'איז שווער זיך אָפּגעזעגענען פון דער מאמען, פון שוועסטער און ברודער. זיי שטייען אויף דעם אנדערן פעראָן, אויף דעם פון וועלכן די באן האָט גערירט פאמעלעך, זיך קוים קוים שלעפּנדיק. ס'האָט געדויערט א וואָך, א חודש, צי גאָר א יאָר ביז כ'האָב זיי מער נישט געזען, ביז זיי זענען פארשוואונדן פון שווארצאפל-תפיסה, און געווען בין איך זיכער אז זיי האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט. מיטפאָרן האָבן זיי נישט געקאָנט. אויסגעקומען אז אויף הוצאות פאר אלעמען קלעקט נישט, האָבן זיי באגלייט פון דאָרט. כל זמן איך שטיי אויפן פעראָן דאָ, שטייען אויך זיי דאָרט, אויפן אנדערן, פון וואנען כ'בין אָפּגעפאָרן א נישט-גאנצער. עפּעס פון מיר, דאכט מיר, שטייט דאָרט, דערגאנצט, גיט כח צום שטיין דאָ, אזוי ביז סע קומט א ייד, פון וואנען ער האָט זיך געיאָוועט ווייס איך נישט. ער קוקט א צייט אויפן רענצל, קוקט אויף מיר און ער הייבט אָן רעדן.

— יינגערמאן — דאָס רעכטע אויג, דאָס וואָס איז צוגעדעקט מיט א בעלמע, דערציילט וועגן אָרעמקייט, וועגן דחקות, וועגן אפשר-קאָנט-איר-עפּעס-ברענגען-אויף-שבת — יינגערמאן, וויפל קאָן מען אזוי שטיין אויפן פעראָן? באלד פאלט צו די נאכט, באלד דאַרף מען בענטשן ליכט. וואו טראכסטו איבערנעכטיקן?

— איבערנעכטיקן? וואונדער איך מיך.

— וואָס דען, איבערטאָגן?

— איר זענט גערעכט. אוודאי מוז מען איבערנעכטיקן. וואו מיינט איר וואָלט מען געקאָנט?

— קום, זאָגט ער, קום צו מיר. א יידישע שטוב וועסטו זיך פילן ווי דאָרט. גייען מיר.

— וואו קאָן מען א קוק טאָן אויפן ים?

— אויפן ים? דאָס מאָל וואונדערט עס אים. דו וועסט יאקאָש זאט ווערן פון קוקן אויפן ים. זאלץ-וואסער האָט דער בורא עולם נישט געקארגט.

„כאָטש דער ים דרימלט, דאכט זיך מיר ער בושעוועט. ער שרעקט מיט זיין אומענדקלעכקייט. סע קומט אוים אז דער דאָ בלייבט ווייט, אוימבאגרענעצט ווייט, און דער דאָרט פארלירט זיך אין ים, גלייך קיין דאָרט וואָלט גאָרנישט עקסיסטירט. סע קומט אוים מע וואָלט געדארפט מוותר זיין; איידער זיך לאָזן אהין איז אפשר גלייכער זיך אומקערן צו וועלוולס פרעסל, צו זיין חנעוודיק פארהייקען זיך, צו זיין כשרער נשמה. וועט אָבער די מאמע ווידער וויינען, וועט דער טאטע זיך אין גאנצן אָפזאָגן, וועלן שוועסטער און ברידער נעמען אויף דער העצקע. בושעוועט נאָך מער דער דרימלענדיקער ים און יעדער שפאן מיטן רענצל אין דער לינקער האנט, איז בלייאיקער. אזוי ביז דער שיף.

„ניין, זי קומט נישט אליין. זי באגלייטן די עלטערן,ביידע, אי דער טאטע אי די מאמע. ביז דער לעצטער טרעפ באגלייטן זיי זי. מע געזעגנט זיך מיט א שמייכל און מיט געלעכטער. מ׳איז צופרידן וואָס אזוי. דער דאָ איז א דאָיקער און דער דאָרט איז א זיכערער, גלייך א פון שטענדיק באקאנטער, זי, א קליינינקע, אן עטוואָס קיילעכדיקע, פון דער בריל ווייעט איידלקייט און פון די זיך ביי יעדן וואָרט באוועגנדיקע נאָז-פליגעלעך, פשטות. פון יענער זייט גלעזער פינקלט קלוגשאפט און א באזונדער פאָטענציעלער הומאָר. ניין, דאָס קאָן נישט בלייבן פרעמד. אויף די ווילד פרעמדע שיף-ברעטער, אויף דעם ימיקן אין-סוף קאָן זיך געפינען א לויטער געלעכטער. דער ים דרימלט און ער וועט זיך גאנצע זיבן טעג און זיבן נעכט באַרימען מיט שווימענדיקע און פליענדיקע פיש, מיט לייכטן שוים, מיט טיפן אָטעם, ער וועט וויגן אויף כוואליעס און מיר וועלן זיבן מאָל זיבן לעבנס שוועבן צווישן צוויי בלויע הימלען.

„מיר זענען קוויט ...‟

„... קיין מאָל נישט געלאָפן איבער סטאמבולער שמאָלע געסלעך, נישט אָנגעקוואָלן פון קלויסטער-מעטשעטן, נישט געקראָכן אויף גריכישע נאקעטע בערג זוכנדיק מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געשליפענעם מארמער, נישט געקליבן

שטערן געוויגטע פון ים-התיכונישע כוואליעס. אָפּגעווישט מיט נישט מער ווי דריי ווערטער. ניין! דאָס קאָן זי נישט מיינען. מע דאַרף אפילו נישט פרעגן. צעוויגן זיך די הוידעלקעס, שוועבן מיר אונטער העל-בלויען הימל ווייט איבער דורכזיכטיקע כמאַרעלעך, העכער פון אָדלער-פליגל. זעצן מיר זיך אויף א שרון-בערגל אין דער סאמע מיט פון א פּאָמעראַנצן גאָרטן. פאלט איבער אונדז די נאכט, צינדן זיך מיליאסן שבת-ליכט און כאָטש איך בין נישט הויך און ווילד ווי א הירש און זי נישט שלאנק און אָפּגעבערעגט פון זון דאכט זיך אז צום ערשטן מאָל ווערט געזינגען שיר השירים, צום ערשטן מאָל ווערט געזאָגט מיט ווערטער דאָס וואָס שפּארט פון גאנצן געמיט מיט ביטערלעך-זיסן ציטער-ליפּן באגעגענען זיך, שמעלצט פייער פעך צום ערשטן מאָל זינט מענטשן בלאָנדזשען אויף דער וועלט...

„קיינעם נישט פארשעמט, בלוט נישט פארגאָסן, פארוואָס זשע זאָל דאָס אלץ פארגעסן ווערן? ערגעץ האָט דער חלום זיך פארוואנדלט אין ווירקלעכ-קייט, ווייל די ווירקלעכקייט ווערן אָן אָנהייב פארמשפּטנדיק אלץ וואָס געוועזן צו גאָרנישט, צום פארגעסן ווערן...

„... אין שמאָלן צימערל שטייט נישט מער ווי א בעטל און א טאבורעטקע. קאלט די ווענט, קאלט די לופט, קאלט דאָס ברודיקע ליכט וואָס זיפּט פון גרויען הימלפלעק. זיצנדיק איינער אנטקעגן צווייטן קוקן מיר צום אייזערנעם קאזאר-מעמעסיקן בעטל, צו דעם וואָס דאַרף פארמשפּט ווערן צו זיין סוף. צווישן יע-נעם סוף און איצטיקן 'קוויט'-אָנהויב ליגן טויטע, קומט אויס דער „קוויט" א פארשוועכעניש, ווייל געזעסן איז מען לעבנאנאנדער. דאָס צוזאמענגיסן פון גע-פילן, דער לויף פון בלוט אין געמיינזאמע אָדערן האָט נישט געשטערט, גע-זעסן זענען מיר, דאכט מיר, אין סאמע ברען פון דעמאָלטיקן פייער.

„ווי א האָלעוועקשע האָט עס גערויכערט ביי די קאָפּטן, ס'האָט געברענט אין אירוז, ס'האָט געקאָכט אין שטעט און דערפער, גלות-שיפן האָבן זיך פאר-וואנדלט אין טויט-שיפן, סדום שוועבל האָט זיך געצויגן פון גורניקא ביז פראנקפורט. דעמלט האָבן מיר זיך האלדזנדיק צעטיילט. אין יענער נאכט איז דער זעקסטער שטאָק געווען אין סאמע הימל און דאָס שמאָלע צימערל א מזבח פון וועלכן די קרבנות נידערן. אויב שוין יאָ ברענען, זאָל עס זיין מיט טאָלק, נישט מיט אויסגעצויגענע העלדזער אויף אן אנדערטהאלב איילן ברייטן מזבח. אזוי האָט געזאָגט דאָס הארץ, אזוי האָט געציטערט די נשמה, אזוי האָבן באשטימט די געבלוטן, און דאָס איז געווען אן אָנהייב וועלכער וויל פון קיין סוף נישט וויסן. די באטרעטענע וועגן האָבן געדאַרפט און געמוזט צוריקפירן צו אָט דעם צימערל. דאָ האָט מען זיך געדאַרפט באגעגענען אָן קוויט-חשבונות; קוויט

טויג פאַר הלוואות, און מיר אפילו זיצנדיק איינער אנטקעגן דעם צווייטן, האָבן נישט צו טאָן מיט וועקסלען. דערפאַר איז שווער צו ווייסן וואו און אויף וואָס מיר זענען געזעסן אין יענעם מאָמענט ווען פון אירע ליפּן האָבן זיך אָפּגעריסן די ווערטער.

„זאָג אַליין ...

„כ׳האָב געמיינט אַן אקצידענט, א צופאַל. סע געשעט. ווען אַלץ ארום איז פיינטלעך, ווען איבעראַל לויערט טויט, ווען זון איז פּראַסטיק און פינצטער־ניש א מקום מקלט, זענען אקצידענטן דאָס סאמע נאָרמאַלע. א געריסן שטריקל בינדט מען נישט, אָבער די העמדער ווארפט מען, דאכט מיר, קיין מאָל נישט אוועק. ביידע האָבן מיר געבלאָנדזשעט אויף די פון אונדז געקליבענע וועגן. א יאָר און צוויי און דריי און נאָך מער; באגעגנט האָבן אונדז נישט נאָר מלחמה, נויט, ליידן און פּאָטענציעלע עקזעקוציע־פּלוטאָנען, באגעגנט האָבן אויך איבער־געגעבנקייט, חברשאפט, געטריישאפט, גרייטקייט זיך מקריב זיין פאַר דעם אין וועמען סע שפּאַרט זיך אָן דער אקסל. האָט זיך צו מאָל געדאכט אָדער געוואָלט אביסעלע מער, אָדער אביסעלע וויניקער. מ׳האָט געוואָלט זיין כאָטש א מינוט נישט מער ווי פלייש און בלוט, ענטפערן אויף דער פּשוטסטער פאָדערונג פון די אייגענע עלעמענטארע יסודות ...

„כ׳פאַרשטיי, און נישט נאָר ווייל ביידע האָבן מיר דאָס געטאָן. אויך דו פאַרשטייסט. צוליב בעסער פאַרשטיין, צוליב בעסער באנעמען דאָס געשעענע זענען מיר געזעסן איינער אנטקעגן דעם אנדערן אין שווערע לעדער־שטילן, אויף צווישן הימלען שוועבענדיקע הוידעלקעס, אין א שמאָל צימערל מיט נישט מער ווי אַן אייזערן קאַזארמע־בעט און א נידעריקן טאַבורעט. צוליב געפינען אַן אויסוועג. ווייל ...

„דיין טעכטערל איז חנעוודיק ווי נאָר א צוויי אין האַלב יעריק מיידעלע קאָן זיין. מיין דרייוואכעדיק יינגעלע — א קנוילעכל לעבן פול פאַרבראשית־קיקע סודות.

האָבן דיינע ווערטער אפשר געדאַרפט הייסן א זינד פאַר א זינד ...

„וואו האָט אָנגעהויבן די זינד? סיידן דער צופאַל, דער אקצידענט איז גאָר נישט געווען קיין צופאַל, נאָר אַן אנדער אָנהויב ...

„אצינד ווען כ׳קאָן מיך פּינקטלעך נישט דערמאָנען אויף וואָס מיר זענען געזעסן איינער אנטקעגן צווייטן געפיינגטע פון געדאנק ווי אזוי צו געפינען אַן אויסגאנג פון דער לאַגע, מיין איך אז דיינע ווערטער זענען געווען אויב נישט די פּאַסיקסטע איז זיכער אזעלכע וואָס האָבן געהאַלפן זיך אויספּלאָנטערן פון

אזא פארוויקלטן קנויל. אָנהייבן א נײ קאפּיטל האָט געהייסן אָנקניפּן דאָרט וואו דאָס שטריקל האָט געריסן מיט דער גאנצער פריערדיקער לענג, מיט אַלעם וואָס ס'איז געשען ביז יענער נאכט פון צעשיידונג, און יענע נאכט איז געווען אזעל־כע וואָס וויל נישט און קאָן נישט דערלויבן א קוויטן־צוגאנג. אָנהייבן אין גאנצן פונסנײ האָט מען אוודאי נישט געקאָנט. דאָס וואָלט געהייסן לייקענען נישט נאָר דאָס געוועזענע נאָר אויך דעם קוויט וועו אזעלעכער זאָל עקסיסטירן.

זענען מיר געבליבן יעדער בײ זיינעם, דו מיט דיין טאָכטער, איך מיט מיין זון, ביידע אויף אייביק צעקאַליעטשעטע, ביידע געגריזעטע פון א קרענק צו וועלכער קיין רפואות זענען נישט פאראן.

„קוויט זענען מיר אָבער ביז ער היום נישט, ווייל קוויט איז גילטיק נאָר ביי אויסצאָלן א חוב, ביי סקאָנטירן א פּאַפּירן וועקסל. אונדזער וועקסל איז נישט געווען א פּאַפּירענס...״

אָט דאָס איז ער דער פולער טעקסט.

*

מיין אייניקל איז אונטערגעוואַקסן, גייט וויניקער מיטן זיידן, דער זומער איז היים גײ איך אַליין זיצן אויף א באנק אין שאָטן פון א בוים, צו מאָל אויך מיטן געדאנק אז מע וואָלט געקאָנט באגעגענען יענעם וואָס האָט מיר געלאָזט די אומפארשטענדלעכע זייטלעך און זיך נישט מער באוויזן. ס'איז מיר נישט קלאָר מיט וואָס מ'האָט אים באעוולעט, אָדער ער האָט עמעצן באעוולט און דאָס איז זיין חרטה, זיין געוויסנס ווידוי. א מאָדנע ווידוי...

איך האָב וויזט אויס איינגעדרימלט אויף א רגע און אונטער דער צייט האָט זיך צוגעזעצט אויף דער באנק א פרוי נישקשה איבער די מיטליאָרן. אויסגע־זען א טוריסטקע. דאָס יאָר איז א היישעריק מיט טוריסטן. ווי סע פירט זיך האָט מען זיך איבערגעקוקט און ווייטער געזעסן. די באנק געהערט איעדן איז נישט דער פאַל זיך צו אנטשולדיקן וואָס זיך צוגעזעצט אָן א דערלויבעניש. כאָטש, אז א מענטש דרימלט...

— אנטשולדיקט וואָס איך באאומרואיק אייך, האָט זי נאָך א פּאָר מינוט איבערגעריסן דאָס שווייגעניש. איר זענט זייער, זייער ענלעך אויף מיינעם אן אמאָליקן באקאנטן. ער האָט געלעבט דאָ, אין אייער שטאָט כ'בין געקומען ספּעציעל כדי אים באגעגענען. צום באדויערן איז ער נישטאָ, פארפאַלן געוואָרן ווי אין וואסער.

— סע געשעט, האָב איך געזאָגט כדי נישט לאָזן א מענטשן רעדן צו דער באנק און איינצייטיק זי אָנגעהויבן באטראכטן אביסל נענעטער. צווערשט

זענען מיר אויפגעפאַלן די ברילן, נאָך דעם איר קליינוואוקסיקייט, ענדלעך די באַוועגונג פון די נאָזפליגעלעך בעת זי רעדט. שוין לאַנג אַז איר זוכט דעם באַקאַנטן, האָב איך געפרעגט, נישט אַזוי ווייל כ'האָב געהאָפט עפּעס דערגיין אין פאַרבינדונג מיט די אויבן דערמאָנטע זייטלעך, מער צוליב דעם זי זאָל רעדן, כ'זאָל זען די באַוועגונג פון די נאָזפליגעלעך.

— אוודאי געשעט, ס'איז מיר אָבער זייער, זייער פאַרדריסלעך, ס'האָט זיך זייער געוואָלט מיט אים אַדורכרעדן, זיצן אַזוי ווי מיר זיצן דאָ איינער אַנטקעגן צווייטן און רעדן פון דער הייך פון אונדזער עלטער, ווען אַלץ איז נישט מער ווי זכרונות. ... דער אמת איז אַז געווען איז ער מיר מער ווי גלאַט אַ באַקאַנטער. צעטיילט האָט אונדז אַ מלחמה. פאַר דער גרויסער, פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. ניין, ס'איז נישט געווען די רייד פון זיך צעגיין, פון זיך לאָמיר זאָגן, גטן, מיט האָבן באַטראַכט דאָס צעטיילן זיך ווי די איינציקע מעגלעכקייט צו בלייבן דאָס וואָס מיר זענען. כאָטש ס'איז אונדז אָנגעקומען גרויזאַם שווער. מיר האָבן געהאַלטן, אַזוי ווי יונגע מענטשן האַלטן. אַז אונדזער לעבן באַשטייט פון זיין אייביק צוזאַמען. דעמלט האָט זיין צוזאַמען פאַרויסגעזעצט דווקא גיין אין דער מלחמה, איינשטעלן דאָס לעבן כדי צו פאַרמיידן דאָס וואָס איז געשען. איר פאַרטשייט מיך?

— בערך.

— נו יאָ, קלאָרער וואָלט מען געקאָנט זאָגן אַז אונדזערע אָנשויאונגען האָבן געצווינגען צון אַזאַ צוגאַנג. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט ... אַלץ הייסט אָפּגעזעגנט. פאַר יעדן פון אונדז איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז צעטיילן קאָן אונדז נאָר דער טויט ... יונג, זייער יונג זענען מיר געווען. געשען איז עס אָבער אַנדערש. אָנגעקומען די וועלט-מלחמה, די דייטשע אָקופּאַציע, אונטערערד אַרבעט, יעדע מינוט אויסגעשטעלט. אויב איר האָט דאָס נישט איבערגעלעבט האָט איר זיכער וועגן דעם געלייענט. אַזויפיל ביכער זענען געשריבן געוואָרן ...

— אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס מיר באַקאַנט.

— גערעכט. אין אַ געוויסער מאָס. יעדער ווייסט אַמבעסטן דאָס זייניקע. אין פרעמדער הויט איז שווער צו קריכן. כ'בין געווען איבערצייגט אַז ער איז געפאַלן, אַזעלכע זענען געווען די ידיעות. זי דרייט אַ רגע אַוועק דעם קאָפּ און מיר דערמאָנט זיך אַז „אויף יענער זייט גלעזער פינקלט קלוגשאַפט". אפשר האָט זיך מיר אין יענע מאָמענטן, רעדט זי ווייטער, נישט געוואָלט וויסן מער אָדער ס'האָט זיך מיר געדאַכט אַז די ידיעות קאָנען נישט זיין אַנדערש ווי נאָר אמתע. געבליבן בין איך אַליין מיט אַ טעכטערל. נאָך דעם זענען צו מיר דערגאַנגען סלוכן אַז ער לעבט, אַז ער זוכט מיך, נאָר באַווייזן זיך האָב איך נישט געקאָנט

און די ערשטע צייט אויך נישט געוואָלט, ס'האָט מיר געדאכט אז ערגעץ איז פארשוועכט געוואָרן אונדזער פארגאנגענהייט, אונדזער כמעט קינדערישער שיר-השירים... איר קאָנט דאָס באַנעמען?

איך האָב געענטפערט מיט א באוועגונג פון די הענט און מיט א גערינצלטן שטערן.

— אוודאי איז שווער. נאָך דעם האָב איך זיך דערוואוסט אז ער לעבט דאָ, אין אייער שטאָט, אז ער האָט געהאט א זונדעלע וואָס האָט געלעבט נישט מער ווי דריי וואָכן. דעמלט האָב איך באַשטימט קומען...

— ס'האָט אויסגעזען קוויט, האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאפט.

— פון וואַנען ווייסט איר?!

— מע קאָן זיך פאָרשטעלן...

Ab Jove principium

— Ab jove principium ... ווען מיין חבר הייבט אָן מיט א לאטייניש דיקטאָן ווייס איך אז עפּעס ברענט אים אויף דער נשמה. אז דאָס כוס איז פול און ער מוז אביסעלע אָפּגיסן, ווי אמאָל מיין טאטע צו פארלעשן די געפלאָבטענע הבדלה.

— יאָ, זאָגט ער, פון ערגעץ מוז מען אָנהייבן. מוזן מוז איך ווייל כ'האָב צוגעזאָגט.

ווען מיין חבר זאָגט „כ'האָב צוגעזאָגט" ווייס איך אז דאָס מיינט ער זיין טאָכטער, ווייל נאָר זי קאָן צו אים אזוי צושטיין, אפילו פון דער ווייטנס. קוים זאָגט ער איר עפּעס צו, שטייען איבער אים סטראשידלעס, שדים און גייסטער, שווארצע קעץ, פלעדערמייז און נאכט-פייגל און ער קאָן פון זיי נישט פּטור ווערן ביז ער פולט נישט אוים איר באגער.

— כ'קאָן נישט פארשטיין אין וואָס באשטייט איר נייגעריקייט, וואָס וויל זי אזוינס וויסן? פארוואָס מיינט זי אז מיין עראָטישע פארגאנגענהייט האָט געמוזט זיין אי קאָמפּליצירט אי רייך. ס'איז אן אָפּגעשלאָסן קאפּיטל, כאָטש אז מע וויל איז עס נישט אין גאנצן אָפּגעשלאָסן. צו מאָל מוטשען מיך געוויסע מאָמענטן. פון וואנען אָבער האָט זי זיך געקאָנט וועגן דעם דערוויסן? און נאָך אלעמען ווי אזוי זעט עס אוים אן אייגענע טאָכטער זאָל שטעלן איר אייגענעם טאטן אזעלכע פראגעס? ניין, כלעבן מע טוט דאָס נישט ...

רויטער ווייַן איז מיין חברס שוואכקייט. ער איז א מבין אויף וויינען, נאָר א גרויסער מבין איר ער אויף רויטע וויינען. באגעגענען מיר זיך ביי אים אין הויז ווייס איך פון אפריער אז מע וועט מוזן אויסטרינקען א גלעזל רויטן ווייַן. טרינקט מען נישט איז מען אים מבייש, און אזוי ווי אים אָנטון אומזיסטיק עגמת נפש וויל זיך נישט בין איך מיך מקריב אויפן מזבח פון זיין רויטן ווייַן. דאָס מאָל וואָלט איך געקאָנט נישט טרינקען ווייל זיין גלאָז שטייט א פולס. ער

האָט זיך נישט צוגערירט דערצו. דאָס הייסט ווידער אז ער מוז אראָפּריידן פון הארצן. אמאָל פלעגן אזעלכע אראָפּרעדענישן פאָרקומען אין קרעשטשמעס, טראַק־טירן, אין פארלוירענע איינפאָרהייזער אָדער ווי מע רופט זיי ביי אונדז אין מאָלדאָווע — כאנען. היינט געשעט דאָס אין דער היים. די מאָדערנע „מאָטעלס" שאפן נישט די זעלבע אטמאָספער. זיי פּאסן פאר אנדערע זאכן, זיי פּאסן פאר א מאָרד, פאר פּאָליציי־ראָמאנען, פארליבטע פּאָרלעך וואָס טאָרן זיך נישט באווייזן אויף דער ליכטיקער שיין, נישט פאר אראָפּריידן פון הארץ. אפשר ווען אין צימער זאָל זיין א קאמין מיט א פּאָר טליענדיקע האָלצוועשקעס וואָס ווארפן איבער די ווענט און סטעליע צעפלאָסענע שאָטנס וואָלט אים אָנגעקומען לייכטער. וואו זשע געפינט מען היינט קאמינען דערצו מיט אמתע האָלצוועשקעס, מיט אן אומגעריכטן קנאק און א מבול פונקען?

— אראָפּגעקומען איז דאָס פּאָרפאָלק פון קיינער־ווייסט־נישט. ער א מאָגער־ער, א שווארצע באָרד און לאנגע פּאות. זי מיט בלוי־גרינלעכע אויגן, אן אומגע־הייער גרויסן בוזעם און אויפן קאָפּ א שיינער פּאריק. באזעצט האָבן זיי זיך אין שכנות מיט אונדז. האָט לאנג נישט געדויערט און זי האָט זיך פארחברט מיט מיין מאמען. אלט געווען בין איך דעמלט, ווייזט אויס, א יאָר זעכצן. זייער וואוינונג האָט געהאט א גרויסן הילצערנעם גאניק אויף וועלכן דער ייד פלעגט פארברענגען א היפּשן טייל פון אינדערפרי. איינגעהילט אין א גרויסן טלית מיט א שווערער זילבערנער עטרה, ארויסגעזען האָט מען נאָר דעם של ראש, פלעגט ער בעתן דאווענען מאכן אזא געפילדער, זיך מאָרדעווען אין אלע זייטן, און ארויף און אראָפּ אז די פארבייגייער פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן אויף דעם בייז־וואונדער. נאָכמיטאָג פלעגט ער זיצן אויף דעם זעלבן גאניק מיט א גמרא אָדער אן אנדער ספר. דער רעש און דאָס געפילדער איז נישט געווען קלענער, צו מאָל גרעסער. פלעגט מען ווידער קוקן. אזוי א צייט ביז ס'איז אים געלונגען: מ'האָט אים אָנגעהויבן גלייבן. א ייד א למדן, מיט דער פרנסה גייט עס נישט פוי־גלדיק, מע קאָן זאָגן שווער, קיין סך למדנים זענען אין שטעטל נישט פאראן, וואָלט מען געדארפט ארויסהעלפן. האָט מען געהאָלפן. זי, דאָס ווייב זיינס, האָט געשמט מיט איר צניעות און אויך מיט איר דייטש. געווען איז זי א בוקאָ־ווינער. מסתמא זענען נישט אלע בוקאָווינער גרויסבוזעמדיקע, נאָר אזוי ווי זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך אראָפּגעיאָוועט אין שטעטל זענען גע־ווען אזעלכע וואָס האָבן געמיינט אז ווארשיינלעך זענען אלע דאָרטיקע מוידן גרויסבוזעמדיקע. צו מאָל פלעגט ער זיך אריבערטראָגן מיטן ספר אין שטוב. דאָס איז געשען ווען זי האָט געהאָט בכבודיקע געסט מיט וועלכע זי פלעגט רעדן דייטש. צווישן די געסט איז געווען איינער א גאָר בכבודיקער, כמעט ווי

א דירעקטאָר אין דער פאבריק וואָס אין שטעטל. א גרויסע טעקסטיל פאבריק וואָס האָט פארשאפט דעם שטעטל דעם צונאָמען „קליין-לאָדזש“. צו מאָל פלעגט זי אויפנעמען דעם דייטש אין שטוב, דעמלט פלעגט ער, דער מאַן אירער, בלייבן זיצן מיטן ספר אויפן גאניק.

מיין חבר האָט גענעמען דאָס גלאָז זיך פארקוקט אויף דער פארב פון ווייַן זיך געשפיגלט אין סנאָפּ זונען-שטראלן, אין בערגיקע געגנטן וואו סע ציען אויף ווייסע סלופּעס זייערע איבערגעלאָדענע צווייגן אלטע וויינשטאָקן. ער האָט א שמייכל געטאָן צו זייערע פארבן, צו דער דורכזיכטיקער איידלקייט.

— זאָג אליין, וואָס פארא זין האָט די גאנצע געשיכטע? וואָס קאָן דערמיט האָבן צו טאָן מיין קאָמפּליצירטע פארגאנגענהייט און דערצו נאָך עראָטישע? ער האָט זיך ארויסגעוויזן דער לעצטער אפעריסט, א גאָטס-גנב, א כאמעראייזל; אן אָפּנארער, א פאסקודניאק, א וואָס-אין-דער-קאָרט; וואָלט מען פאר דעם אלעם געגעבן דעם נאָבעל פרייז, וואָלט ער אים זיכער געווען געקריגן. און זי? זי פשוט א ווייב וועלכע פּרוואוט כאפּן אין נעץ ווען סע לאָזט זיך. זאָג כ'בעט דיך קאָן דאָס זיין אן אָנהויב, אפילו אז ס'איז געווען? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט עראָטיק? דאָס קאָן דאכט זיך גיכער האָבן צו טאָן מיט חלשות-טראָפּן. קום. קום א רגע אויף דער פרייער לופט. זאָל דאָס ווינטעלע א וואש טאָן דעם איבל.

מיר זענען ארוים אויף דער גאס. א לייכט ווינטעלע האָט א בלאָז געטאָן, א שלאָג געטאָן מיט א פייער פאליע. ווער ווייסט פון וועלכער ווינסטעניש דאָס פייער האָט זיך דערטראָגן ביז אהער און א ווארעם געטאָן די געבליטן.

— יונג, שרעקלעך יונג בין איך געווען. אָנגעקומען אויפן וואָקזאל פון דער הויפּטשטאָט בין איך שטיין געבליבן א דערשראָקענער. פון איין זייט האָבן געשראָקן א טשאטע אינו-נראהדיקע אויגן וואָס באגלייטן. מיר האָט זיך געדאכט איך אנטלויף. פון דער אנדערער זייט האָט אָנגעוואָרפן א שרעק די פוסטעקייט פון פעראָן. דער עולם איז אראָפּ פון די וואגאָנעס און אין גרוים איילעניש פארשוונדן, נאָר איך איינער בין געבליבן. נישט געווען וואוהין צו איילן. דאָס איינציקע ווערטפולע איז געווען דער פאספּאָרט, א פאס אויף ארויסצופאָרן אָבער אָן א וויזע ערגעץ אריינצופאָרן. פון דער היים האָב איך מיטגעבראכט דעם צונאָמען „כאמעראייזל מיטן גרויסן הינטן“, א צונאָמען וואָס איז נישט מסוגל צו געבן דרייסטקייט זיך צו באווייזן צווישן מענטשן. געשטאמט האָט דער צונאָמען, נישט פּינקטלעך אין דער פאָרם, מיט דער צייט איז ער פארפולקאָמט געוואָרן, פון די קינדער יאָרן ווען כ'האָב מיט זיך מיטגעטראָגן צוויי אָנגעבלאָזענע פּולבּלוטיקע באקן און א שווערן הינטן מיט וועלכן כ'האָב מיך געקאטשעט ווי א קאטשקע איבער די גאסן; דערצו די עקעלהאפטע מעשה מיט דער גרויס-

ברוסטיקער דאמע וועגן וועלכער ס'האָט זיך אויף מאָרגן דערוואוסט דאָס גאנצע שטעטל ווייל ווי נאָר כ'האָב זי דערזען בין איך רויט געוואָרן ביז די שפּיצן האָר. מיטגעבראכט האָב איך אויך כמעט ליידיקע קעשענעס. געלט איז אין שטוב געווען שטענדיק בצימצום, מיטגעבן איז נישט געווען וואָס, און אויף יענער זייט וואָקזאל עפנט זיך דער טויער פון דער גרויסער שטאָט, דאָרט ווימלט עס מיט גאסן און געסלעך מיט גנבים און פּאָליציי, מיט אנשי בליעל, מיט ריזן און קארליקעס, מיט אלץ-ווייסער און אָפּלאכער, מיט הונגער און נאכט, אונטערערד קאנאלן איבערפולטע מיט קרעץ און סיפילים, לאנגע הענט מיט שווארצע נעגל, זונות, מעסערשטעכער, פּיפּערנאָטערס און איך ווייס נישט וואו צו זוכן אן אָנשפּאר. אייביק שטיין אויפן וואָקזאל קאָן מען נישט, ס'איז שוין צען אזייגער אינדערפרי. באלד פאלט צו די נאכט וועט זיין נאָך שווערער זיך פאַ־נאנדערקלויבן אין געמיש פון גאסן. נעם איך דאָס רענצל און לאָז זיך פּאמעלעך צום ארויסגאנג. די שטאָט איז אנטלאָפן. פאר דעם וואָקזאל שפּרייט זיך א ברייט כמעט ליידיק פּלאץ. אויף דער אנדערער זייט פּלאץ שטייען אין א ריי עטלעכע פיאקערס. אויף די פערדס קעפּ הענגען טאָרבעלעך מיט האָבער, גלייך זיי וואָלטן נישט געווען אין א גרויסשטאָט נאָר גאָר אויפן דאָרף. די באלעגאָלעס זיצן אויף די הויכע קאָזלעס האלב פארשלאָפענע. שוין דריי פירטל שעה זינט די פּאסאזשירן וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער לעצטער באן זענען אוועק, די צווייטע קומט ערשט אין דריי שעה ארום, אויף א קונה איז זיך שווער צו דערווארטן, דרימלען זיי, די באלעגאָלעס, און אין דרימל טראכטן זיי וועגן דעם אז האָבער מוז מען קויפן. סע דערהערט זיך א רעדערגעקלאפּעריי, סע קלינגט א גלאָק, אויפן פּלאץ קומט צו לויפן מיט א שרעקלעך געפּילדער א טראמוויי, ערשט אצינד באמערק איך אז איבערן פּלאץ ציען צוויי רעלסן אין א פּעטלע. מע וואָלט אפשר געקאָנט פאָרן צום אָנגעוויזענעם אדרעס מיטן טראמוויי, קאָסטן וואָלט דאָס נישט זייער טייער, אויף יעדן פאל ביליקער ווי מיט א פיאקער; וואָס טוט מען אָבער טאָמער פארפירט ער ערגעץ אויף יענער זייט שטאָט? ניין, שוין בעסער מיט א פיאקער. ביי אונדז אין שטעטל קומען מיט פיאקערס פון וואָקזאל נאָר די רייכערע סוחרים, דער מיטעלער עולם נעמט אין בעסטן פאל א טרעגער. דאָ זעט מען נישט קיין טרעגער. ביים ארויסגיין פון באן זענען יאָ געווען עטלעכע זענען זיי אנטרינען ווי אונטער דער ערד.

ביז היינט ווען כ'דערמאָן זיך ווי איך בין געשטאנען א דערשראָקענער און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך כאפּט מיך אָן א רחמנות אויף יונגעלייט וואָס קומען צום ערשטן מאָל אין דער הויפּטשטאָט, איבערהויפּט אצינד ווען דערזען דערזעען זיי א פּלאץ פארפלייצט מיט אויטאָבוסן, טאקסים און פּרי־

וואס אויטאָם. מע קאָן אראָפּ פון זינען פאר שרעק און איינזאמקייט. סוף כל סוף האָב איך גענעמען אין איין האנט דאָס רענצל אין דער צווייטער מיין צאפּלדיק הארץ, בין צוגעגאנגען מיט קוים-קוים טריט צו איינעם פון די באלעגאָלעס און געפרעגט מיט א געחלשט קול: וויפל קאָסט צופאָרן ביז אָלטעני?

אָלטעני איז א שטילע גאס וואָס געפינט זיך אין קווארטאל וואו צו יענע צייטן האָבן געוואוינט מיינסטנס יידן. דער באלעגאָלע האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן אראָפּ, אויסגעוואויגן מיטן בליק מיין טשעמאדאנטשיקל, געפרעגט צו האָב איך כך וכך און געהייסן זיך זעצן. אזוי בין איך אריינגעפאָרן אין דער גרויסשטאָט ווי א רייכן באלעבאָס זינדל. דער אריינפאָר האָט מיך געקאָסט שרעק-לעכע פאָרוואורפן און חוזק פון עלטערן ברודער און פון דער עלטערער אָבער נישט דער עלטסטער שוועסטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָט זינט א לענגערער צייט. די פאָרוואורפן זענען געווען אין גאנצן בארעכטיקטע ווייל פאר דעם געלט וואָס איך האָב ארויסגעוואָרפן אויף צו באצאָלן דעם פיאקער האָט מען געקאָנט קויפן גאנצע פינעף בוכאנקעס און ביי מיר אין קעשענע איז אפילו אויף איינער נישט געבליבן.

דאָ האָב איך אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבער בוקארעשטער גאסן אין יענעם דריי און דרייסיקסטן יאָר ווען דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט געשניטן שטיקער פון עמך, פון פשוטן עולם, געוואַרט אז מיין פאס זאל באקומען א שטעמפּל וואָס זאל אָנווייזן די ריכטונג וואוהין מע וואָלט געקאָנט לויפן. און דאָ איז עס געשען. דאָס איז יאָ געווען...

א לאנגע צייט האָבן מיר שפּאצירט שווייגנדיקע. די געשעעניש האָט ער מיר נישט געדארפט דערציילן. צו יענער צייט זענען מיר געווען צוזאמען. דעמלט האָבן מיר געבלאָנדזשעט בייאנאנדער איבער די גאסן גאנצע טעג, צוזאמען זיך אריינגעכאפּט צו פארשיידענע שלמהלעך, חיימאלעך, רבקהלעך און אסתרלעך, צו מאָל צוליב פארברענגען מיט מענטשן וואָס ארבעטן, וועלכע פילן אנדערש דעם לעבנס פולס; צו מאָל פשוט מיטן געדאנק אפשר וועט מען קאָנען עפּעס איבערכאפּן, אונטערלייגן דאָס הארץ ווייל דער הונגער האָט גענאָגט. אזוי זענען מיר אין אן אָוונט אָנגעקומען צו שלמהלען.

אייגנטלעך איז עס נישט פּינקטלעך אזוי. שלמהלע האָט גערופן מיין חבר מיט א געדאנק. געזאָגט האָט ער: דו מאָטל, כיסט עלטער פון מיר, קום און ווארף א קוק, מער נישט ווי א קוק. שיין איז זי, דאָס ווייס איך אליין, אָבער מיך מוטשעט א געדאנק, א נארישער געדאנק פון וועלכן איך קאָן נישט פּטור ווערן. סע וויל זיך וויסן, כ'גיי אוים זיך דערוויסן, צי רוט אויף איר פּנים אן אָפּשיין, זאָל זיין דער קלענסטער, פון קלוגשאפט.

— וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן, שלמהלע? אַזוי איז עס דעמאָלט געווען, מ'האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט די קינדער געמען, פאַרצויגענע, געפּעסטעטע, אַזוי ווי די מאַמע פּלעגט רופן אין דער היים. טאַקע צוליב מער היימישקייט אין דער פרעמ־דער שטאָט.

— ס'איז פאַר מיר אַ לעבנס־פראַגע.

— און אויב זי איז נישט זייער קלוג?

— אויב לגמרי נישט, וועל איך מוזן טרעטן אויף מיין האַרץ.

— און זי?

— זי, וואָס?

אויפן טאַפּטשאַן זענען געווען אָנגעוואָרפן פינעף אָדער פינעף און צוואַנציק. מאָטל איז צופּעליק, אָדער ווייל ער האָט באמת געוואָלט באַפרידיקן שלמהלעס בקשה, געזעסן אויף אַ טאַבורעט קעגנאיבער, ער האָט געזוכט און נאָך אַ קורצער צייט געפונען; זיין בליק איז געבליבן אייגעבויערט אין ציפּעלעס און זיי האָבן געפירט אַן אַלט שיר השירים געשפּרעך. ביידע אויפאַמאָל האָבן געשעפּטשעט: משכני אחריך נרוצה, טו מיר נישט מער ווי אַ ווונק און מיר וועלן לויפן האַנט אין האַנט אָן אויפהאַלט איבער אַלע פעלדער פון דער וועלט, בערג זענען פאַר אונדז קיין מכשול און וואַסערן קיין מניעה; דאָס אומרואיקע קייקלען פון טייכן וועט זיין דאָס געזאַנג פון אונדזער פרייד. אָט איז זי געוואָרן באַרעדעוודיקער פון אַלע, פאַרוואָרפן אַרויסרופעריש דעם קאָפּ אויף אַרונטער, זיך געהויבן איבער דעם אָנגעוואָרפענעם עולם און זיך ווידער שטיפעריש אין אים אונטערגעטינקען; אָט שטיל זיך צוריקגעצויגן האַרט לעבן דער וואַנט גלייך זי וואָלט זיך ווערן קענען אַ נישט געזעענער סכנה; און ווידער האָבן זיך זייערע בליקן געעקבערט און ווידער האָבן זיי איבערגעחזרט דאָס זייער, זייער אַלטע געשפּרעך מיט טליען־דיקן אָטעם.

ביים אוועקגיין האָט ציפּעלע געזאָגט: מאָטל רופט מען דיך? מיך רופט מען ציפּע. איך אַרבעט דאָרט און דאָרט.

— און איך אַרבעט נישט.

— ביסט נישט דער איינציקער וואָס אַרבעט נישט. מיין מזל האָט מיר אַ שפּיל געטאָן האָב איך געפונען אַרבעט... און אפשר האָט עס מיר נאָכאַמאָל אַ שפּיל געטאָן...

שלמהלע האָט זיך אויף קיין ענטפער נישט דערוואַרט. מאָטל האָט אויסגע־פונען ציפּעלעס אַרבעטס־פּלאַץ, זי אָפּגעוואַרט. אַזוי האָט אָנגעהויבן זייער לויפן האַנט אין האַנט כאָטש נישט איבער פעלדער פון גאָר דער וועלט. און אפשר האָבן ביי זיי די גאַסן אויסגעזען פעלדער פול מאַרגעריטקעלעך. מאָטלען איז

געוואָרן נישט צום דערקענען. דער פּאַספּאָרט. דאָס ווערטפולסטע וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעטראָגן האָט אָנגעהויבן דריקן ווי עפּעס איבעריקס. וואוהין זאָל ער לויפן פון לעבן אים שטייענדיקן גליק, ווי אַזוי קאָן ער פעלן ביים אַרויס־גאַנג פון פאַבריק, אויף וועמען זאָל ער איבערלאָזן ציפּעלען, און פאַרוואָס איבערלאָזן? ביז ציפּעלע פלעגט זיך באַווייזן האָט ער געטליעט אין אַ ווילד משוגעת און ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן האָט זיך געהערט דער צונאָמען. פלעגט ער בלייבן אַ שפּאַן אַרונטער. געערדט האָט מען וועגן געלייענטע און נישט גע־לייענטע ביכער, וועגן דעם ווי די וועלט וועט אויסזען ווען משיח וועט קומען, קיינמאָל וועגן זיך: אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן איבער אַ חודש. אויף מאָטלס פּאַס האָט מען אָפּגעקלאַפּט דעם שטעמפּל וועלכער האָט באַשטימט דעם מקום מקלט און ער איז אָפּגעפאָרן.

— יאָ, האָט מיין חבר איבערגעריסן דאָס לאַנגע שווייגן, מיר דאַכט אַז דאָס איז יאָ געווען... פאַרשטייסט, פאַר דעם אָפּפאָרן האָב איך זי אָפּגעוואַרט ווי שטענדיק, זי אָפּגעפירט אַ שטיק וועג און געזאָגט אַז ס'איז געקומען אַ צייט פון אַ מוז, אַז אָט מוזן מיר זיך געזעגענען, אַז אויף מאָרגן איז באַשטימט דער טאָג און אַז די באַן גייט אָפּ פאַרטאָג. געווען איז עס נאָענט פון מיין וואוינונג. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אויף דער גאַס האָבן געאיילט מענטשן וועד ווייסט וואוהין.

— כ'ווייס נישט צי איך האָב אַ טעות געהאַט, מיר דאַכט נאָך אַלץ אַז דאָס מזל האָט מיר אַ שפּיל געטאָן... זע ווי די מענטשן איילן, זיי זעען אונדז נישט, מיר זענען גאָר איינענקע אַליין. ווי אַזוי געזעגנט מען זיך אין מיטן פעלד אָן אַ קוש? זי האָט אַרומגעלייגט די הענט אַרום מיין האַלדז און אַ קוש געגעבן: חלש נישט, האָט זי געזאָגט מיט דעם שענסטן שמייכל מיט וועלכן אַ מיידל איז באַשאָנקען געוואָרן זינט מענטשן לעבן אויף דער וועלט. אויב מע וויל און מע וויל איז קיין שטערונג נישט פאַראַן...

נאָך אַ צייט האָב איך פון איר באַקומען אַ בריוו אַ לאַנגן בריוו. זי איז גע־ווען גרייט צו קומען נאָר איך האָב נישט געהאַט די שטאַרקייט צו זאָגן יאָ. כ'האָב געשפּאַנט לעבן מיין חבר מיט קוים די ערד באַרירנדיקע טריט. כ'האָב נישט געוואָלט שטערן זיין פאַרשפּעטיקטע חרטה. ציפּעלע איז פאַרלוירן גע־גאַנגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, קיינער ווייסט נישט וואו און ווי אַזוי. ער מיינט, ווייזט אויס, אַז ווען ער זאָל געווען ענטפערן... פילט ער זיך שולדיק.

— יאָ, דאָס געהערט צו מיין פאַרגאַנגענהייט, און אפשר אויך צו מיין הייננטי־קייט...

ער האָט געאיילט אין שטוב. אויפן טיש זענען געשטאַנען נישט אָנגערירטע ביידע גלעזער פולע מיט רויטן ווין. ער האָט גענומען זיינע און אויסגעטרונ־

קען ביזן דנאָ. איך בין געבליבן מיט מיינער אין דער האנט ווייל ס'איז מיר איינגעפאלן אז נישט נאָר דאָס וואָלט אפשר געדאפט זיין זיין היינטיקייט. ער היפערט איבער. א געניטער פסיכיאטער וואָלט פון אים א סך מער ארויסגעקריגן. אפילו אָנהויבנדיק מיטן פאָרפאָלק וואָס האָט זיך געיאָוועט ווער ווייסט פון וואנען. היפערט ער אויך איבער. אפשר הויבט ער אָן דערמיט כדי אזוי ארום פארטייען דעם פריער, יענעם וועלכער האָט גורם געווען אזוי פיל נישט רעאליזירטע, אָדער אויף אן אנדער אופן רעאליזירטע, גלוסטעגישן. ער הויבט אָן מיט דער גרויסבוזימדיקער ווייל ער מוז מיינען אז ער איז געווען דער וועלכער האָט דערפירט דערצו און נישט זי איז געווען די וואָס האָט אים ארייגגענומען אין נישט זייער היימלעכן היכל פון גרויסע, צעפלאָסענע ברוסטן. „מאָטל די פרואווסט אָפנארן, אי זיך אי דיין טאָכטער", ווייל זיך אים זאָגן אָבער איך האָב דערצו קיין מוט. אויב שוין יאָ ab Jove principium וואָלסטו, חבר מיינער, נישט גדארפט פארגעסן אז די געטערם אומפארשעמטקייט גייט א סך ווייטער. זיי שעמען זיך נישט דערציילן וועגן אויף ווינטן געזייעטע זריעה וועגן פון קאָפ געבוירענע קינדער און פון אן עפל אויפגעבלימטע ווענוסן. וואָס איז אזוינס איינגנטלעך דער ים-שוים פון וועלכן סע וואקסט מיט פראכט און רייץ אפראָדיטאָ? פאר וואָס איז דיר א בושה צו דערציילן ווי דו פלעגסט גנבענען א שטיק פוטער פון שטוב און דערמיט לויפן אין די אָפטריטן וואָס ביים סאמע פלויט פון הויף, פון רבינס הויף, וואו ס'האָבן אויף דיר געוואָרט זלמנדלעך, הערשעלעך, וועלוועלעך, איציקלעך, אָפגערעדט פון מאָטעלעך, און איר פלעגט דאָס דאָרט אָפטאָן בציבור? ס'איז נישט שיין. ווער האָט דאָס דיר איינגערעדט? דו האָסט געלייענט „פאָרטנוי" איז דיר איבל, שלאָגט דיר די גאנצע געשיכטע צום בויך, קערט זיך דיר איבער די גאל. אמת, ס'זעט אויס אז „פאָרטנוי" טרייבט איבער, ער פירט די געשיכטע צו ווייט ווייל דער עולם האָט דאָס ליב, אָבער פאר וואָס האָט דאָס ליב דער עולם? אפשר דערפאר ווייל ער געפינט דאָרט א טיילעכל פון זיך און דערצו א טיילעכל וואָס איז אים יאָרן לאנג געווען פארבאָטן. זעסטו וויפל פראגעס איך וואָלט דיר גדארפט שטעלן! נאָר איך פארשווייג זיי. אין מיין גלאָז שפיגלט זיך זיין באגער.

פיל יונגט געווען אין שטעטל. געקומען איז מען פון אלע עקן לאנד ווייל די פאבריק האָט א וואקס געטאָן. ווען מע דארף ארבעטער קלייבט מען נישט איבער, אָבער אפשר איז די סיבה פון אויפנעמען יידישע ארבעטער געווען אן אנדערע. אין די דרייסיקער יאָרן האָט די עמאנציפאציע אָנגענומען אנדערע פאָרמען. יידישע יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן גיין אין די פאבריקן און יידישע בעלי-בתים האָבן געהאלטן אז מע מוז דעם עולם אנטקעגן קומען, העלפן זיך

„איבערבויען‟. וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָט פארשאפט די בלאָנדינקע דיין צוי־טיק געוואָרענער מענערישקייט? ס'איז געגאנגען אין דיר א בלוטיקע שלאכט צווישן צניעות און אויסגעלאסנקייט. בלוי אונטערגעשטראָכענע אויגן, רויטע, עטוואָס צו רויטע ליפּן, א לילית שלענגלען זיך פון צונג כדי צו האלטן די רויט־קייט שטענדיק פריש און נאָך מער ארויסרופעריש, האָבן קאָנטראסטירט מיט דעם אין נעפּל שווימענדיקן בליק. א תמימותדיקער, א נאיווער, א פון גאָרנישט וויסנדיקער בליק אזא, וועלכן מע דארף, מע מוז ראטעווען פון זיין אייגענעם פלען, פון דעם זינדיקן ארום, וואָס ציט אים אין שאול תחתיה. די נעכט זענען געווען נישט נאָר שלאָפלאָזע נאָר א שרעקלעך מאָרדעווען און קאָרטשען זיך אין שפּינגעוועב פון אויסטערלישע פאָרמען פון געוועלטיקן און פארגעוואלטיקן, פון זוכן און נישט געפינען דעם אלוועלטלעכן חלל, פון וועלן אריינדרינגען אין א סוד וואָס איז דיר געבליבן פרעמד. פאר וואָס איז ער דיר געבליבן פרעמד? פאר וואָס האָסטו מיט אזוי פיל ביטול און פאראכטונג באטראכט יענע וועלכע האָבן געהאט דעם פּשוטסטן צוגאנג צו דער פּשוטסטער נאטירלעכער דערשיי־נונג. און וועלכער איז געווען דיינער'? פון איין זייט איינגעוויקלט אין מיליאסן באהאלטענע געדאנקען, פון דער אנדערער א גראָבער. דערמאָן דיך די געשיכטע מיט יענטלען. געשען איז עס דאָך, דאכט מיר, אין יענער צייט ווען דו ביסט געווען ביז איבער די אויערן אין ציפּען. ציפּעלען האָסטו מיט קיין פינגער נישט אָנגערירט. אָבער יענטלען? געקומען איז זי צו אייך איבערנעכטיקן נישט מער ווי איין נאכט. קיין בעטן זענען נישט געווען איז מען געשלאָפן אויף דער פּאָר־לאָגע און אויף דעם נאיווסטן, דעם אומשולדיקסטן פון אלע, דאָס הייסט אויף דיר, איז געפאלן דער גורל צו זיין די מחיצה. פון איין זייט דו, פון דער צווייטער זי, יענטל מיט אירע גרויסע ליכטיקע אויגן, מיט איר שיין ווייס פּנים, מיט אירע קוים געלאָקטע האָר, א נישט לאנג ארויפגעקומענע פון קליינעם שטעטל וואו עניוות האָט געהערט צו דער טבע פון צווייפיסיקן באשאף. וואָס האָסטו אָפּגע־טאָן אין יענער נאכט? ווי אזוי האָסטו זי געמאכט פילן אז איבער דער וועלט דארף הערשן דער גאָט פון אלע געטער וואָס שפּראָצט פון דיר אין זיין גאנצער גרייס? אָט דאָס געהערט דאָך אויך צו דיין עראָטישער פארגאנגענהייט. פאר וואָס זשע היפּערסטו?

אָט וואָס פאר א געדאנקען ס'האָבן זיך געשפּיגלט אין רויטן וויין. אָט וואָס פאר א פראגעס סע זענען מיר איינגעפאלן, נאָר געפרעגט האָב איך נישט. איך האָב א זופּ געטאָן פון גלאָז און געלאָזט מיין חבר מיט זיין אייגענעם אופן. נאָך אלעמען איז א טאטן עד־היום שווער צו דערציילן זיין אייגענער טאָכטער עראָטיק מעשיות, טיילן אינטימסטע איבערלעבענישן מיט אייגענע קינדער געשעט אָפּט

אין ליטעראטור, זעלטן אין טאָגטעגלעכן לעבן, פונקט אזוי ווי אין טאָגטעגלעכן לעבן באגעגנט מען אפשר די נישט דערווארטסטע געשעענישן וועגן וועלכע סע פאלט נישט איין אָדער צו וועלכע סע קאָן זיך נישט דערטראכטן א מחבר מיט אומבאשרענקטער פאנטאזיע.

— בת גלים, זאָגט מאָטל אוועקשטעלנדיק דאָס ליידיקע גלאָז, איז נישט ווייט פון חיפה. אין גאנצן א האלבע שעה צו פוס אין יענע יאָרן, אפשר אביסעלע מער. כ'זאָג אין יענע יאָרן, ווייל היינט וואָלט עס ביי מיר מסתמא דויערן אנדערטהאלבן שעה, אָדער אביסעלע מער.

וויפל האָט מען געשריבן וועגן איינזאמקייט? וויפל האָט מען גערעדט וועגן עלנטקייט? בערג מיט אָנגעשריבענע בלעטלעך. שיין געשריבן, טיף אריינגעדרונגען אין מהות פון אָט דעם געפיל. אזוי דאכט מיר. סע זעט אָבער צו מאָל אויס אז קיינער איז נישט אימשטאנד דערגרונטעוועז דעם עצם פון אָט דעם שרעקלעכן געפיל. דאָס איז דעמלט ווען סע באפאלט דיך. אזוי איז עס אויך געשען מיט מיר. פלוצים האָב איך מיך דערפילט דער איינזאמסטער פון אלע מענטשן. פארוואָרפן איינער אליין אויפן כרמל-בארג. געווען באקאנטע, געווען אויך נאָענטע און אפילו לייב-פריינד, אָבער צו יענער צייט בין איך נאָך געווען אין דער עלטער ווען מע באוויינט זיך אליין און דערמיט ווערט די עלנטקייט נאָך עלנטער, ווערט דאָס פארלוירנקייט נאָך פארלוירענער.

כ'זע אז מיין חבר שפאנט אויף שליאכן, גנבעט זיך צווישן סטעזשקעלעך. אים איז דער סוד באקאנט ווייל ער אים ווייזט אוים אויסמיידן, אָדער לכל-הפחות דערווייטערן. טרינק איך פאמעלעך פון וויין. ניין! ער האָט נישט אונטערגעפירט. א גוטער וויין. נישט אומזיסט ציילט זיך מאָטל צווישן די גרויסע מבינים איבערהויפט אויף רויטן וויין. קיין טרינקער בין איך נישט אָבער דערקוויקן זיך מיט א גלעזעלע וויין איז פון צייט צו צייט כדאי. נישט אזוי צוליב דעם געזונט ווי צוליב דעם זכרון. דאָ לעצטנס האָב איך זיך געכאפט אז געווען א צייט ווען כמעט אלע בלומען, פארבן, דופטן, פייגעלעך, ביימעלעך, קוסטעס, גראָזן, חייהלעך און גלאט באשעפענישן האָבן געהאט א נאָמען און איך פלעג די נעמען זייערע טראָגן אין מיר. היינט גיי איך ארוים אויפן פעלד, אָדער אין א פארק שפרייט זיך פאר מיר א פיל פארביקער טעפעך, פליען כלערליי באפליגלטע באשעפענישן, לויפן חייהלעך, אָבער קיין נאָמען טראָגן זיי נישט. ס'איז עפעס גלאט א כישוף. ס'קומט אויס ווי אין א חלום אין וועלכן מ'האָט אוועקגערויבט דעם זכרון. ווי אויסטערליש סע זאָל נישט אויסזען, ס'איז דאכט מיר קענען אלע מעדיציינישע רעגלען, נאָר ווען איך טרינק א ביסעלע פון מיין חברס וויין קומט מיר צוריק דער זכרון, באקומט אלץ וואָס ארום ווידער נעמען;

— אין בת גלים, הער איך מיין חבר דערציילן, האָט מען אין יענע יאָרן גע־בויט א באסיין, פלעגן מיר צו מאָל שבת זיך גיין אויסבאָדן. כ׳זאָג מיר ווייל געוואוינט האָב איך צוזאמען מיט א חבר. יאָסל האָט מען אים גערופן. אן עמך טיפּ, מיט א גרויסן ווילן צו ווערן רייך און מיט א גוואלדאָוונער לעבנסלוסט. קייען פלעגט ער אויףביידע באקן און שטענדיק מיט אפעטיט. אויף מיידלעך פלעגט ער קוקן מיט ביידע אויגן — אויגן אָן רו, אויגן וואָס לויפן אין אלע זייטן, נישטערן אין יעדן ווינקל — פלעגט ער אפילו קוקן אויף צוויי מיט אמאָל, און ווייל דאָס לעבן איז קורץ איז ער נישט געווען קיין איבערקלייבער. וואָס ס׳איז צוגעפאלן איז געווען גוט. א מאן אין פולסטן זין פון וואָרט, וואָלט גע־זאָגט אונדזער איקס וועלכער האלט אז א מאנצביל איז אזוי לאנג מאנצביל כל־זמן ער קלייבט נישט איבער. ווי נאָר ער הייבט אָן איבערקלייבן הייסט עס בארג אראָפּ. פלעגן מיר גיין צוזאמען צום באסיין. אין איינעם א שבת האָט ער זיך באקענט מיט א מיידל און אָנגעהויבן אין די אָוונטן פארשווינדן. אין איי־נעם אן אָוונט בעט ער איך זאָל אים באגלייטן, אזוי ווי זיין מיידל איז נישט אליין נאָר מיט איר א קוזינע און די קוזינע איז א סטודענטקע, א נישט לאנג ארויפגעקומענע, זאָל איך הייסט עס כאפּן א שמועס מיט דער קוזינע און ער...

דער וועג פון הדר הכרמל קיין בת גלים אין מיטן חודש איז אין יענע צייטן געווען א ביז גאָר אָנגענעמער. די לבנה קארגט נישט איר ליכט, דאָס ים־ווינ־טעלע גנבעט זיך אריין אין די חולצות, בלאָזט אויף די קורצע הייזלעך, די פּיס זענען יונגע, די מוסקעלן פרישע און געדראָדלטע, כוואליעס, צעווילדעוועטע פערד מיט זילבערנע גריוועס ווארפן הירזשענדיק דער לבנה אין פּנים מיליאסן טוי טראָפּן און זי די לבנה שמייכלט נארישלעך געל, סע טראָגט זיך א מעלאָפּעע שלעפנדיק נאָך זיך א קעמל מיט א האלב פארשלאָפענעם אראבער, גייט מען און מע טובלט זיך אין דער מאמע־נאטור אָן געדאנקען אָדער אונטערגעדאנקען. דער ציל איז פארגעסן, די וועלט איז איינע און... ווער טראכט עס אין אזעלכע מאָמענטן צום לעבן? שוועב איך אזוי לעבן יאָסלען, פארגעסן וואוהין און צו ליב וואָס ביז ער טוט מיר צוויסן אז מיר זענען אָנגעקומען. און נאָך איידער איך פרעג וואוהין, שפרינגט א יונג מיידל פון א גאניק מיט א געשריי גלייך זי וואָלט דערזען געסט אויף וועלכע זי קוקט ארויס שוין א חודש, צי גאָר א יאָר: אָט זענען זיי דאָ!

— זי איז א סטודענטקע, זאָגט יאָסל מיטן מיין מיך ארייצופירן אין זיין פּלאן, נאָר איך זע אים נישט, זיינע פּלענער האָבן מיט מיר קיין שייכות נישט.

— לאָטע, זאָגט זי.

— נישטאָ דאָ קיין געטע.

— וועט מען זיך מוזן אן עצה געבן מיט וועמען ס׳איז דאָ.

אזוי האָט אָנגעהויבן אונדזער ערשטער שפּאַצירגאַנג לענגאויס דעם ים אין א מיט תמוז-נאַכט און האָט זיך געצויגן ביז ענדע אלול. נישט ארויסגע-רעדטע, זיך נישט באַרירנדיקע צערטלעכקייט און גלוסטעניש האָבן געבלאָנ-דזשעט איבער שפּיציקע שטיינער אין געראויש פון כוואַליעס, צווישן באַקאַנטע כרמל-סקאַלעס. ס׳איז געשען דאָס ים ווינטעלע זאָל א טראָג טאָן אירע טונקל רויטע האָר, זיי זאָלן באַרירן מיין פּנים, פאַרכאַפּן מיט זייער גערוך דעם אָטעם, פון מאָן-קנאָספּן זאָלן שיסן בשמים און פאַרפּלייצן דעם הימל מיט גרינע ווײַמ-פּערלעך. מיר האָבן געקלעטערט צווישן ריזן-קאַקטוסן אויף א וועג וואָס איז נאָך קיין וועג נישט געווען און דאָך געפירט צום פראַנצייזישן קאַרמעליטן מאָ-נאַסטיר. זיך שלענגלענדיק אין דער ווילדקייט האָט זי אויסגעזען א פון געטלעכע הענט געטעסעטע, פלעג איך בלייבן אַרונטער אין מיין כישוף און וויי, ווייל ווי קאָן זיך פאַרמעסטן גיין האַנט אין האַנט מיט פולקאָמענקייט א בידנע „גראָ-בער הינטן״.

א קלוגע און האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אמאָל געזאָגט אז א בחור דאַרף נישט זיין שענער פון א מאַלפּע, געמיינט אפשר דערמיט מיר ארויסהעלפן און מיך פאַרשטויסן מיילן און נאָך מער. אזוי ביז...

ווייטער ווייס איך אליין. אויפן וועג קיין ירושלים זיך אָפּגעשטעלט אין פּרדס חנה, איבערגענעכטיקט און באַקומען אן אומגעריכטן קוש, אזא פּשוט מיידליש-ייִנגלישן אז ער איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים און דאָרט געבליבן.

— ס׳איז באמת אויסטערליש, דערגייט מיין חברס קול צו מיין מיד געוואָ-רענעם אויער ווייל כ׳האָב מער נישט אָנגעקוואָלן פון ווײַנס פאַרב נאָר זיך גע-קוויקט מיט זיין בוקעט. ווען זי איז געקומען צו גאַסט בין איך געגאַנגען קיין בת גלים איינלאַדן לאָטען זיך באַקענען מיט מיין כלה. זי האָט אָנגענומען מיין איינלאַדונג א פרײַלעכע ביז גאָר. שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס ס׳איז פאָר-געקומען אין לאָטעס געמיט יענע צען מינוטן וועלכע זי איז געזעסן מיט אונדז ביים טיש. פּשוטער צו פאַרשטיין איז דאָס וואָס זי האָט מיך געפרעגט נאָך דעם וואָס זי האָט געבעטן אונטערפירן א פּאָר טריט. „ביסטו אזא פאַלשע נשמה, צי פּשוט אן אידיאָט?״. זי האָט מיך געטריבן צוריק אין שטוב און אויף אייביק אוועק. נאָך א פּאָר יאָר זיך צופעליק געפונענדיק אין בת גלים, האָב איך זי געזוכט אָבער זי האָט דאָרט מער נישט געוואוינט. א שאָד וואָס זי נישט געפו-נען, אָדער אפשר בעסער אזוי...

די לעצטע ווערטער טרייסלען מיך אויף. וואָס זאָל זיין מיט מיין חבר? אזוי פיל יאָרן צוזאַמען און זיך נישט פאַרטראַכט אַרום זיין געפילן-באַגאַזש. דאָס

היפּערן זיינס איז א סך ערנסטער ווי כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט. ער איז גאָר דער אָרעמסטער פון אלע אָרעמע. א לעבן לאנג זיך אליין אָפּגענארט, אָדער אפשר אומבאוואוסטזיניק אָפּגעשטויסן דעם געדאנק, די שרעקלעכעווירקלעכקייט אז אין די שענסטע יאָרן האָט ער זיך פאָרגעשטעלט דאָס נישט-געפיל אלס געפיל.

„ניין מאָטל, ווילט זיך מיר זאָגן, נישט דאָ פון וואנען דו הייבסט אָן דיין ווידוי איז דער ab Jove principium איידער דו נעמסט זיך דערציילן גיי אפשר דאָך אריין צו א פּסיכיאטער. דיין עראָטישע פארגאנגענהייט וואָלט אפשר גאָר-נישט זיין אזאן אָרעמע און פארבלאָזע. כ'וויים נישט צי די פארבן און דאָס רייכקייט וואָלט דיר געפעלן, אָבער ...‘‘ נאָר זאָגן, זאָג איך גאָרנישט. סע ווילט זיך אים נישט פארשאפן עגמות נפש. איך פארצייכן נאָר דאָס פון אים דערציילטע. אפשר וועט ער עס אין א טאָג איבערלייענען און דאָך אריינגיין צון א ספּעציא-ליסט. סע וואָלט מיר געווען א שאָד א נאָענטער חבר זאָל אוועק און גאָרנישט ויסן וועגן זיך גופא.

אפשר וואָלט כדאי געווען וועגן דעם אָנשרייבן א ראָמאן? ווער ווייסט צי סע וועט נאָך בלייבן צייט.

אָפּגעטאָן

(א צו גרויסער מאָנאָלאָג)

ווי איר זעט מיך בין איך אַן אויסגעפאָרענער מענטש. מע קאָן זאָגן אויסגעפאָרן א וועלט. אז מע פאָרט אוים א וועלט איז אין דער נאטור פון דער זאך צו ווערן אביסעלע אויסגעשליפן. אפילו אויסגעפאָרענע הויזן באקומען א גלאנץ. טאקע דערפאר נעם איך מיר צום הארצן די גאנצע געשיכטע. זיך באנארישן מיט נישט מער ווי דריי ווערטער! אמת, צו מאָל פירט נישט מער ווי איין וואָרט צו קאטאקליזמען. האָט דאָך אזא וואָרט ווי בר, נישט מער ווי איין זילב, גורם געווען דעם חורבן בית המקדש. וואָלט עס כאָטש געווען זיין „רב" וואָלט אפשר געווען פארשטענדלעכער. ווער ווייסט נישט צו וואָס „רב׳ם" קאָנען דערפירן. געווען ביי אונדז א יידענע א קורעלאָפּנעטשקע, אָדער ווי מע זאָגט א הינער־הענדלערן, אויסגעריסן געוואָרן שלעפנדיק זיך מיט עופות צום שעכט־שטיבל, מיט פליקן פעדערן, מיט פרעגלען שמאלץ פאר די נגידים — רייסן זאָלן זיי די קישקעס ווי סע רייסן מיך הענט און פיס — פלעגט זי נישט זאָגן רבנים, נאָר רב׳ס פאר ברענט זאָלן זיי ווערן מיט זייער שאלות־פסקענען. לאָמיר אָבער נישט אוועק פון אונדזער ענין. געזאָגט האָב איך נישט מער ווי: „נייַן, פאר מיר איז עס נישט קיין סורפּריז", און תיכף זיך געכאַפּט אז ס׳איז נישט נאָר א נארישקייט, נאָר א מיאוסע גראָבקייט. אזעלעכס טוט נישט א פּשוטער מענטש, הייַנט אַן אויסגעפאָרענער. געשען איז עס ווייט פון דער היים. און אז ווייט פון דער היים איז וואָס? ווייט פון דער היים מעג מען זיין א גראָביאַן? ווייט פון דער היים מעג מען חוזק מאכן פון זיך און פון אנדערע?

באגעגענען וועט מען זיך מסתמא מער קיין מאָל נישט, איז אָבער שוין אריבער א יאָר אז דאָס קאָן מיר נישט ארויס פון קאָפּ. און דאָס דערפאר ווייל מע קאָן נישט אויסמיידן זיך באגעגענען מיט זיך גופא טויזנט מאָל א טאָג. אָפּגעטאָן, און וואו? אין א ציוויליזירטער וועלט, אין א גאסטפרייַנטלעכער וועלט, צווישן לייטישע מענטשן, באלעבאטישע מענטשן, מענטשן מיט א, ווי מע

זאָגט, סיטואַציע. יעדער איינער פון זיי איז ווערט, אויף דאָרטיק לשון גערעדט, מסתמא מער ווי צוויי הונדערט טויזנט, אויף זייער געלט. ווי איר שטעלט זיך פאָר האָב איך אין זייערע בייטלען נישט געבישטערט, זייערע באַנק-קאָנטאָ נישט רעווידירט, נאָר וואָס טויג נישטערן צי רעווידירן אַז מע זעט. ווילט איר „ער קאָנדישן", איז „ער קאָנדישן", און נישט נאָר אין שטוב, אויף דער וואוי-נונג הייסט עס, נאָר אפילו אין אויטאָ; ווילט איר א „פּול", א באַסיין הייסט עס, איז „פּליז". באָדט אייך וויפל איר ווילט, שווימט, קילט אייך די געבליטן, לאָזט אייך וואויל גיין; ווילט איר א שפּאַציר צום אָקעאַן צי גאָר אין דער בוכטע, איז ביטע, זייט מוחל, ווי אַזוי זאָגט איינע פון די דאָרטיקע דאַמען? דאָס יאָר פאַרברענגג איך ביים „אָשן" — דאָס הייסט אויף זייער לשון ביים ים הגדול — דאָס קינפטיקע יאָר טראַכט איך פאַברענגען „באַם בעי". פרעגט א צווייטע: באַמביי זאָגט איר? וואָזשע איר קלייבט זיך קיין אינדיע? ניין, וואונדערט זיך די ערשטע, פאַרוואָס עפּעס קיין אינדיע, כ'מיין דאָ ביי אונדזער בעי, טאַקע דאָ אין מיאַמי.

נעשען איז דער „טראָבל", ווי מע זאָגט דאָרט, די צרה הייסט עס, ווי איר קאָנט זיך שוין אליין פאָרשטעלן טאַקע אין מיאַמי. ווי כ'קום קיין מיאַמי? וואו דען זאָל פאָרן א ייד, אַז נישט קיין מיאַמי? ווילט איר יידן אין אַלגעמיין, איז איבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן; ווילט איר ספּרדישע? איז וויפיל איר ווילט. אַלע וואָס האָבן פאַרלאָזן קובע האָבן זיך דאָ באַזעצט. פאַרוואָס זיי האָבן פאַר לאָזן? פרעגט זיי! איך בין נישט זייער און נישט קובעס סטראַפּטשע, א פּאַקט איז אַז פאַרלאָזן. דאָס איינציקע וואָס איז יאָ ווערט א טראַכט טאָן דעריבער איז וואָס גאָר פּלוצים ספּרדישע. לויט מיר דאַכט זענען אָט די אַלע גאָנזאַלעס און פרעדעריקאָס און נאָך אַזעלכע נישט קיין ספּרד-ספּרדישע יידן. גיכער לייגט זיך אויפן מוח אַז דאָס זענען פּויליש-ספּרדישע יידן. נאָר דאָס איז אַן אַנדער ענין און ווענן דעם ווילן מיר אַצינד נישט רעדן. אויב זיי האָבן מער געפעלן די נעמען גאָנזאַלעס און פרעדעריקאָ, איידער גאָלדמאַן אָדער פרידמאַן האָב איך אויסגענומען מיט זייערע הוצאות. למען האמת מוז איך זאָגן אַז אין איינעם א גאָר-גאָר פּיציע-רעסטאָראַנט האָב איך דווקא יאָ געזען עכט ספּרדישע יידן. מע דערקענט זיי לויטן אויסזע, לויטן סטיל. סע קאַפּעט פון זיי מיט איבן גבירול, די הויט זייערע, די אויגן, די גראַציעזקייט פון די פרויען, דער מענערי-שער קאַוואַלעריזם, מיט איין וואָרט ספּרדישע יידן, ראַסיקע. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט ראַסיזם. יענץ איז עפּעס אַנדערש און דאָס וואָס איך זאָג מיינט אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. ס'איז אַזוי ווי מע וואָלט זאָגן א ראַסיקע שקאַפּע און צווישן שקאַפּעס, ווי סע ווייסט איעדער קומט עס נישט צו אַפּאַרטהייד אָדער

אנדערע אזעלכע פארשלעפענישן, איז ווי געזאָגט, ווילט איר ספרדישע זע־נען פאראן ספרדישע, ווילט איר פוילישע, גאַליציאַנער, פּאָדאָליער צי רומע־נישע יידן איז וויפיל אייער הארץ גלוסט. ווילט איר שילן איז גאנצע הונדערט און נישט פשוט שילעכלעך, נאָר שילן איין מאָל אוועקגעשטעלט שטייען זיי ממש פעסטונגען, נישט שילן, ווילט איר חתונות, לוויות, בריתן, יאָרצייטן קריאַת־שמע־לייענעם, בר־מצוה׳ס, מיט איין וואָרט א יידישע שטאָט. און וואָס פאר א שטאָט? שייך צו זאָגן, כ׳מיין אז מע זאָגט מיאַמי איז גענוג... אפילו יידישע מאפיאָטן דארף מען לאנג נישט זוכן. ווער האָט נישט געהערט פון מאיר ברבי צבי המכונה ברענצקי, דאָס קליינע יידעלע מיט א גרויסן קנאָפּ אויף א דין גערגעלע, זעט דער קנאָפּ אויס א טראַמוויי און דאָס גערגעלע אן איין־רעלס (א דייטשער אָדער יאפאנישער אויפּטו אזא), מיט א דריבנע גענגעלע קליינע הענטעלעך, כמעט א נישטל. מע זאָגט אַז אליין איז ער א ווארשעווער פון דער קראָכמאַלנע. אראָפּגעקומען קיין אמעריקע האָט ער באשטימט שאפן א „פעמילי“ און אזוי איז עס שוין „אוועקעט“.

יאָ, וואוהין זשע בין איך שוין ווידער פארקראָכן? אז נישט דאָס בין איך אויסן ווייסט איר פון אָנהייב. אָבער נישט זאָגן כאָטש א פּאָר ווערטער וועגן מיאַמי מיט די וואונדערבארע פּארקן, מיט די גרויסע האָטעלס, מיט די גאָרנ־דיקע שאָסייען ווי אינערגעץ אויף דער וועלט, קאָן מען נישט. זיץ איך אין אויטאָ — פארשטענדלעך נישט מיינער נאָר מיין גאסט־געבערס, א לייטישער מענטש זעלטן אפילו אין מיאַמי וואו פּאָדאָליער זענען געבליבן וויניק, מייסטנס פוילישע אכטווייבערדיקע אָדער קלייזל־באַלעבאַטים, אָדער פשוט נישט מער ווי טעמקין־שארלאטאנעם; דאָס איז מיינער אן אויסדרוק צום כאראקטעריזירן א באזונדערן סאָרט מענטשן, כ׳וועל אייך אמאָל וועגן דעם דערציילן. כלעבן ס׳איז כדאי אויסהערן א מעשה וועגן א ווארשעווער לאנגבערדיקן שארלאטאן און א גאַליציאַנער גרויסברוסטיקער מויד — זיץ איך הייסט עס אין אויטאָ, וואונדערט מיך ווי אזוי ער, דער מכנים־אורח מיינער פלאָנטערט זיך אויס אין געוועב פון שאָסייען אויף דריי און פיר עטאזשן. פון אייבערשטן עטאזש שפּרייט זיך פאר די אויגן אי דער ביטש (אויב איך רעד דאָס נישט ארויס פּינקטלעך און סע קאָן קלינגען ווי א הינטיכע אָדער א צויג, בעט איך מיר אנטשולדיקן, איך מיין דעם ברעג ים, די פּלאַזשע הייסט עס), אי די שטאָט מיט אלע אירע ווילעס, געביידעס און וואָלקן־קראצערס, מיט איין וואָרט א יידישער גן־עדן

פארשטענדלעך אז אויב מע ווערט איינגעלאדן אין אזא גן־עדן איז זיך שווער אָפּצוזאָגן. בין איך טאקע געפאָרן און נישט אליין, נאָר מיט מיין באשער־טער, אזוי ווי סע פּאסט פאר געזעצטע מענטשן, מעג זיין נישט מיט אזא סיטו־

אציע, אָבער געוואקסן און אויפגעכאָוועט אין יידישע באַלעבאַטישע הייזער. נישט דווקא רבנים, גאונים, נישט דערגאַנגען ביז קבלה, אָבער פון א בלאט גמרא האָט מען געהערט. שוין ווידער פאַרקראָכן. א פּסיכיאַטער וואָלט דאָס תיכף פאַרשטאַנען: דער געדאַנק אַנטלויפט פון זינדיקן געדאַנק, ווייל ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן האָב איך קיינעם נישט דערשטאָכן, אָדער אָפּגעשאָסן. וואָזשע נאָר פאַר אָפּשיסן קאָן מען האָבן חרטה, קאָן אויסהוילן שרעקלעך געוויסנסביסן? באַליידיקן איז נישט גענוג?

מיר זענען געווען ביי אונדזער גאַסט-געבער שוין דעם צווייטן טאָג. אויף דער גאַס נישט אַרויסצוגיין. א היץ, אַן אויוון, ממש סע ברענט. אויפן דריטן טאָג, אויסגערוטע, כמעט מידע פון צופיל רוען האָט זיך עפּעס נישט געשלאָפן. טראַכטן מיר, פאַרטאָג איז קילער וועלן מיר זיך אַרויסכאַפּן א קוק טאָן. פון אויטאָ זעט זיך אַלעס צו גיך, אָט דאָ, און שוין נישטאָ. האָבן מיר טאַקע אַזוי געטאָן, אַרויס פון שטוב, זיך געלאָזט פּאַמעלעך איבער דער גאַס, באַטראַכט די ווילעס, נישט אַלע צוליב זייער שיינקייט, אויף אייניקע געזוכט א סימן, א באַזונדערן שטריך וואָס זאָל אונדז אַרויסהעלפן ביים אומקערן. גייענדיק אַזוי זעען מיר אַן אומגעהייערן פּאַרק אין וועלכן מענטשן שפּילן גאָלף. מיר וואָלטן זיך מסתמא נישט געווען אָפּגעגעבן קיין חשבון אז דער פּאַרק איז וועגן שפּילן גאָלף ווען סע זאָלן דאָרט שוין נישט געווען זיין אַזעלכע שפּילער. געוואונדערט האָט דאָס אונדז דווקא נישט וואָס אַזוי פרי, ס'איז געווען פאַרשטענדלעך די שפּילער זאָלן וועלן אויסנוצן די אינדערפריענדיקע קילקייט. איבעראַשט האָט אונדז עפּעס אַנדערש. דער שפּילער, ווייזט אויס א מיליאָנטשיק, גיט א קלאַפּ מיטן שטעקן אין א ווייסן הילצערנעם אָדער גומילאַסטיקביילעכל פליט עס אַוועק ווער ווייסט ווי לאַנג, מיינט איר אוודאי ער לויפט דעם נאָך? א נעכטיקער טאָג! ער זעצט זיך גאָר אין אַן עלעקטריש „בוזל" און פאָרט זוכן דעם באַל. אַבי מיר האָבן געמיינט אז דאָס איז א האָליוואָוד אויסטראַכטעניש. טאַקע אַזוי האָב איך געזאָגט צו מיין באַשערטער: זע נאָר זע, ס'איז נישט קיין אויסטראַכטעניש, סע זענען טאַקע דאָ אַזעלכע אויפן אמת. כ'פאַרשטיי נאָר נישט, אויב אַזוי וואָס טויג אים דאָס ביילעכל, אָן דעם זאָל אים נישט טראָגן דער שכל וואוהין צו פאָרן? א רגע האָב איך געטראַכט אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אז דאָס האָט ער א קלאַפּ געטאָן אין ביילעכל, אפשר איז עס געווען אַן אַנדערער און דער וואָס אין בוזל איז נעבעך א געליימטער, א פּאַראַליטש. בלייבט דאָס בוזל שטיין, ער גייט פון דעם אַראָפּ מיט זייער לייכטע באַוועגונגען, שטעלט זיך פעסט אויף די פיס און ווידער א קלאַפּ. „וואָס זאָגסטו דערצו, טייערנקע?" אויפן אָרט פון אַן ענטפער צו דער זאַך גיט זי מיך א פאָר אָפּ; „זינט ווען איז דאָס טייערנ-

קע? קוק און שוויג! פארגעם בעסער נישט דעם וועג צוריק. אין דער מהומה פעלט אונדז נישט מער ווי פארבלאָנדזשען‟. פארוואָס „מהומה‟ האָב איך נישט געפרעגט ווער ווייסט וואָס כ׳קאָן אָפּשניידן פאר אזא ווילדער קשיא. האָב איך אָפּגעשוויגן.

דערווייל איז די זון ארויסגעקראָכן פון „אָשן‟, קיין סך נישט געטראכט און אָנגעהויבן ברענען. האָבן מיר פארשטענדלעך געאיילט צוריק צום „ער קאָנדישן‟ און דאָ הייבט זיך אָן די געשעעניש. אזוי ווי מיר גייען פארביי לעבן איינער פון די פון אונדז אָנגעצייכנטע ווילעם שטייט א יונגערמאן און וואשט דעם אויטאָ. ער וואשט מיט אזאן איבערגעגעבנקייט אז מע מוז א רגע צוקוקן. ביי מער זענען דאָ, אביסעלע שאָטן קאָן מען געפינען, שטייען מיר און קוקן זיך איין. געפעלן איז מיר זיין אויסזען. א יידישער ייגנערמאן, א יידישע נאָז, יידישע אויגן, יידיש געקרייזלטע האָר. כ׳וואָלט שווערן א ייד, אן אָפּשטאמיקער פון פוילן, זעט ער אָבער אויס אן אויטענטישער אטלעט. ביי יעדן בויג, שפּאן צי ריר מיט דער האנט דראָדלן זיך מוסקלן ממש פון דער הויט ארויסצושפּרינגען דאָס האָט מיך געבראכט אין פארלעגנהייט. נישט געהערט פוילישע יידן זאָלן זיך געוועזן אָפּגעבן מיט גימנאסטיק. דויערט נישט לאנג און סע באווייזט זיך זיין ווייבל. כ׳ווייס נישט צי א שיינע. ווען פוילישע פרויען זאָגט מען אז זיי זענען שיינע, ווען איר וואָלט איך דאָס דערווייל נישט געקאָנט זאָגן. פארוואָס, וועט איר הערן. איך בין אויסגעגאנגען פון דער השערה אז זי איז א פּוילישע און אין דעם איז באשטאנען די מניעה זיך ארויסצוזאָגן. אזוי האָב איך זיך טאקע געווענדעט צו מיין יידענע: וואָס זאָגסטו, זאָג איך, ווי זי קוקט צו דער מאכינע און ווי זי לערנט אים וואשן דאָ און דאָרט? מע זעט פון א מייל אז זי איז א פּוילישע „אויפגעקומענע‟. ווען איר אויסזען זאָג איך גאָרנישט ווייל איך ווייס אז דאָ נישט ווייט געפינט זיך מיינער אן אלטער באקאנטער, געוועזן צוזאמען אויף דער מלחמה, זינגער רופט מען אים, איז ער א גוואלדאָוונער מבין אויף דער סחורה. וויפל מעשיות ער האָט אָנדערציילט, טאקע אויפן פראָנט וועגן פארשיידענערליי פרויען אז נאָך אים אויסהערן האָט קיינער נישט געוואגט זאָגן א מיינונג וועגן שוואכן מין. אָנדערציילט האָט ער איבערהויפּט וועגן פּוילישע פרויענצימער. טראכט איך מיר ווען גאָט זאָל אזוי פירן אז ער זאָל זיך דאָ פּלוצים באווייזן וואָלט איך געהאט די קאָמפּעטענטסטע מיינונג. ווי איר פארשטייט , האָט ער זיך נישט באוויזן. גאָט איז ווייזט אויס געווען פארנומען מיט וויכטיקערע זאכן. דאכט מיר אז אין יענער צייט האָט א פרישגעבאקענער קיסר געשינדן אויף א מיניסטאָרן פארזאמלונג איינעם פון זיינע מיניסטאָרן וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין נישט אין גאנצן געטריי און גאָט האָט געוואָלט

בייזיין ביי דעם מאָדנעם ספּעקטאַקל, אַזוי אַז פאַר מיינעם אַן אומגעריכטן באַגעגעניש, מיט אָט דעם פריינד, איז אים קיין צייט נישט געבליבן און ס׳איז געווען בעסער אַזוי, אפשר, ווען איך זאָל זיך געווען באַגעגענען מיט אים, וואָלט ער מיר יאָ געווען געזאָגט אַ מיינונג, וואָלט איך נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט איר. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז זי גאָר נישט געווען קיין... אָבער לאָמיר נישט כאַפּן די נעץ פאַר די פיש.

דערווייל האָב איך באַמערקט אַז זי האָט אַן אָנגענעם פּנים׳ל, ווייטער האָט דער לאַנגער גראַנאַט־כאַלאַט נישט געלאָזט זען. פאַרנומען און אַרומגענומען איר גאַנץ געשטאַלט אַזוי אַז זען האָט מען נאָר געקאָנט אַז זי איז נישט קיין הויכע. צי די פיס זענען פּראָפּאָרציאָנעל מיטן קערפּערל אָדער גאָר קורצינקע, צי איז דער הינטן אַ נידעריקער, ווי סע האַלט מיטן פּאָרנט האָט מען נישט געקאָנט אָפּשאַצן. וואָס ס׳האָבן צו טאָן אַזעלכע שאַצונגען מיט אַ מענטשן אין מיין עלטער, אין מיינע יאָרן? אויף דעם האָב איך דווקא יאָ אַן ענטפער. כל זמן מע לעבט, שאַצט מען. אַזוי איז עס איינגעפירט נאָר פון אונדזער מוטער חוה׳ס צייטן.

זענען מיר אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר מינוט. וויפל קאָן מען אין גאַנצן שטיין און קוקן ווי יענער רייניקט דעם אויטאָ און אָנקוועלן פון דעם ווי אַן אויפגעקומענע גבירנטע קאָמאַנדעוועט מיט אים — און געגאַנגען צו אונדזער גאַסט־געבער. אָנגעקומען, האָט אויף אונדז שוין געוואַרט אַ מחיהדיקער „לאַנטש״, פרישטיק הייסט עס. דער פריינד האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן שפּאַציר, זיך געפרייט מיט אונדזערע באַמערקונגען און צוגעזאָגט אַז נאָך דעם זעלבן טאָג וועלן מיר אַרויספאָרן איבער דער בוכטע מיט אַ יאַכט. ס׳האָט מיך געוואונדערט, ווייל ביי אים איז קיין יאַכט נישט געשטאַנען. דאָס האָב איך באַמערקט נאָך דעם ערשטן טאָג אַרויסגייענדיק אויפן הויף. די גרעסטע טייל ווילעס האָבן אַ גרויס הויף וואָס שפּאַרט אָן אין דער בוכטע, אָדער אין אַ קאַנאַל, מיט פּלאַטפאָרמעס לעבן וועלכע סע זענען פאַראַנקערט פאַרשיידנאַרטיקע שיפלעך און יאַכטן. ביי אונדזער גאַסט־געבער נישט. אויב נישט איז נישט. פון דעם וועל איך דאָך קיין פראַגע נישט מאַכן. אַ מענטש לאַדט איין צו דעם וואָס ער האָט. פאָדערן וואָס ער האָט נישט, קאָן מען קיין חזיר נישט זיין. וואָזשע, נאָר אין יאַכטן האָב איך זיך געוואָלגערט? נאָר אויב יענער זאָגט, וועלן מיר פאַרשטייט זיך נישט אָפּזאָגן. דערווייל האָט ער מיך געפרעגט צי וואָלט איך אים נישט באַגלייט אין שיל. ער האָט צו יענער צייט געזאָגט קדיש נאָך זיין מאַמען עליה השלום. פאַרשטענדלעך אַז כ׳בין געגאַנגען. אַזאַן אויפנאַם איז ווערט אַן אמן. זענען מיר צוגעפאָרן צור שיל, מיטן „ער קאָנדישן״ אויטאָ. ווי סע זעט אויס

אין מיאמי א שיל בעת דעב דאווענען? ניין, דאָס וועל איך אצינד נישט דער־ציילן. אצינד וויל זיך אראָפּרעדן פון הארצן וועגן כאזערייעלע וואָס כ׳האָב אָפּגעטאָן. פאָרנדיק אין שיל, זאָגט ער מיר אז ס׳איז מעגלעך מיר זאָלן דאָרט באגעגענען זיין ברודער. אָפּט קומט ער נישט, נאָר היינט האָט ער צוגעזאָגט קומען. דער ברודער איז נישט געקומען. ווייזט אוים פארנומען. ווי באלד נישט געקומען איז עס אָפּגעגאנגען גלאטער, נישט פארלוירן די צייט מיט „דו־יו, דו־יו“, מיט זיך מוטשען דערציילן פון וואנען מע קומט, און אזוי ווייטער. איז מען געפאָרן אהיים, ווער זשע מיינט איר זיצט אין „ליווינג“ און פירט א שמועס מיט מיין יידענע? ס׳איז נישט צו גלויבן! דאָס פּאָרל! דער יונגערמאן וואָס האָט געוואשן די מאשין און דאָס ווייבל זיינס!

שוין פון די ערשטע ווערטער האָב איך מיר אָפּגעגעבן חשבון אז דאָ דארף איך נישט האָבן מיין אלטן באקאנטן, אז דאָ בין איך אליין א מבין. פּאָדאָליער בלוט. אייגענע מענטשן. דאָ מוז איך מאכן א פּאראנטעז, פאראיבל קאָן מען נישט האָבן. איך האָב געוואָרנט פון אָנהייב אָן אז די געשיכטע איז א לאנגע, אפשר א צו לאנגע. פּאָדאָליע איז פאר מיר אביסעלע ברייטער פון דער אדמיניס־טראטיוו־פּאָליטיש־געאָגראפישער געגנט אזוי ווי ס׳האָט זי געוואָלט דער צאר ניקאָלאי און זיינע זיידעס. פאר מיר איז עס א באזונדער יידיש־לאנד מיט א כמעט געמיינזאמער שפּראך און געמיינזאמע מנהגים.

ווי געזאָגט זענען זיי ביידע דאָ. זי, אן עטוואָס פאררים נעזל, א רייכער קאָפּ קאשטאן־רויטלעכע האָר, צוויי קלוגע אויגן און אין גאנצן אזעלכע וועגן וועלכער מע קאָן זאָגן אלצדינג מיט איין וואָרט: „מיניאָן“. מיט זייער יאכט אָדער שיפל וועלן מיר דאָס א שפּאציר טאָן איבער דער בוכטע און איינצייטיק ווארפן א בליק גלייך אין „אָשן“, דאָס הייסט אויפן ים הגדול, אויף דעם אטלאנ־טישן פארשטייט זיך. געקומען איז זי מיט א פּאָר פאָטאָגראפיעס. „געהערט, זאָגט זי אין א ריינעם יידיש, אז איר שטאמט פון קישיניעוו אָדער פון א שטעטל דערנעבן האָב איך מיטגעבראכט איר זאָלט א קוק טאָן, אפשר וועט איר דער־קענען, אפשר וועט איר מיר קאָנען עפּעס דערציילן וועגן מיין משפּחה“. אזוי רעדט זי און איך טראכט אז אויב אזאן אויסזע, אזא לשון, אזעלכע האָר, מוז ערגעץ טליען א פייערל. כ׳באגעגן איר בליק און באמת, סע טליעט. כ׳וואָרף א קוק אויף די פאָטאָגראפיעס, אלטע, אָפּגעבליאקעוועטע, פונדעסטוועגן קאָן מען נאָך אראָפּלייענען אז די צווייפאכע באָרד האָט געהערט א פארפונדעוועטן יידן, די צוויי זין וואָס קוקן ארוים ווי פון א נעפּל דערמאָנען אין סאָלידע פּאָ־דאָליער האָרעפּאשניקעס מיט מאזאָליעדיקע הענט און פון שוויים פארהאר־

טעוועטע העמדער, זיי דערמאָנען אויך אין פּרייטיק פאַרנאַכט געצוואָגענע מייד-לעך מיט קראָסין געשמירטע שוואַרצע צעפּ.

דער אַלטער וואָס אויפן בילד, דאָס איז איר עלטער-זיידע. „אַ ייד, זאָגט זי, מיט אַן אייזערנעם כאַראַקטער". ביי די ווערטער קומט אַריין מיין גאַסט-געבערס ברודער. אַ שטאַלטנער, אַן אָנהויב פון גרויע האָר, און אַן איראָנישער שמייכל. געמיינט אַז דער שמייכל איז נוגע אונדז די פּראָווינציעלע געסט. אַן אייראָפּעי-שער ייד מוז זיין אַ קליינשטעטלדיקער. אַזוי לייגט זיך אויפן שכל. ניין. דער שמייכל איז נישט נוגע אונדז. נייערט די וועלט אין אַלגעמיין. אַ מענטש וועלכן ס'האָט אַנטוישט אַן אידעאַל בלייבט צו מאָל מיט אַן איראָנישן שמייכל לגבי אַלעמען. אַזאַן איינער זעט אויס צו זיין אונדזער מכניס-אורח'ס ברודער.

— ווער האָט אַן אייזערנעם כאַראַקטער? פרעגט ער בעת ער גיט אונדז אָפּ אַ געוויינטלעכן שלום-עליכם.

— מיין עלטער-זיידע. אין אים איז געווען געראָטן מיין באָבע, דערציילט ווייטער דאָס ווייבל.

— אויך אייזן? דאָס מאָל מיינט די איראָניע נישט די גאַנצע וועלט, נאָר נישט מער ווי דאָס ווייבל. זי לאָזט אָבער זיין איראָניע גיין אויף פּוסטע וועלדער שענקט איר קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט, זי איז ווייזט אויס געוואוינט צו איר און אַצינד וויל זי זיך נישט אַריינלאָזן אין גלאַט-אַמפּערנישן.

— ווי קאָן מען אַנדערש כאַראַקטעריזירן, אַזאַ כאַראַקטער? הערט און שעצט, זאָגט זי מיט גרויסן ערנסט און אויף אירע זייער סימפּאַטישע בעקלעך באַווייזט זיך אַ לייכטע רויטלעכקייט.

— הערן ווילן מיר, אוודאי ווילן מיר אויסהערן אַ טשיקאַווע געשיכטע, זאָגט דער ברודער, נאָר אויב סע גייט אין שאַצן מוז מען דאָס טאָן געלאַסן. אַזוי אַז איך מיין מיר זאָלן בעסער אַרויסגייען אויף דער לופט, לעבן „פּול" שטייען ליג-שטילן, וועט אַלעם זיין באַקוועמער.

דער עולם האָט זיך אַריבערגעטראָגן לעבן באַסיין, זיך געלייגט אויף די ליגשטילן וואָס אונטער די ביימעלעך, און דאָס ווייבל האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. דער-ציילן, דערציילט זי נישט וועגן עלטער-זיידן, נאָר וועגן דער באָבען. נאָך אין דער היים, ערגעץ אין קאָמעניעצער געגנט, האָט די באָבע „געשפּילט" אַ ליבע מיט אַ בחור. זי יונג, ער יונג האָבן זיי זיך נישט געאיילט מיט דער חופּה. זיך געלאָזט צייט, וויל סע ברענט נישט. דערווייל האָט יאָ אָנגעהויבן ברענען. אַ קריזיס, אַ כוואַליע פּאָגראָמען, אפשר איז אונטערגעקומען די רעקרוטשינע, די צייט צו גיין אין דער אַרמיי, אַ „פּעקט" איז אַז דער בחור האָט געמוזט אַוועק. וואוהין פאָרן? האָט ער זיך געלאָזט קיין אַמעריקע און צוגעזאָגט דער באָבע

אז ווי נאָר, וועט ער זי ארויסרופן. נישט אזוי טוט זיך ווי סע רעדט זיך, האָט מיין עלטער-זיידע אָנגעהויבן צושטיין זי זאָל חתונה האָבן, נישט ווארטן אויף פוסטע חלומות ביז זי וועט פארזיצן אין גראָען צאָפּ. א שיין מיידל איז זי גע-ווען, מיר דאכט זאָגט זי איך סאמעווע, איך „ריזעמבל", זעצט זי תיכף איבער דאָס ווער וויסט פון וואנען געירשנטע וואָרט, אין איר. זאָגן זאָגט זי דאָס מיט שטאָלץ. פארשטייט זיך אז בעלנים האָבן נישט געפעלט. ווי אזוי סע זאָל נישט זיין, דער זיידע האָט איר חתונה געמאכט; אין א יאָר ארום איז געבוירן געוואָרן מיין טאטע. אלץ האָט אויסגעזען צו זיין „אָלרייט". גייט איבער נאָך א יאָר און זי באקומט א בריוו, טאקע פון איר געליבטן. ליבע מיינע, אזוי און אזוי, כ'האָב געהערט וועגן דער חתונה וואָס דיין טאטע האָט דיר אָנגעווארפן, מיר דארף מען נישט דערציילן ווי אזוי דאָס איז געשען; כ'וויים זיכער, אזוי ווי כ'וויים אז כ'בין א לעבעדיקער, אז דו האָסט אונדזער ליבע נישט פארגעסן אפילו א רגע אזוי אז נעם גיב אים א גט, און קום. ער האָט מיטגעטיילט אז איינגעאָרדנט האָט ער זיך גאָר פיין, בילעטן וועט ער ארויסשיקן. מיר וועלן דאָ לעבן, האָט ער געשריבן, גליקלעך אזוי ווי ס'האָט זיך אונדז געחלומט. שרייב תיכף וואָס דו טראכסט וועגן דעם. כ'בין זיכער, שרייבט ער, אז דער ענטפער קאָן זיין נאָר איינער. סע קאָן נישט זיין זאָלסט האָבן פארגעסן די אמאָלעדיקע געפילן פונקט אזוי ווי איך האָב זיי נישט פארגעסן. מיין ליבע צו דיר איז געבילבן די זעל-ביקע אויף קיין האָר נישט געמינערט.

דער עלטער-זיידע האָט נישט געוואָלט הערן, ער האָט איינגערים וועלטן, א גרושה אין דער משפחה וועט ער בשום אופן נישט צולאָזן, אזוי ביז די באָבע האָט אים געסטראשעט אז זי וועט אנטלויפן אָן א גט. פינקטלעך וואָס ס'האָט זיך דאָרט ווייטער אָפּגעטאָן קאָן איך אייך נישט זאָגן, נאָר אז סע זענען געפלויגן פונקען...

— אייזן אויף אייזן, מע קאָן זיך משער זיין, ווארפט אריין מיין מכנים-אורח'ס ברודער.

— דו לאכסט, מאכט א ברוגזן אָנשטעל דאָס ווייבל, אָבער איך שטעל מיר פאָר אז ס'איז געווען אן אמת גרויסע טראגעדיע, ווי אין ראָמאנען.

— וואָס זשע איז געוואָרן?

— אין דעם גייט עס דאָך. דער עלטער-זיידע האָט סוף כל סוף באוויליקט דעם גט נאָר מיט א „קאָנדישן"... זי קאָן פאָרן וואוהין זי וויל, נאָר דאָס יינ-געלע, דאָס הייסט מיין טאטן, זאָל זי לאָזן ביי אים.

אזא תנאי האָט איבעראשט די אָנוועזנדיקע, זייער אינטערעס פאר דער אויסטערלישער געשיכטע איז געוואקסן; נאָך דעם ווייבלס מאן וועלכער האָט

ווייזט אוים געהערט די מעשה נישט צום ערשטן מאָל, האָט א שפּרינג געטאָן אין „פּול" זיך קילן און אָפּגעשפּריצט פון קאָפּ ביז פוס דעם גאנצן עולם. ס'איז געוואָרן א נעפּילדער, פּראָטעסטן, ער האָט געלאכט, געזאָגט די געשיכטע איז צו טראגיש מוז מען איבעררייסן מיט א „דזשאָק", א ווערטל אויף זייער לשון, אזוי ביז דער עולם האָט זיך בארואיקט. דאָס מאָל האָט ארויסגעוויזן זיין אינטערעס פאר דער געשיכטע דער גאסט-געבער אליין.

— נו? האָט ער א פרעג געטאָן.

— זי איז אוועקגעפאָרן, איבערגעלאָזט דאָס זינדעלע ביים עלטער-זיידען, געקומען קיין אמעריקע, חתונה געהאָט מיט איר ערשטן געליבטן און אים גע-בוירן פיר טעכטער. קיין איין זון.

— און דאָס ייִנגעלע?

— דאָס ייִנגעלע האָב איך דאָך אייך געזאָגט פון אָנהייב. דאָס ייִנגע-לע איז מיין טאטע. נאָך א סך יאָרן איז ער אויך געקומען אהער, זיך ארויפגע ארבעט מיט אייגענע כוחות, געוואָרן א מענטש מיט א „סיטועשן", אָבער זיין מוטער, די באָבע הייסט עס, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו זען. די ערשטע צייט האָט דאָס נישט דערלאָזט דער מאן אירער, ער איז ווייזט אוים דאָך גע-ווען „דזשילאָוז", אייפערזיכטיק הייסט עס, און שפּעטער האָבן דערצו נישט דערלאָזט זיינע שטיף-שוועסטער. זיי האָבן מורא געהאט אז ער קאָן פּרעטענ-דירן אויף א טייל פון דער ירושה. איר קאָנט אייך פאָרשטעלן אז אויך מיך האָבן זיי צו איר נישט צוגעלאָזט?

— האָסט געפּרואווט?

— וואָס הייסט געפּרואווט? נאָר איין מאָל? מיך האָט זייער אינטערעסירט די באָבע, מיט אזא כאראקטער איז טשיקאווע זיך באקענען. א פרוי ביי וועל-כער ליבע שטייט העכער פון אייגענעם קינד איז אן אויסנעם. האָבן זיי אויך מיך נישט צוגעלאָזט צו איר. ווייזט אוים ווידער צוליב דער משטיינסגעזאָגטער ירושה. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אז דעמלט ווען זי האָט זיך געפעלט האָבן אים די אייגענע שוועסטער נישט „אדווערטייסט". אים איז אָנגעגאנגען די ירושה ווי דער פאריעריקער שניי. ביי זיין „סיטועשן" איז עס ווערט א שפּיי. ס'איז באמת נישט צו פאָרשטיין ווי אזוי זיי האָבן געקאָנט אים נישט רופן צור לוויה. ער איז דאָך געווען איר איינציקער קדיש.

— ס'איז פאַרדריסלעך, האָט א וואָרף געטאָן דעם מכנים-אורח'ס ברודער און דאָס מאָל האָט זי די איראָניע זייער פאַרדראָסן.

— אוודאי פאַרדריסלעך! האָט זי כמעט אויסגעשריגן. מיין באבע איז ווערט געווען אז קדיש זאָל נאָך איר זאָגן איר אייגענער זון, נישט עפּעס א ווילד פרעמ

דער. די ליידנשאפט. דער פאטאס וואס זי האט ארויסגעוויזן לגבי דער באבע האבן ארויסגערופן ביי די אנוועזנדיקע א מאדנע פארלעגנהייט, ס'איז אויסגעקומען פריקרע, גלייך זיי וואלטן וועלן זאגן: די געשיכטע איז א זייער אינטערעסאנטע אבער דערציילן אזעלעכס וועגן דער אייגענער באבע דערציילט מען נישט. ס'איז נישט...

— זי האט אים דאך פארלאזט, האט זיך אפגערופן איינע פון די פרויען, זי האט זיך דאך פון אים אפגעזאגט...

— וואס הייסט אפגעזאגט? איז דאס ווייבל אויפגעשפרינגען. און איר ליבע? צוליב איר ליבע האט זי דאס געטאן און געמוזט טאן. נאר א פרוי מיט א שטארקן כאראקטער קאן טאן אזעלעכס.

— דו פארטיידיקסט זי, פארגעטערסט ממש דיין באבע, זי האט געלאזט דיין טאטן א לעבעדיקן יתום.

— אוי, ווי איר קענט זי נישט פארשטיין! איך פארשטיי זי פערפעקט.

איר בליק האט זיך אפגעשטעלט אויף מיר. א מענטש וואס קומט פון יענע קאנטן אין וועלכע די באבע אירע איז געבוירן און אויפגעוואקסן מוז פארשטיין, מוז זיין אויף איר זייט. איר האט זיך, ווייזט אויס, געדאכט אז כ'בין מיט איר אין גאנצן איינשטימיק, און געפינענדיק א פארבינדעטן האט זי אויסגערופן מיט טריאומף: איך וואלט אויך אזוי געוועזן געטאן!

מיין מכניס-אורח האט א קוק געטאן אויפן זייגער, דערמאנט אז ס'איז צייט ארויספארן אויפן שפאציר. נאכן שפאציר מיטן יאכט-שיפל האבן מיר, אזוי ווי סע פירט זיך, אפגעדאנקט פון טיפן הארצן, זיך זייער פריינטלעך אפגעזעגנט, געזאגט — נישט נאר ווייל אזוי פירט זיך — אז די באקאנטשאפט האט אונדז פארשאפט גרויס פארגעניגן. דאס פארפאלק האט אונדז געוואונטשן מיר זאלן זיך „ענדזשויען", דאס הייסט מיר זאלן גוט פארברענגען די צייט, און דאס האט געדארפט הייסן אן ענדע.

א טאג פאר דעם אפפארן זענען מיר געוועזן איינגעלאדן צום גאסט-געבערס ברודער. זיצט מען ביים טיש מיט צובייסעכצן, מע שמועסט וועגן דאס און יענץ, מע פארגעסט נישט זיך ארויסזאגן וועגן דעם וואס געשעט אין די ברענפונקטן וואס פעלן אין די לעצטע יארן שוין גאר-גאר-נישט אויס, דאס אלעס צוגעזאלצן מיט „דזשאוקס", מער אדער ווייניקער געזאלצענע וויצן הייסט עס און מע לאכט. אזוי פירט זיך ווען מ'איז צו גאסט. וואס מער מע לאכט הייסט אז מ'איז צופרידענער. אויף אזאן אופן פרואווט מען פארווילן מיט וואס מע קאן די גאסטפריינטלעכע מענטשן וועלכע האבן ארויסגעוויזן אזויפיל גוטן ווילן

אייך קעגנאיבער, אויסדריקן די געהעריקע דאנקבארקייט און אָנערקענונג. דאָס זאָג איך פון אייגענער פּראַקטיק, און גלויבט מיר אז די פּראַקטיק מיינע איז נישט אזעלכע פון וועלכער מע זאָל אוועקמאכן מיט דער האנט. ווי געזאָגט פון אָנהויב בין איך אויסגעפּאָרן א וועלט און נישט זעלטן מיט דער הילף פון געמטפרייגטלעכע מענטשן.

ווי מיר זיצן אזוי און לאכן פון א געלונגענעם שפּאַס, קלינגט עמעצער ביי דער טיר. עפּעגען איז געגאנגען די באלעבאָסטע. פון פּאָרהויז האָבן זיך דערטראָגן פריילעכע קלאנגען. אריינגעקומען איז, אין א שיין קלייד, אביסעלע אויף דער טאליע אזוי אז „מיניאָן" איז געוואָרן ווייט פון קאָנען אויסדריקן איר חנעוודיקייט, דאָס זעלבע ווייבל מיט א יום-טובדיקן אויסזען און, ווייזט אויס, אלס אָנערקענונג פאר דעם וואָס בעת דעם שמועס לעבן „פּול" בין איך געווען אויף איר צד, האָט זי מיר געשענקט א שמייכל וואָס האָט מוראדיק דער-ווארעמט מיינע אלטע ביינער.

— אומגעריכט, א סורפּריז, האַ? האָט זי א וואָרף געטאָן אין דער צייט וואָס איך האָב געקושט, אביסעלע צו לאנג, איר קליין הענטעלע.

— ניין, האָב איך געענטפערט, ס'איז דווקא נישט קיין סורפּריז, כ'האָב מיך געריכט...

ס'איז נישט שווער צו פארשטיין וואָס ס'איז געשען ווייטער. זי האָט מיר געשענקט א בליק שארפער פון א מעסער. א מעסער זאָג איך? א חלף! דערצו האָט זי מיך א מעסט געטאָן פון אויבן אראָפּ און פון אונטן ארויף אזוי אז כ'האָב דערפילט ווי מיינע איינגעפאלענע באקן פאלן נאָך נידעריקער ווי צוויי שמאַ-טעדיקע ליידיקע בייטלען, ווי מיין פּליך וואקסט, ווי מיינע אויגן קיסנען, איין גליק כ'בין נישט געפאלן חלשות.

זאָגט כ'בעט אייך, קאָן מען אזא כאזערייעלע פארגעסן?

ביי טייכן־ברעגעס

(חסידישע מאָטיוון)

ביי טייכן ברעגעס...

(במקום הקדמה)

על נהרות בבל ... מע קאָן זיצן אויפן ברעג פון דער טונע און זאמלען אָדער זיך דערציילן מעשיות פון די אמאזאָנען, ווייסל, פרת, וואָלגע, גאנגעס, ירדן אָדער דאָן ברעגעס, און נישט נאָר פון די גרויסע טייכן-ברעגעס, נאָר אפילו פון די קלענסטע שבקלענסטע. דאָס דערפאר ווייל די וועלט איז איינע, אָפּגע-רעדט די וואסערן וועלכע זענען אלע צווישן זיך פארבינדן מיט איין אָטעם — דעם לעבנס-אָטעם. פון דאָרט זעט אוים קומט מען; צי מע וועט זיך אהין אומ-קערן איז א פראגע. אפשר איז דערפאר דער גיהנום א פייערדיקער און דער גן-עדן א פארעווע פוסטער — געזאלצענע פיש און געפרוירן פלייש. ווי אזוי קאָן מען זיך אנדערש פאָרשטעלן דעם אלטן לויתן און אָדערדיקן שור-הבור?

זיך דערציילן מעשהלעך ארט קיינעם, שאדט קיינעם. מע וואָלט געקאָנט זאָגן פארקערט. אָבער נישט שטענדיק. זיך דערציילן מעשהלעך רופט צו מאָל ארוים א געוויסע נייגעריקייט און אפילו קנאה. די נייגעריקייט איז געוויינטלעך נישט גוגע דעם תוכן, דעם אינהאלט פון די דערציילונגען, דעם קאָשמאר וועלכן דער דערציילער לעבט איבער, נייערט אן א סך פראָזאישערע זייט.

„וויפל צאָלט מען דערפאר?"

דאָס דארף היימן לא די מע באגילדעט דיך מאכסטו נאָך דעם אָנשטעל אז דו טראָגסט ווער ווייסט וואָס פאר אן עול אויף די פלייצעס. ווען די פראגע חזרט זיך איבער, ווארפט זי אָן א שרעק, וויל זיך ארומגיין מיט איבערגעקערטע קע-שענעס. סע געשעט די פראגע זאָל קלינגען אנדערש: „וועגן וועמען שרייבסטו?" מע וואָלט געקאָנט זאָגן א גראָביאנסקע פראגע. ווילסטו באמת וויסן, זיי מוחל לייען! ענטפערט מען: „וועגן וועמען זאָל מען שרייבן אז נישט וועגן דיר? גע-פינט זיך נאָך אזאַן אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט מיט אזא רייך לעבן ווי דיינס?" מיט אָט דעם ענטפער קויפט מען זיך א שונא אויפן גאנצן לעבן. נישט פשוט א שונא, נאָר א דם-שונא. מענטשן האָבן נישט זייער ליב מע זאָל וועגן

זיי דערציילן אָן זיך מיט פון זיי אפריער צו באראָטן. זייערע מעשים, זייערע אָפּטועכצן זענען, ווייזט אוים, נישט שטענדיק נאָר ווייסע לעמעלעך; שווארצע קען האָבן ליב דעם שאָטן פון דער נאכט.

וואָלט מען אפשר געדארפט מוותר זיין.

איז די טונע ברייט, די וואסערן נישט שטענדיק די זעלביקע, די כוואליעס צו מאָל ברויזנדיקע, ברענגען זיי מיט זיך פיש און מעשהלעך. די פיש פאנגען פישער, די מעשהלעך צו מאָל איך...

און דערציילן מוז מען זיי.

דער גרויסער באַליק

זיצנדיק אויפֿן ברעג פֿון דער טונע געשעעט סע זאָלן זיך אַנטפּלעקן סודות, סע געשעעט ביי זונאויפֿגאַנג זאָלן שפּרינגען פֿון וואַסער שפּילעוודיקע קאַרפּן, עפֿענען די מיילעכלייך און דערציילן וועגן דעם וואָס זיי האָבן אַנטדעקט אויפֿן דנאָ פֿון טיפֿן טייך; סע געשעעט סע זאָלן באַווייזן זייערע טונקעלע קראַפּטיקע רוקנס גרויסע באַליקעס, אויפֿן וועג אָפּצולייגן די רויגן אין דער הייך פֿון טייך. זיי קומען פֿון ווייט. נאָך אַ לאַנג וואַנדערן איבער ימים דערמאָנט זיי עמעצער אַז געבוירן מוזן זיי אין די טונע וואַסערן, אַז זייערע רויגן קאָנען באַפֿרוכפּערט ווערן אין זיסן טונע-וואַסער. לאָזן זיי זיך אין דער לאַנגער נסיעה ביז זיי קומען כוואַליעס-ווייז אין דער געגנט פֿון וואַנען זיי האָבן זיך צוריק מיט יאָרן געלאָזט אויף זייער וואַנדער-וועג, קומען פֿולע מיט רויגן און מיט דערציילעכצן וועגן דעם וואָס געזען. דעמלט איז אין די טונע וואַסערן אַ יום-טוב, אַ סאָרט קאַרנאַוואַל.

דערציילט אַ באַליק...

אַפֿריקע רופֿט זיך דער אור-אור-אַלטער קאָנטינענט און אירע בערג די אור-אור-אַלטע בערג. דאָס זענען די אַטלאַס-בערג. הויכע הימל-אָנשפּאַרנדיקע בערג. אויף זיי זאָגט מען רוט דער הימל. די מערב זייט פֿון אָט דעם אור-אור-אַלטן קאָנטינענט איז דער ברעג פֿון גאָר-גאָר גרויסן ים. ער איז אַזוי גרויס אַז מע רופֿט אים נישט מער ים. נאָר אָקעאַן. אייביק פֿרישע וואַסערן פֿליסן אין אָט דעם ים. דאָרט, אין יענע ווייטקייטן, איז פֿאַראַן אַ לאַנד — אַן אור-אַלט לאַנד — וואָס רופֿט זיך פֿון קדמונים מאַוריטאַניע. אין אָט דעם מאַוריטאַניע איז פֿאַראַן אַ שטאָט וואָס רופֿט זיך מאַראַקעש. אַ זייער, זייער אַלטע שטאָט נישט ווייט פֿון נאָך עלטערן טייך טענסיפֿט. אַזוי האָט עס זיך איינגעפֿירט פֿון אָנהויב אַז שטעט זאָלן זיך בויען נישט ווייט פֿון טייכן ווייל די איינוואוינער פֿון אָט די שטעט וועלכע רופֿן זיך מענטשן דאַרפֿן האָבן וואַסער. וואַסער איז עד היום געבליבן איינע פֿון די וויכטיקסטע באַשטאַנד-טיילן פֿון לעבן, מוזן

דאָס האָבן אויך מענטשן. דער טענסיפט האָט זיין קוואַל ערגעץ אויף די שפּיצן פון די אַטלאַס-בערג וואָס ווערן באַצייכנט די הויכע, די זעלביקע וועלכע שפּאַרן אונטער דעם הימל. דערפאַר ווייזט אויס האַלט מען אַז דער טייך ברענגט צווישן זיינע שמאָלע ברעגעס הייליק וואַסער. סע זעט אויס אַז ס'איז באמת אַזוי ווייל ער פליסט נישט ווי אַנדערע טייכן לאַנגזאַם, זאַכט. ער קייקלט זיך באַרג-אַראָפּ אין איין פרייד, ס'איז אַ שמחה וואָס שטאַמט פון עליונות, אַ לויטערע פרייד אַזאַ. סע געשעעט דאָס טייכל זאָל אויפברויזן, זאָל זיך אַ וואַרף טאָן אין טאָל הוילע כעס, דאָס געשעעט דעמלט ווען דער טאָל פאַרזינדיקט זיך.

שוין לאַנגע יאָרן אַז די מענטשן פון יענעם לאַנד האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין אַללאַה אואַקבאַר, דעם גאָט דעם אַלמעכטיקן, און אין זיין נביא מאַחמוד, מוחמד אָדער מאַכאָמעט. גאָט האָט אַ אָנצאָל נעמען, זיינע נביאים דריי אָדער מערערע. לכבוד גאָט און זיין נביא האָבן די איינוואוינער פון דער שטאָט מאַראַקעש מיטן ווילן פון הייליקן קאַליף, אויפגעשטעלט אַ מעטשעט אָדער מאָסקייע און אַ זייער, זייער שיינעם און הויכן מינאַרעט, דאָס הייסט אַ טורעם אַזאַ פון וועלכן די גלויביקע ווערן גערופן צו תפילה. דער מינאַרעט רופט זיך קוטוביאַ און איז ביז היינט צו טאָג באַקאַנט אַלס איינער פון די שענסטע אויף דער וועלט.

דער טאָל אין וועלכן סע לאָזט פליסן זיינע וואַסערן דער טייך טענסיפט איז אַ פרוכטבאַרער און דאָס האָט געהאָלפן צום וואַקסן און צו דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט מאַראַקעש. אַ טייל פון די מאַראַקעשער איינוואוינער זענען יידן. זייער גלויבן איז נישט דער זעלביקער ווי דער פון דער מערהייט; צו צוזאַמענ-שטויסן איז עס דעריבער נישט געקומען. אַ לאַנגע צייט האָבן דאָרט די יידן געלעבט, כאָטש אָפּגעזונדערט דאָך בשלום. ביי די יידן זענען פאַראַן מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ נאָר מיט תורה, דאָס הייסט מיט לערנען דאָס בוך פון זייער ער-שטן נביא משה, פון זייערע שפּעטערדיקע נביאים און אויך די לערע פון די תנאים. די לעצטע זענען געווען געלערנטע וועלכע האָבן אויסגעטייטשט די תורה און באַשטימט געזעצן לויט וועלכע יידן דאַרפן אָפּוויקלען זייער לעבנס-גאַנג. דאָס אַלץ דערצייל איך כדי איר זאָלט פאַרשטיין דאָס ווייטערדיקע.

אַרום באַרעדעווודיקן באַליק האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ המון פון קאַרפּן, שליי-ענס, קאָרעסלעך, הערינג; אַלע זענען פאַרכאַפּט פון זיין דערציילן, קיינער שטערט נישט מיט אַ פּיפּס, אַפילו דער העכט האָט פאַרגעסן אין רויב וואָס וואַל-גערט זיך אַרום.

אין דער שטאָט מאַראַקעש. דערציילט ווייטער דער באַליק, האָט געלעבט אַ תלמיד-חכם וועלכער האָט אויסער ספרים און שיל פון גאָרנישט נישט געוואוסט. גרוים כבוד האָט אים אָפּגעגעבן די יידישע און נישט יידישע באַפעלקערונג פון

שטאָט. גערופן האָט מען אים נישט ביים נאָמען נאָר מיט א טיטל אזא וואָס הייסט דרך־ארץ ביז גאָר; רופן פלעגט מען אים רבי אָדער חכים. זיין איינציקער וועג איז געווען פון זיין ווינקל אין שיל און צוריק. אוועקגיין פון הויז פלעגט ער פארטאָג, ווי נאָר ס'האָט זיך באוויזן דער מאָרגן־שטערן און אהיים קומען געוויינטלעך צום מיטאָג. עסן האָט ער דאָך געמוזט ווייל אָן עסן קאָן מען נישט דערהאלטן אין זיך די נשמה.

ווי נאָר דערהערט עסן, האָט א העכט צעעפנט דאָס מויל, באוויזן זיינע שאַרפע ציינער און שיער, שיער נישט איינגעשלינגען א קאַרעסל. דאָס קאַרעסל האָט זיך א וואָרף געטאָן צום ווייסן בויך פון באַליק, זיך באהאַלטן הינטער איינעם פון זיינע פליגעלעך. דער העכט האָט פארשעמט זיך צוריקגעצויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אז ס'איז נישט קיין פאסיקער מאָמענט פאר איינשלינגען אן אָרעם קאַרעסל. דער טונע־קאַרנאַוואַל איז קורץ און ס'איז אן אָפמאַך אזא אז אין די נאָך קורצערע מאָמענטן פון פארברענגעכצן זאָל מען נישט פירן די אייביקע איבערלעבונגס־מלחמה, מע זאָל קיינעם נישט פארציקן. אויב עמעצער ברעכט דעם אָפמאַך ווערט ער פארשאָלטן זיינע ציינער זאָלן אויף שטענדיק שטומפיק ווערן.

דעם מאַראַקעשער חכם'ס וועג אין שיל און ממילא צוריק, האָט געפירט איבערן מאַרק. אין מאַראַקעש איז דער מאַרק א רייכער, א שפעדיקער. פולע קוישן מיט טרויבן, טאָמאַטן, באַטלאַזשאַנעס, גרויסע שטיקער שאָפּס־פלייש, פעפער אייזלבירטבוימל, פארשיידנפארביקע געוואַנטן, שיך־וואַרג אויסגעהאַנגען ארום הילצערנע שטעלעכלעך, גרינע ציבעלקעלעך, פרישער קנאָבל, אויוונס אויף וועלכע סע רויכערן גרויסע שטיקער קאַלבס־פלייש, געגאַרבטע פעלעכלעך, לעבעדיקע ציגעלעך, שאָף, האַלב רויע פלאַם־פלעצלעך, פאָמעראַנצן, פיש, נאַהוט, לינדזן, ווייץ, גערשטן, עפל, טרוקענע און פרישע זאַפטיקע טייטלען, צאַפּלדיקע רויטע קאַקטוס פרוכט, בעטלער מיט אייטערדיקע מכות, אַלפּאַ ראַגאַזשעס, זעק, לאַקרעץ, בעדואינען מיט זייער אָנגעלאָדענע קעמלן, פליגן, פליגן, פליגן, א זשום, א רעש א געפילדער, א געשריי טויב צו ווערן. דער רבי פלעגט פארבייגיין דעם מאַרק, דאָס גאַנצע געטומל ווי נישט אים מיינט מען, א פרעמדער; אן אויסגעטועגער פון אָט דער פארקיסנעטער וועלט. קיינער פלעגט אים אין זיין וועג נישט שטערן. איינגעהילט אין זיין לאַנגן, ווייסן כאַלאַט פלעגט מען אים אָפּטרעטן דעם וועג, כמעט מאַכן א וואָרע. איז צו מאָל געשען דעם תלמיד־חכם'ס ווייב זאָל ליגן צו בעט, מענטשן ווערן צו מאָל קראַנק, פלעגט ער איינקויפן דאָס ביסל נייטיקע גרינוואַרג. די הענדלער האָבן געוואוסט אז דער חכים צאָלט נישט אויס ווי יעדער אנדער קונה. ער ציילט נישט דאָס געלט, ער טוט נישט מער

ווי אויסשטרעקן די האַנט מיטן מינץ אויף דער דלאָניע און דער פּאַרקויפער ציילט אליין אראָפּ אזוי פיל וויפל סע קומט אים פאר דער סחורה. קיינער האָט זיך קיין מאָל נישט געוואגט נעמען מער, ווייל אָפּגענארט וואָלט ער דערמיט נישט דער יידן, נייערט דעם הייליקן וואָס גיט זיך נישט אָפּ מיט ווערלט זאכן, און אָפּ־נארן א הייליקן האָבן מורא אלע. ווייל די הייליקע ווערן געהיט פון אלע געטער און זייער שטראָף קאָן זיין גרויס. גייט ער אמאָל אין מארק מיטן געדאנק צו קויפן צוויי באַטלאַזשאנעס און דריי אוגערקעס. אזוי האָט אים אָנגעזאָגט דאָס ווייב זיינס און פארגעסן איז נישט זיין טבע. צווישן אלע סוחרים וואָס אין מארק האָבן אים זיינע טריט געפירט צון א יונגן, צו איינעם וואָס ווייסט נישט פון דרך ארץ און האָט זיך נאָך ווייט נישט דערוואוסט אז הייליקע ווערן געהיט פון אלע געטער; איינער פון יענע וועלכע האלטן צום אלעם ערשטן און פארגעסן נישט אז דער תלמיד־חכם איז א ייד און זייער שיטה באשטייט אין דעם אז יידן דארף מען אָפּנארן...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אלעס, מיט אלע פּיטשעווקעס, האָט פארוואונדערט געוואגט צו פרעגן א קארפּ. קארפּן ווערן גערעכנט צווישן די פיש אלס נאַראָנים. שטילע, באנעמענע, האָדעווען זיך מיט גראָזן, פליגעלעך און ווערימלעך, טוען קיינעם קיין שלעכטס, טרעטן אָפּ דעם וועג, האלט מען זיי פאר נאַראָנים. די פראגע האט אויפגערעגט דעם עולם וועלכער איז געווען פארכאפּט פון דער געשיכטע, געוואָלט הערן נייעס פון גאָר דער וועלט. אזעלכע נייעסן ברענגען געוויינטלעך אין די טונע־וואסערן די באליקעס. דער עולם איז געווען גרייט אויסצוזידלען דעם חוצפּהניק וואָס שלאָגט איבער די רייד פון גרויסן באליק מיט זיינע נארישע קלאָץ־קשיאות, האָט דער באליק ארויסגעהויבן זיין קראַפּטיקן רוקן פון וואסער, דערפילט א פריש ווינטעלע און גוטמוטיק אָפּגערעדט פון זיך בייזערן.

— דאָס קארפּל איז גערעכט. איין מאָל איז א קארפּ גערעכט ווילט איר אים דורם זיין. ער איז גערעכט און אָט וועל איך אייך זאָגן פון וואַנען איך וויים און אויך ווען די אויסטערלישע געשעעניש איז פאָרגעקומען. געשען איז עס צוריק מיט הונדערט און עטלעכע און זיבעציק זומערן. יענע צייטן זענען מער באקאנט אויף דער וועלט מיט דעם וואָס ס'איז געשען אין דער געגנט פון די ריזן־שטיינער, דאָרט וואו דער אָקעאן באגעגנט זיך מיטן ווארעמען ים. דאָרט האָט זיך אָפּגעוויקלט א גוואלדאָוונע שלאכט אין וועלכער ס'האָבן זיך באטייליגט די גרעסטע שיפן וואָס מ'האָט ביז דעמלט געזען שווימען איבער וואסערן.

ס'איז שווער צו זאָגן צי די צאָל און גרייס פון די שיפן האָבן גורם געווען די שלאכט זאָל פארבלייבן אין דער געשיכטע צי גאָר די נעמען פון די כמעט לעגענדארע ארמיי־פירער וואָס האָבן אין איר טיילגענומען. דער וועלכער האָט

אָפּגעהאַלטן דעם נצחון; און בעת דער שלאַכט אויף פאַרלוירן דאָס לעבן זאָל געוועזן האָבן נישט מער ווי איין אויג. דאָס אַנדערע האָט ער, ווייזט אויס, פאַרלוירן אין אַ פריערדיקער שלאַכט. ס'איז אַ סברא אַז פון דעמלט שטאַמט דאָס אייננלויבעניש אַז אַ סגולה צום געווינען באַשטימענדיקע שלאַכטן באַשטייט אין דעם אַז דער הויפּט קאָמענדאַנט זאָל האָבן נישט מער ווי איין אויג. צי ס'איז געקומען דערצו אַז פאַר אַזעלכע שלאַכטן זאָלן זיך די אַרמיי־פירער, מיט אָדער אָן זייער ווילן, לאָזן אויסשניידן אַן אויג, ווייס איך נישט. אויף אַזוי ווייט זענען מיר די מענטשלעכע פירערצן נישט באַקאַנט. כ'ווייס אָבער באַשייד אַז נאָך יענער שלאַכט איז דער ים אַ לאַנגע צייט געווען פול מיט כל־ערליי פּראָוויאַנטן פון די אונטערגעגאַנגענע שיפן, אַז רויב־פיש האָבן זיך אַ היפּשע צייט גענערט מיט מענטשן פלייש און די געגנט איז געוואָרן אַ געפערלעכע פאַר דעם פּשוטן עולם, אַזוי האָט דאָרט געווימלט מיט הייפיש. מיין געשיכטע איז נאָר אויף אַזוי פיל פאַרבינדן מיט אָט דער וועלט־באַרימטער געשעעניש אויף וויפל זי איז געבליבן ווי אַ סאָרט מייל־שטיין אין מיין זכרון. דערפאַר אויך די פּינקטלעכקייט מיט וועלכער איך קאָן אָנווייזן אַז געשען איז עס אין אַ זומער.

צו יענער צייט זענען אין די אַטלאַס בערג געפאַלן גרויסע רעגנס, איבערגעפולט די קאָרעטע פון טענסיפט טייך וועלכער האָט זיך צעגאָסן איבערן טאָל און געגרייכט אַזש ביז מאַראַקעש; אפשר האָבן די וואַסערן וועלכע האָבן פאַרפלייצט דאָס טאָל זיך אָפּגעצויגן אין דער קאָרעטע פון טענסיפט. ווי סע זאָל נישט געווען געשען, די וואַסערן האָבן מיט זיך אָנגעבראַכט ביז דעם אָקעאַן כל ערליי פיש און פישלעך און איינס פון אָט די פישעלעך האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע אַזוי ווי איר הערט זי אַצינד פון מיר. איז, ווי געזאָגט, דער תלמיד חכם געגאַנגען אין מאַרק ווייל זיין ווייב איז געפאַלן צו בעט. סע געשעט ווייזט אויס אַז אויך די ווייבער פון תלמידי חכמים זאָלן, באַהיט זאָל מען זיין, קראַנק ווערן און ער האָט געמוזט אַליין איינקויפן דאָס נייטיקע אין מאַרק, דאָרט וואו מיר האָבן אים איבערגעלאָזט מיט יענעם ייִנגן הענדלער וואָס האָט נישט געוואוסט פון אָפּגעבן כבוד אַ חכים אין אַלגעמיין און נאָך ווייניקער אַ יידישן געלערנטן. דער תלמיד־חכם האָט אָפּגעקליבן פון הויפן צוויי באַטלאַזשאַנעס און דריי אוגערקעס, פונקט אַזוי פיל וויפל דאָס ווייב האָט געבעטן, אויסגעשטרעקט די דלאָניע מיט דעם ביסל מינץ דער סוחר זאָל נעמען זיינס. מחמת גיריקייט צי גאָר גלאַט כדי חוזק מאַכן פון אַ מענטשן וואָס ווייסט אַזוי ווייניק וועגן דעם וואָס סע געשעט אויף דער לעבעדיקער וועלט, אָדער גאָר באַווייזן אַז זיין הייליקייט איז קיין הייליקייט נישט, אַ סימן מע קאָן אָפּנאַרן און זיך נאָך דערצו דערמיט באַרימען, איינס איז קלאָר דער הענדלער האָט גענומען פון דער דלאָניע

צווײ צי נאָר דרײַ מאָל אַזוי פיל ווי פֿל די ווערט פון ביסל גרינציינג וואָס דער פרו-מער ייד האָט אַרייַנגעלייגט אין זיין טאָרבעלע.

דער תלמיד-חכם האָט פארבונדן דאָס טאָרבעלע מיט די באַטלאָזשאַנעס און אונערעקעס און אַביסעלע צעשטרייט, דער געדאַנק איז אים געווען ביי דער קראַנקער, זיך געלאָזט אַהיים מיט עטוואָס גיכערע טריט ווי געוויינטלעך. ער האָט געהערט הינטער זיך אַ ווילד חוצפּהדיק געלעכטער, אָבער אומקוקן האָט ער זיך נישט אומגעקוקט. ער איז געוואוינט געווען צום געטומל וואָס אויפן מאַרק, גע-וואוסט אַז אַזעלכע זענען די אייַנוואוינער פון יענער געגנט — ראַשיקע. דאָס געלעכטער איז געווען טאַקע דעם ייִנגן הענדלערס וועלכער האָט זיך באַרימט פאַר די איבעריקע ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט דעם יידן. „ער האָט זיך אפילו קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, און זעט, מיר איז גאָרנישט געשען!" אונטערוויי-לעכטס איז צוגעקומען צום געשטעל אַ נייַער קונה און ווי נאָר דער הענדלער האָט באַרירט די סחורה האָבן די אוגערקעס און באַטלאָזשאַנעס אים אָנגעהויבן שפּרינ-גען אין פּנים. אים צעגעריקט די נאָז. געגעבן שלעק איבערן קאָפּ גלייַך ווי אומ-געזעענע הענט וואָלטן זיי וואַרפן מיט אַ שרעקלעכן כח מיטן געדאַנק אים ממש צו הרגענען. דער עולם פון מאַרק האָט געקייכט פאַר געלעכטער, אָבער אים, דעם הענדלער איז נישט געווען צום לאַכן. און ער האָט אָנגעהויבן שרייַען: „ראַטעוועט, דער כישוף-מאַכער!"

מיט דעם האָט די געשעעניש פאַרקערעוועט אויף אַ זייער, זייער געפערלעכן וועג. פאַר כישופמאַכעריי האָט מען צו יענע צייַטן געמשפּט צום טויט.

דער הענדלער האָט אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און איז אוועק צום שופט פון שטאָט. ער האָט געוואָלט נקמה נעמען פון יידן און אייַנצייַטיק באַווייַזן אַז ער איז גערעכט. דער שופט האָט אויסגעהערט די מאָדנע געשיכטע, שוין אַ זייער לאַנגע צייט אַז מע רעדט נישט פון כישוף, נאָר אַזוי ווי דער אָנקלאַג איז געווען אַ בפירושער און געהאַנדלט האָט זיך אין כישופמאַכעריי, האָט ער געמוזט אָננעמען מיטלען. אין דער זעלבער צייט האָט אים געשמייכלט דער געדאַנק אונטערצוטראָגן דעם האַר פון שטאָט אַזאַ משפּט. הענגען און פאַרברע-נען לעבעדיקערהייט איז שטענדיק געווען אַ ספּעקטאַקל וואָס האָט געפעלן דעם המון און אויך אַ מיטל צו געפינען חן אין זיינע אויגן. דאָס וואָלט געקאָנט געפעלן דעם האַר גופא. דאָס האָט איבּ באַוואויגן זיך אַליין מטריח זיין אין מאַרק אויס-הערן די עדות וועלכע האָבן געזען, לויט דעם הענדלערס דערקלערונג, מיט זייערע אייגענע אויגן ווי זיין גרינוואַרג האָט אים אָנגעהויבן שפּרינגען אין פּנים נישט אַנדערש נאָר אים דורס צו זיין.

אין מאַרק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דעם הענדלערס אָנקלאַג איז אַן אמתע. געשטערט האָט דעם שופט די פּערזאָן פון באַשולדיקטן. סע וואָלט אים אוודאי

געפעלן צו פירן צור תליה דעם יידן וועלכן די גאנצע באפעלקערונג שענקט אזוי פיל כבוד, וועט אבער דערמיט נישט זייער צופרידן זיין דער האר פון שטאט. אויך ער שעצט זייער הויך דעם חכים. נישט דעם מארק איז שווער צו באוועגן אויף זיין צד, האט זיך געכאפט דער שופט נאר דעם האר און דא קאן זיך די געשיכטע ארויסווייזן א מעסער מיט צוויי שארפן. אויב ער וועט צושטיין און די באווייזן וועלן אויסזען נישט גענוגנדע קאן ער זיך איינקויפן א שונא טאקע אין האר. דער איינציקער אויסגאנג וואלט זיין ווען נישט ער, נאר דער המון זאל זיין דער וואס פאדערט די הויפט־שטראף פאר דעם אלטן תלמיד־חכם אויף וועלכן ס'איז קיינמאל קיין פלעק נישט געפאלן. אזוי האט ער טאקע געטאן.

— איר זענט געווען דערביי, האט ער זיך געווענדעט צו די מאדק לייט, פאלט אויף אייך דער חוב צו קומען מיט מיר צו אונדזער גרויסן האר און דארט אויפן פלאץ אפלייגן אייער עדות.

*

... איבער מאראקעשער געטא האט די נאכט געבידערט געהילט אין שווארץ. די איינגוואוינער פון געטא האבן באקלאגט דעם גורל פון הייליקן מאן און האבן געריסן קריעה איבערן גורל פון יידישן יישוב. זיי האבן געוואוסט אז ס'איז גענוג א פונק און דאס פייער קאן איינשלינגען דעם גאנצן געטא און אפשר נישט נאר די מא־ראקעשער קהילה. מענער זענען געזעסן אין שילן און אויפגעהויבן זייערע קו־לות צו גאט און וויבער האבן געקלאגט אויף די דעכער פון די נידעריקע, האלב אין דער ערד פארגראבענע הייזקעס, באוויינענדיק דעם צום טויט פארמשפטן צדיק.

דער האר האט זיך אפגעזאגט פון פארמשפטן דעם חכים ווי יעטוועדן יידן פון געטא. ער האט נישט געוואלט אויפשטעלן א תליה אדער א שייטער אין מארק אזוי ווי סע פירט זיך אין פאל פון כישופמאכעריי. „אויב דו ביסט גערעכט חכים, האט ער זיך געווענדעט צום תלמיד־חכם אין דער אנוועזנקייט פון המון וועלכער האט געפאדערט זיין טויט, אויב דו ביסט אומשולדיק וועט דיך דיין גאט ראטעווען. איך וועל נישט לאזן מענטשן זאלן אויספירן אויף דיר די שטראף וואס קומט דיר לויטן געזעץ, נאר דו אליין זאלסט זי אויספירן. אזוי אז מארגן ווען די זון־שטראלן וועלן פאלן אויפן שפיץ פון הייליקן מינארעט קוטוביא, זאלסטו זיך אליין ארפווארפן פון זיין הייך און אויב דיין גאט וועט דיך נישט פארלאזן, און אויב ער האט דעם כח, וועט ער שיקן זיינע שליחים זיי זאלן דיר העלפן נידערן פון מינארעט ווי א באפליגלטער מלאך און דיר וועט קיין שלעכטס נישט געשען".

„גרויסער האר, האָט געענטפערט דער תּלמיד־חכם, דיין אורטייל איז נישט קיין גערעכטער ווייל איך בין אומשולדיק. נישט איך האָב באַפוילן דאָס גרינג־וואַרג זאָל שטראָפן דעם גנב, כ׳האָב דאָס נישט געקאָנט טאָן ווייל כ׳האָב פון זיין גניבה נישט געוואוסט. זיין שטראָף האָט ער באַקומען פון גאָט אין וועלכן ער גלויבט אָדער ער זאָגט נאָר אז ער גלויבט. כ׳מיין אז ער זאָגט נאָר, וואָלט ער זיין אַן אמת־גלויביקער וואָלט ער מורא געהאַט אויסצוטראַכטן אַ בילבול אויף אַן אומשולדיקן מענטשן. נאָר נישט אים משפּט מען איצט. משפּטן משפּט מען מיך דעם אומשולדיקן און בכדי צו באַווייזן מיין אומשולד גייט דיין רוף צו גאָט, צו דעם זעלבן גאָט אין וועלכן איך גלויב און דער פּראָפעט מוחמד האָט גע־גלויבט. צעשיידן צעשיידט אונדז נישט מער ווי דער אופן פון פאַרשטיין זיינע געבאָטן. אויב דו האָסט אָפּגעטאָן, גרויסער האר, פון מיר דיין חסד נאָר ווייל דער המון פאָדערט מיין לעבן, איז דיין משפּט נישט קיין גערעכטער. אָבער אַזעל־כער ווי ער איז וועל איך אים אויספּולן, מיין בקשה צו דיר איז, זאָלסט מיך לאָזן צוגרייטן צו דעם שרעקלעכן אורטייל לויט די פאַרשריפטן פון מיין גלויבן; און כאָטש איך געפין זיך אין דער לאַגע פון אַ פאַראורטיילטן קאָן איך נישט מוותר זיין, מחמת מיין טיפן דרך ארץ פאַר דיר, דיך צו דערמאָנען אַז גאָט שטעלט מען נישט פאַר נסיונות“.

דער האר האָט געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט אַז דער משפּט איז פאַרענ־דיקט און פאַראָרדענט מע זאָל לאָזן דעם חכם זיך צוגרייטן צום אויספירן פון אורטייל לויט די פאָדערונגען פון זיינע דינים.

אין יענער נאַכט, האָט זיך דער תּלמיד־חכם ריין געוואַשן, אָפּגעשניטן די נעגל פון הענט און פיס, געגאַנגען אין מקוה, אָנגעטאָן די תכריכים, איבער זיי זיין ברייטן קיטל, געזאָגט ווידוי, זיך אָפּגעזעגנט פון זיינע ספרים, און נאָך פאַר זון־אויפגאַנג געווען ביים אריינגאַנג צום מינאַרעט. ווען דער שומר האָט אים געפרעגט פאַרוואָס אַזוי פרי, האָט דער צדיק געבעטן ער זאָל אים לאָזן זיך אויפהייבן פּאַמעלעך די טרעפּ ווייל די יאָרן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמעלט אויף זיינע אַקסלען מאַכן אים שווער דעם גאַנג. דער שומר האָט אים צוליב גע־טאָן און דער צדיק האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן די טרעפּ, זיך אָפּשטעלנדיק אויף יעדער איינער פון זיי, זינגענדיק דערביי בלחש אַ שיר למעלות, איז עס געוואָרן אַ טרעפּ צום בית המקדש. פּאַמעלעך, זייער לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפ־געהויבן אויף די טרעפּ. ווען ער האָט איבערגעחזרט צום פינפטן מאָל דעם לעצטן שיר למעלות איז ער אָנגעקומען צום שפּיץ. די זון איז געשטאַנען הויך און פון פּלאַץ וואָס אַרום דער מאָסקייע האָט זיך געטראָגן אַ כוואַליעדיקער געברום. קינד און קייט איז געקומען זען ווי סע ווערט געטייט דער יידישער חכם. דער

צדיק איז געבליבן שטיין אין שאָטן ביז ס'האָט זיך באַוויזן דער האַר פֿון שטאָט. דעמלט האָט ער געוואוסט אַז די זונגען שטראַלן פֿאַלן אויפֿן שפּיץ פֿון מינאַרעט און ס'איז צייט. מיט די לעצטע כוחות האָט ער געשפּאַנט אין חלל אין מיט די לעצטע קראַפֿטן געזאָגט שמע ישראל...

די קוים, קוים געשעפּטשעטע ווערטער האָבן אויסגעפֿולט דעם חלל פֿון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. ער האָט געהערט ווי זיין פּליסטער פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ הילכיק ווידערקול וואָס גיסט זיך איבערן פּלאַץ אַרום דעם טורעם. די לופֿט איז געוואָרן שרעקלעך געדיכט, זיך פֿאַרגנבעט אונטער דעם קיטל, איס אויפֿגעבלאָזן און ער, דער תּלמיד־חכם, האָט לאַנגזאַם געגידערט פֿון דער קו־טוביא. דער המון האָט מיט איבעראַשונג געזען אַז דער חכם פֿאַלט נישט פֿון דער אומגעהייערער הייך אַזוי ווי סע פֿאַלט געוויינטלעך אַ מענטש וואָס ווערט אַראָפּגעוואָרפֿן, אָדער וואַרפֿט זיך פֿון אַזאַ הייך, זיך איבערדרייענדיק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט ווילדער גיכקייט, נייערט ער לאָזט זיך אַראָפּ לענגאויס דעם מינאַרעט, שוועבנדיק ווי אַפֿריקאַנער צוויט פֿון די ביימער אין די ערשטע פֿרי־לינג וואָכן. אַ דערשיטערטער פֿון דעם וואָס ער זעט, האָט דער המון געשאַלט, די לופֿט איז נאָך געדיכטער געוואָרן, דער געברום האָט באַגלייט דעם תּלמיד־חכמס וואונדערלעך נידערן און ווען זיינע פֿיס האָבן באַרירט די ערד און ער איז געבליבן שטיין אַ נישט געניזוקטער האָט זיך די אָנגעזאַמלטע מאַסע געוואָרפֿן מיטן פּנים צו דער ערד שרייענדיק: אַללאַה אואַקבאַר, גרויס איז אַללאַה, געדענקט זיין פּראָפֿעט, דער חכים איז אומשולדיק, כבוד דעם געטלעכן מאַן.

דער האַר פֿון שטאָט האָט גרויס חרטה געקריגן וואָס ער האָט זיך געלאָזט פֿאַרנאַרן פֿון עפּעמערישן לויב וועלכן ס'האָט אים געבראַכט דער המון און זיך פֿאַרלירנדיק אין נעפּל פֿון שבחים האָט ער אַרויסגעטראָגן אַזאַ האַרבן אורטייל קעגן זיין פֿריינד, קעגן דעם וועלכער האָט אים געשענקט דערהויבענע מינוטן, אפֿשר די איינציקע, ווען זיי האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט אין שמועסן וועגן גאָט און געטלעכקייט. האָט ער געאיילט באַגעגענען דעם תּלמיד־חכם מיט אָפֿענע אָרעמס.

— זיי מיר מוחל, גרויסער חכים, פֿאַר דער עוולה וואָס כ'האָב דיר אָנגע־טאָן. אפֿשר איז אים אין יענעם מאָמענט פֿון טיפֿער איבעראַשונג געגאַנגען נישט נאָר אין דער מחילה פֿון תּלמיד־חכם, נאָר אויך אין דער פֿון זיין גאָט וואָס האָט באַוויזן דעם נס.

— נישט מיך האָסטו באַוועלט, האָט געענטפֿערט דער תּלמיד־חכם, נישט מיך האָסטו געפּרוווט, גרויסער האַר, נייערט גאָט. כ'האָב דיך געוואָרנט ווי אַ פֿריינד נישט צו שטעלן די געטער פֿאַר נסיונות. אַצינד דאַרפֿסטו בעטן מחילה ביי אים.

ער האָט נישט געזאָגט ביי זיי. דער תּלמיד-חכם האָט געגלויבט אַז קידוש השם מוז נישט זיין דווקא דורך אומזיסטיק מקריב זיין פון גאָט די וואָס גלויבן אין אים.

אפשר איז דאָס אמאָל געווען אויך אַזוי...

אַזוי האָט דערציילט אַ פון טייך טענסיפט אין אָקעאן פארבלאָנדזשעט פישעלע, האָט געענדיקט זיין געשיכטע דער גרויסער באַליק אַ קלאַפּ טוענדיק מיט זיין קראַפּטיקן עק און שוין איז נישט געווען ביי וועמען צו פרעגן: „און וואָס ווייטער?"

געשען איז עס אין בעלץ

... זיצט מען אויפן ברעג פון דער טונע קאָן מען זיך דערציילן, אָדער אראָפּ־לייענען פון אירע דריבנע כוואַליעס, פון די וועלכע קנייטשן זיך נאָענט צום ברעג, די פארשיידנסטע מעשהלעך. די טונע טראָגט אין זיך אן אָנצאָל פון זיי און נישט נאָר אירע, נאר אויך אזעלכע וואָס קומען פון די ווייטע טייכן מיסיסי־פּי, נילוס, סקוקיל און פּיל, פיל אנדערע, ווייל אלע וואסערן זענען איינס.

א קלאַפּ טוענדיק מיט זיין קראפּטיקן עק האָט דער באַליק אויפגעהויבן א שטורעם פון זאמד און ליים, פארמוטנעט דאָס וואסער און פארשווונדן ארויף דעם טייך. דאָס האָט איבערגעריסן דעם יום־טוב. ס׳איז געוואָרן א סאָרט חול־המועד און אין די מוטנע וואסערן האָבן זיך העכטן א וואָרף געטאָן אויף אומבא־וואָפנטע פישלעך, אויף גיך איינגעשלינגען דעם רויב; קאָרעסלעך, קאַרפּן און שלייענס האָבן געקליבן מיט אָפענע מיילעכלעך פון אויפברויז אָנגעבראכטע גרעזעלעך און ווערימלעך.

מיט הוילע מעשיות קאָן מען נישט לעבן, עפּעס איבערכאַפּן מוז מען.

פּאמעלעך האָבן זיך די וואסערן געלייטערט, איבער די דריבנע כוואַליעס האָט ארויסגעהויבן דעם קאָפּ א צווייטער באַליק, דעם אנטלאָפענעמס א פריינד. די רויגן ליגן זיי אָפּ אויף דעם זעלבן פּלאַץ, אין דער זעלבער אונטערוואַ־סער־הייל. אמאָל, מיט א א סך צענדליקער יאָרן צוריק האָבן זיי געפירט א שטילע מלחמה, יעדער פון זיי האָט געוואָלט אליין באַלעבאַטעווען אין דער שיינער מיט פּארביקע שטיינער געפּלאַסטערטער הייל. אין יענע צייטן פלעגן זיי זיך יאָגן און איבעריאָגן ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט אָנקומען דער ערשטער, שטערן דעם צווייטן דעם צוגאנג. מיט דער צייט האָבן זיי געשלאָסן שלום, געוואָרן על־טער און באטראכטער מיט מער פארשטאנדיקייט פאר שלום. די הייל איז געבליבן זייערע א פון אלעמען אנערקענטע אזוי אז איילן זיך איז נישטאָ צוליב וואָס. קומט דער צווייטער, באגעגנט אים דער ערשטער מיט א ברייטן שלום עליכם.

דערפאר איילט זיך נישט דער באליק וואָס קוקט אצינד ארויס פון וואסער. ער איז די גאנצע צייט געבליבן ארונטער, איב האָט פארוויילט דעם פריינדס געשיכטע און נאָך מער דער המון צוהערער. ווען זיין פריינד האָט אויפגעהויבן דעם שטורעם האָט עס אים פארדראָסן — סע זענען אים ליבערשט לויטערע וואסערן — אָבער לאנג זיך ברוגזן האָט ער אויך נישט געקאָנט, ער האָט געהאט פארשטענדעניש פאר דעם פריינדס אנטרינען ווערן — די באגלייטער האָבן ווייזט אוים צונעגעסן. נישט נאָר צוהערער נאָר אפילו פארהערער קאָנען צועסן.

באמערקנדיק דעם באליק האָבן זיך פישלעך אָנגעהויבן זאמלען ארום אים. דער המון קליינוואַרג האָט זיך געשארט צום נייעם גאסט, אפשר וועט אויך דער דערציילן עפּעס מערקווערדיקס פון דער גאָרער וועלט. דער באליק איז געשווימען לאנגזאם און געשוויגן ווי נאָר א פיש קאָן שווייגן. ער האָט, ווייזט אוים, זיינע מעשהלעך אזויפיל מאָל איבערדערציילט אז זיי שלאָגן אים גופא שוין אויך צום בויך; ער וואָלט בעסער הערן עפּעס נייעס. דער עולם ארום האָט אים אָבער אויסגעזען אין גאנצן אומאינטערעסאנט, א נישט אינפאָרמירטער, צוריקגעש־טאנענער עולם וועלכער איז נישט אימשטאנד צו ברענגען עפּעס אזעלעכס וואָס זאָל ארויסרופן דעם מינדסטן אינטערעס. דער באליק איז גרייט געווען א ריר טאָן דעם עק אזוי אז די נודנע מאסע זאָל זיך דערווייטערן, נישט שטערן זיין רו. א קילבלעכער קוואל האָט פארשפּעטיקט אויספירן דעם באשלוס און פארלאנגזאמט זיין שטרעבן צו דער הייך פון טייך. אָפּקילן די הויט איז א חיות אויך ביי פיש, האָט ער זיך געלאָזט א רגע וואויל־גיין, זיך א פּאָר מאָל א קאטשע געטאָן מיטן בויך ארויף, נאָכאמאָל ארויסגעקוקט פון די דריבנע כוואליעס, אפשר געזוכט א צייכן אויך אויף דער אייבערפלאך, אויף די ברעגעס כדי פאר־געדענקען דאָס פּלאץ וואו סע געפינט זיך אזא ליבלעכער קוואל. ער האָט זיך ווידער אראָפּגעלאָזט אין דער טיפעניש און דאָ איז צו אים דערגאנגען א מאָדנע קעלעכל. א באשיידן קעלעכל פון א פישעלע וואָס טראָגט מיט זיך א גרויסן וויי. דער באליק האָט זיך ארומגעקוקט, געזוכט פון וואו סע קומט דער משונהדיקער וויי. א קליין קאַרעסל האָט זיך שעמעוודיק באהאלטן הינטער א דרייאָריקן קארפּ.

— קום אהער קליינענקער, האָט א ווינק געטאָן דער באליק, שעם זיך נישט, א שיין קול האָסטו, לאָז מיך דאָס הערן.

אז פיש האָבן ליב מוזיק ווייסט נישט איעדער. אמאָל האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם סוד א ציגיינער און אים אויסגענוצט אויף א נישט ערלעכן אופן. ער האָט גענומען זיין פידעלע, ארויסגעפאָרן מיט א שיפל ווייט אויף דער מיט פון טייך, אויסגעלייגט נעצן און אָנגעהויבן שפּילן. די פיש האָבן זיך געזאמלט מאסן־וויין הערן דעם קאָנצערט און אריינגעפאלן אין די נעצן. דאָס האָט געדווי־

ערט א צייט ווייל די פיש האָבן זיך נישט געכאַפּט אז ס'איז פאַראַן א צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פידל-שפּילן און דעם וואָס א טייל פון זיי פאַרשווינדן בשעת די קאָנצערטן. אזוי ביז אין דער געץ זענען אריינגעפאַלן צוויי באַליקעס, צעריסן די נעץ, איבערגעקערט דאָס שיפל, דערטראָנקען דעם ציגיינער און דער סוד איז ווייטער געבליבן א סוד.

— א שיין קול ביי דיר, קליינעכקער, אָבער וואָס איז דער טרויער ביי דיר אזוי גרויס? אפשר איז דיר צו לאַסט דיין קליינקייט?

— ניין, גרויסער באַליק, נישט מיין קליינקייט מוטשעט מיך, נאָר דער גרויסער ווייַ וועלכן איך טראָג. איך האַלט אז ער מוז אָנקומען אין גאָר דער וועלט, זענען מיינע כוחות נישט גענוג אויף אים צו ברענגען אין די ברייטע, אומענדלעכע וואַסערן. כ'מיין, גרויסער באַליק, אז דער ווייַ מיינער איז ווערט א בעסערן גורל ווי פאַרפאַלן ווערן צוזאַמען מיט מיר, ווייל מיין לעבן איז קורץ. וואָלסטו האָבן די גוטקייט מיך אויסהערן, גרויסער באַליק?

— קום נעענטער צו מיין אויער און אויב דיין ווידוי איז אזעלכע וואָס פאַרמאָגט אזא ווערט ווי דו זאָגסט, וועל איך זי פירן איבער טייכן און ימים, זי זאָל באַוואוסט ווערן דער גאַנצער וועלט און קיין מאָל פאַרלוירן גיין.

דאָס קאַרעסל האָט געפּיפּסט אין אויער פון באַליק פאָלגנדיקע געשיכטע:

איך קום אהער, אין דעם גרויסן טונע טייך, פון א קליין טייכל, וואָס רופט זיך רעוועט. נישט דאָרט בין איך באַשאַפן. דאָס רויגעלע פון וועלכן איך האָב געדאַרפט געבוירן ווערן האָט מיין מאַמע אָפּגעלייגט אין א פאַרמאַכטן טייך. אין איינעם פון יענע וואָס האָבן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט אלע וואַסערן איבער דער אייבערפלאַך. די פאַרבינדונג קומט פאָר דורך די טיפענישן און די טיפענישן זענען אזעלכע דורך וועלכע אונדזער איינער קאָן נישט דורכקומען. צום רעוועט בין איך געקומען דורך אן אויסטערלישן צופאַל. געשען דער רעוועט זאָל אין א צייט פון טרוקעניש אויספאַרען אלע זיינע וואַסערן. געבליבן זענען נישט מער ווי שטיינדלעך און אונטער זיי א פייכטקייט. דאָס פאַרשווינדן פון א טייך איז דעם באַשאַפער נישט אלצאיינס. ס'איז אים שווער צוצולאָזן זיין באַשאַף זאָל געמינערט ווערן. האָט ער אומגעקערט זיין גוטוויליקן בליק אויף דעם אין גסיסה ליגנדיקן טייכל און באַשטימט דאָס ווידער אויפצולעבן. אזוי איז געשען ער זאָל שיקן דעם רעגנבויגן ער זאָל אויספירן דאָס שליחות. געשיקט האָט ער נישט אָבי וועמען, נאָר א קלאָרן שיינעם מיט אלע פאַרבן באַפּוצטן רעגנבויגן וועלכער האָט אראָפּגעלאָזט איינעם פון זיינע עקן אין אונדזער טייך און דעם צווייטן איבער דעם אויסגעטרוקנטן רעוועט. די וואַסערן פון טייך האָבן זיך געגאָסן דורך דעם רעגנבויגן ווי דורך א ברייטן רער; מיטן שטראָם

איז אויך פארכאפט געוואָרן דאָס רויגעלע פון וועלכן כ'בין געבוירן. און אויס־געבאָדענער אין פילפארביקייט בין איך אַנגעקומען אין רעוועט און דאָרט אויס־געוואקסן אזעלכער ווי דו זעסט מיך. ווייזט אויס דאָס אויסבאָדן מיך אין אזוי־פיל פארבן האָט גורם געווען מיין קליינוואוקסיקייט. איך קלאָג מיך נישט דערי־בער. פארקערט. זאָלסט נישט אָננעמען אלס חוצפה, גרויסער און מאכטיקער באליק דאָס וואָס כ'וועל דיר אָנפארטרויען. מיר דאכט אז צו אזא איבערלעבן ווי געטובלט ווערן אין רעגנבויגן־פארבן איז נישט זוכה אבי ווער. דאָס קאָרעסל האָט זיך דערשראָקן פאר דעם ארויסגעפיפסטן פיפס און אנטשוויגן געוואָרן.

— דערציילֿ, דערציילֿ, האָט גוטמוטיק א פיפס געטאָן דער באליק. זאָל דיך דיין גרויסמוט נישט שרעקן כאָטש שאטן קאָן עס נאָר דיר. ביי אזעלכע ווי דו איז דאָס קיין געפאר פאר דער וועלט, נאָר פאר דיר גופא, סע פעלן דיר די כוחות אויפ־צוצווינגען אנדערע אונטערטעניקייט. אזוי האָט דער באליק געענטפערט אויף דעם וואָס דאָס קאָרעסל האָט באטראכט אלס חוצפה און גרויסקייט־מאניע. א רגע איז דער באליק געפרואווט געוואָרן פון א מין גדלות. אָפּגעפרישט אין קאלטן קוואלוואסער האָט ער דערפילט די קראפט פון זיינע מוסקלען איז פארביי־געשווימען אן אלטער העכט, דערמאָנט אין הייפיש און אָפּגעקילט זיין גדלות.

— נישט ווייט פון רעוועט טייך. האָט פאָרגעזעצט זיין פיפס דאָס קאָרעסל, ליגט א שטאָט וואָס מע רופט בעלץ. צו מאָל געשעט ווען מע רעדט וועגן דעם שטעטל בעלץ זאָלן זיך איינעקע טועה זיין און מיינען אז ס'איז די רייד פון בעלז. כ'האָב מיך וועגן דעם דערוואוסט פון א שמועס צווישן צוויי איינוואוינער פון שטאָט. זיי זענען געקומען זיך אויסבאָדן האָט איינער דערציילט וואָס ס'איז אמאָל ארויסגעקומען פון אזא טעות. געגאנגען איז עס דאכט מיר אין א שידוך. דער כלה'ס פאָטער איז איינגעגאנגען אויף אים ווייל ער האָט געמיינט אז דער חתן שטאמט פון בעלז. דאָס האָט געהייסן מער כבוד, דאָס האָט געהייסן זיך איינקויפן אין ייחוס, ווייל די מענטשן פון יענער שטאָט האלטן זיך חשובער איידער די פון פשוטן בעלץ. יענע רופן אונדזערע קוטשמעניקעס און למען האמת מוז מען צוגעבן אז די איינוואוינער פון דער שטאָט וואָס לעבן רעוועט ליידן דעריבער פון א סאָרט מינדערווערטיקייט געפיל. ווי נאָר זיי פאָרן ארויס אין דער וועלט זוכן זיי צו פארגעסן פון וואנען זיי שטאמען. אויך דאָס איז א סבה וואָס איך בין אזוי באזאָרגט איבער דעם גורל פון דעם וואָס געשען און וועגן וועלכן מיר דאכט אז מע דארף דאָס דערציילן אין אלע עקן וועלט.

ס'איז א צייט ווען דער טייך ציט איבער זיך א דורכזיכטיק קלייד. קינדער קומען מיט גרויס געפילדער לויפן איבער דעם קלייד מיט אן אָנשטעקנדיקער פרייד. אין דער צייט וואָס דער טייך איז צוגעדעקט מיט דעם קלייד אָטעמט זיך

שווערער. געפינען זיך פארשטענדיקע מענטשן, קומען זיי מיט אזעלכע מכ־שירים, צערייסן דאָס קלייד אויף פארשידענע ערטער כדי סע זאָל צוקומען מער לופט. ביי אָט די לעבער כאפן אייניקע פיש אויף שבת. זומער איז אויפן טייך א נאָטס פארוויילעכטס. דעמלט קומען קינד־און־קייט זיך אָפּפרישן פון דער היץ. א טייל פון זיי שווימען נאָזנדיק, האָבן ליב זיך לאָזן טראָגן פון שטראָם. זענען פאראן פישלעך שאָלטיקעס קיצלן זיי אויף די פלייצעס, קאָן מען אויסגיין פאר געלעכטער. זיי דערשרעקן זיך, הייבן אָן מאכן מיט האנט און פיס גלייך סע זאָל זיי געווען ביסן. ווער ווייסט וואָס פאר אן אָנשיקעניש. מיר זענען געוואוינט גע־וואָרן צו דעם עולם, מיר פלעגן ווארטן אויף זיי זיך צוהערן צו זייער געפּיפּס. אזוי האָב איך מיך דערוואוסט אז אין שטאָט לעבן פארשידנארטיק גלויביקע און אז זייער פארשיידנארטיקייט קאָן דערפירן צו שרעקלעכער שנאה ביז פאר־טיליקן א טייל פון זיי; אז פארטיליקן, פארטיליקט מען איבערהויפּט יענע וואָס ווערן גערופן יידן; וועגן זיי זאָגט מען אז זיי זענען פרעמדע און פרעמדע מעג מען אויסראָטן. דאָס האָב איך נישט געקענט פארשטיין און קיין איינער פון די קאָרעסן ביי וועלכע כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט האָט אויף דעם קיין קלאָרן ענטפער נישט געקאָנט געבן, גלייך סע וואָלט זיי נישט אָנגעגאנגען. „נישט אונדזער זאך“, זענען זיי אָפּגעקומען מיט א קורצן פּיפּס.

ווייזט אויס אז מיין קליינקייט האָט געפונען חן אין די אויגן פון א ייִנגעלע. ער פלעגט אָפט קומען צום טייך, זיך שטענדיק באָדן אויף דעם זעלבן פּלאַץ, כ'מיין אז דאָס האָט ער געטאָן צוליב מיר, ער האָט געוואוסט אז ער וועט מיך דאָרט געפינען און איך האָב אויף אים געוואַרט כדי זיין חלום זאָל ווערן וואָר. ער פלעגט צו מיר רעדן, דערציילן, אָבער איך האָב זיין שפּראך נישט פארשטא־נען. זי איז געווען א באזונדערע, א נישט זייער קלאָרע. מעגלעך א געשלאָגע־נער אופן רעדן אזא. געשעט דאָך אויך ביי אונדז פיש וועלכע האָבן נישט קיין קלאָרן פּיפּס. אין איינעם א זומער טאָג, איז אין דער לופט געשטאנען א שרעקלעכע היץ, ס'האָט אויסגעזען אז אָט, אָט, און דער רעגעט וועט זיך ווידער אויספּארען. פון שטאָט האָט זיך קיינער נישט באוויזן. קיינער איז נישט געקומען אָפּקילן די געבליטן. מיר האָבן געמיינט אז דאָס איז דערפאר ווייל די מענטשן האָבן זיך דערוואוסט ווי היים סע זענען די וואסערן און אז אָפּקילן זיך אין זיי איז פּשוט נישט מעגלעך. פּלוצים האָט אָנגעהויבן דונערן אז די ערד האָט אויפ־געציטערט. גרויסע שטיינער זענען געפאלן פון הימל מיט אזא געקנאל אז ס'האָט געקאָנט פארטויבן אפילו א פיש. און ס'איז טאקע געשען. איינער פון יענע שטיי־נער איז געפאלן גלייך אין רעוועט און א מענגע פון אונדזערע איבערגעדרייט מיטן בויך ארויף. נאָך דעם האָט זיך אראָפּגעלאָזט א גרויסע שטילקייט. אין

א צייט אַרום האָבן אָנגעהויבן קומען צום רעוועט זיך אָפּפרישן פרעמדע, מענטשן וועלכע מיר האָבן ביז דעמלט קיינמאָל נישט געזען. זיי זענען געווען זייער טומלדיקע, שטענדיק אָנגעלאָדענע מיט פאַרשידענע מכשירים מיט וועלכע זיי פלעגן צו מאָל מאַכן א מאָדנע רעש, גלייך הונדערטער גראַגערס וואָלטן זיך געדרייט איבער אונדז.

דער באַליק האָט זיך א רגע אויפגעהויבן העכער די כוואַליעס, ביז איצט האָט אים דאָס קאָרעסל נישט דערציילט אַזעלעכס וואָס סע זאָל ווערט זיין געטראָגן צו ווערן איבער גאָר דער וועלט. אין זיינע נסיעות האָט ער נישט איין מאָל בייגעוואוינט קאַנאָנאַדעס און שלאַכטן — אַזעלכע נאַרישע שפּילערייען מיט וועלכע מענטשן פאַרווילן זיך. ער האָט זיך שטיל צוריק אַראָפּגעלאָזט אין די וואַסערן נישט געוואָלט פאַרלירן פון אויג דאָס קאָרעסל ווייל ס'האָט אים אַמוזירט דער פּאַטאָס מיט וועלכן סע דערציילט.

— נו, נו, האָט דער באַליק א פּיפּס געטאָן ווען ער האָט דערפילט דאָס קאָרעסל לעבן רעכטן אויער. דערצייל, לעג אוים ווייטער דיין סדרה קליינעקער.

— אויב מיין ווי האָט דיר נישט צוגעסן וועל איך, מיט דיין ווילן גרויסע באַליק, דערציילן. אין א טאָג האָט מען אַריינגעוואָרפן דאָס יינגעלע מיט וועלכן איך האָב מיך געחברט אין רעוועט. ווי מאָדנע סע זאָל נישט אויסזען נאָר אַצינד ווען ס'איז געוואָרן אַן אין גאַנצן שווייגנדיקס איז דאָס לשון געוואָרן קלאָרער, גלייך סע וואָלט געפּיפּסט א פיש. טאַקע פון אים האָב איך זיך אַלץ דערוואוסט.

גערופן האָט דער קאָמענדאַנט פון די פרעמדע די גאַנצע אָנפירונג פון דער קהילה. געווען זענען זיי צוועלף. אויסגעזידלט אַלע אַז זיי זענען פאַרעיפּושטע יידן, כאָטש פאַרעיפּושט זענען זיי נישט געווען. געזאָגט האָט ער אַז זיי זענען די שולדיקע וואָס ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און שוין דערפאַר זענען זיי ווערט מע זאָל זיי דערשיסן. דאָס האָט זיי נישט געוואונדערט ווייל ס'איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל ווען מ'האָט געוואָרפן אויף זיי און זייערע עלטערן די שולד פון מגיפות, טרוקענישן, פאַרפלייצונגען, ערדציטערנישן, ליקוי-חמות און נאָך אַזעלכע געשעענישן. באַפוילן האָט ער זיי אויסקלויבן תיכף צען זאַלאָזשניקעס, אָדער ערובניקעס, וועלכע זאָלן דערשאָסן ווערן אויב עמעצער וועט ברעכן די פאַראָרדנונגען פון נישט און נישט. זיי אַלע אַריינגעשטופּט אין א צימערל און באַפוילן העכסטנס אין משך פון א האַלבער שעה זאָל פּאַרטיק זיין די ליסטע מיט די נעמען פון די ערובניקעס. אויב נישט וועט ער זיי אַלע שיסן און צוזאַמען מיט זיי נאָך אַכט און אַכציק כדי די צאָל זאָל זיין א קיילעכדיקע.

געבליבן אליין אין קליינעם צימערל האָבן זיי זיך איבערגעקוקט און פעסט־געשטעלט אַז אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך באַוויזן דער שמייכל פון יענע וואָס גייען אויס מיט אַ טויט וועלכן מע רופט מיתה־בנשיקה, דאָס דאַרף הייסן אַז דער מלאך המות נוצט נישט קעגן זיי די שווערד נאָר נאָר די ליפּן און זיין קוש איז קאַלט ווי אייז פון ים הקרח און ווי נאָר ער רירט צו די ליפּן ווערט מען תיכף פאַרפרוירן. אַזוי זענען זיי געשטאַנען ביז איינער האָט געזאָגט:

— נו, וואָס טוט מען?

— געבן צען און ראַטעווען ניינציק, האָט ער געזאָגט.

— פון ראַטעווען האָט ער נישט דערמאָנט.

— ס'איז דען די רייד פון די ניינציק, די רייד איז פון צען.

— ווערזשע וועט דאָס נעמען אויף זיך?

— אָפּהענגיק. ס'זענען פאַראַן צייטן אין וועלכע מע מוז נעמען אויף זיך.

— איבערהויפּט אַז מ'איז שליחי ציבור, אויסגעקליבענע פון דער קהילה...

— די קהילה האָט נישט דערויף געקליבען. די קהילה האָט אונדז נישט גע־געבן רעכט צו פאַרמשפּטן צו טויט. אונדזער רעכט איז באַגרענעצט נאָר אויף לעבן.

— דאָ גייט עס אויך אין לעבן.

— ווי אַזוי?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? מיט צען ראַטעווען דאָס לעבן פון ניינציק.

— כ'האָב שוין דאַכט מיר געזאָגט אַז וועגן ראַטעווען האָט ער גאָרנישט געזאָגט! סיידן דו מיינסט אַז דערמיט וואָס מיר וועלן געבן צען ווערן מיר געראַ־טעוועט ביז דעם צווייטן מאָל געבן.

אַזוי האָבן זיך געאַמפּערט די מיטגלידער פון דער קהילה אָנפירונג. די לעצ־טע אָנפירונג פון דער לעצטער בעלצער קהילה. נאָר איינער האָט געשוויגן. גע־רופן האָט מען אים שמערל שוחט. נישט ווייל ער איז געווען אַ שוחט, נאָר דאָס איז געווען זיין נאָמען. געווען איז ער אַ שניידער. אויפגערופן צו דער תורה פלעגט מען אים שמריהו בן שמריהו, זיין פאָטער איז געשטאָרבן פאַר זיין געבורט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין אייגענעם טאַטן. סע געשעט נישט אָפט, אָבער סע געשעט. געוואַקסן אַ יתום, די מוטער האָט זיך מיט אים אָפּגעמוטשעט ביז ער איז אונטערגעוואַקסן און זי האָט אים געקאָנט אָפּגעבן אַלס לערנייננגל צו אַ שניידער. ווייזט אויס אַז דערמיט האָט זי געהאַלטן איר חוב אַ פאַרענדיק־טן, האָט זי געגומען און אויך געשטאָרבן. אַ סך צייט אויף לערנען האָט שמערל נישט געהאַט, כאָטש אַזוי איז אים נישט געבליבן פרעמד נישט תנ"ך, נישט ש"ס, אַפילו נישט פּוסקים.

דו קאָרעסל, זאָגט צו מיר דאָס שוויַיגנדיקע ייִנגעלע, מוזסט זיך איַין אים דערמאָנען. ער איז געווען פון די וועלכע פלעגן שווימען גאָזנדיק און אויף אייער קיצל נישט רעאַגירט. אפשר גערענקסטו איין איינעם א הייסן טאָג האָט איר זיך אָנגעזאַמלט ארום אים כמעט א מאה, און גאָרנישט, גלייך נישט אים מיינט מען. פאַרקערט, ער האָט געפּרואווט מיט אייך פאַרפירן א שמועס וועגן דעם אַז דעמלט ווען איר קומט פרייטיק-צו-נאַכט אויפן טיש געפּולטע איז עס פאַר אייך א תיקון. א פרומער געווען שמערל, זייער א פרומער, נישט א פרומאַק. א פרומער פאַר זיך און זיין הויזגעזינד. ווען ער איז געוואָרן מיט לייטן גלייך, צונויפגעשטעלט א משפחה, האָט מען אים אָנגעהויבן אָפּגעבן כבוד. דערפאַר איז ער געווען צווישן די אויסגעקליבענע. געשוויגן האָט ער ווייל אים איז נישט געווען קלאָר צו וואָס סע טויג דער שמועס, אַז פון געבן, דאָס הייסט פון שרייבן מיט די אייגענע הענט „מי במות" קאָן קיין רייד נישט זיין איז אים געווען קלאָר. פאַרשטיין האָט ער געוואָלט דעם זין פון זיי הייסן שרייבן. וואָס דאַרף דער ימח-שמוניק אַז צוועלף יידן זאָלן צוזאַמענשטעלן א ליסטע פון צען יידן וועלכע זאָלן גיין צום טויט. ווער האָט אים דאָס אונטערגעזאָגט און וואָס איז דערמיט דער מיין. אַזאַ געדאַנק האָט אים געמוטשעט און ער האָט געבעטן דעם אלמעכטיקן ער זאָל אים אַנטפּלעקן דעם סוד. ווייל ווי נאָר דער סוד וועט אים אַנטפּלעקט ווערן, וועט דאָס אַמפּערן זיך נעמען אַן ענדע. כל זמן מע אַמפּערט זיך הייסט עס אַז ערגעץ שפּראָצט א געדאַנק אַז ס'איז פאַראַן אויך א מעגלעכקייט פון זאָגן יאָ, און חס וחלילה זיך נעמען שרייבן. שווער איז ביז מע לאָזט זיך פאַרנאַרן פון ווער ווייסט וועלכע האָפענונגען און מע שרייבט דעם ערשטן נאָמען; האָט מען זיך געלאָזט פאַרנאַרן, האָט מען נאָכגעגעבן דער מענטשלעכער שוואַכקייט און אָנגעשריבן נאָר איין נאָמען איז מען פאַרפאַלן. ניין, נישט א גאַנצן נאָמען, נאָר אפילו איין און איינציק אות. דאָ טאָר דער אלעף נישט אַרויסגערעדט ווערן. אלעף קאָן הייסן גאָרנישט, סע קאָן אָבער אויך הייסן אברהם, איינשטיין, אלטמאַן, אַפּעל, איידלמאַן, אייזנבערג, אווערבוך, אבערמאַן, אלבערטאָן, אבראַמאָוויטש און דערמיט זיך פאַרוואַנדלען אין אָך און ווי. אפילו צו אַגריש טאָר עס נישט קומען. צו גאָרנישט וואָס לעבט און וואַקסט אונטערן הימל. לאָזט מען זיך אָפּנאַרן און מע שרייבט איין און איינציק אות קומט עס צו דינגען זיך: האָסט געשריבן אַן אות און ס'איז דיר גאָרנישט געשען, שרייב זשע דאָס צווייטע, נישט מער ווי נאָך איינס. און דאָ קאָן קיין רייד נישט זיין פון דינגען זיך, דאָ גייט איין שוויַיגן, שוויַיגן ביז מסירת נפש, א שוויַיגן וואָס איז כולל, וואָס שליסט איין, מסירת נפש.

— נו, וואָס טוט מען? די פראַגע האָט אים אויפגעוועקט ווי פון א טיפן שלאָף.

— די צייט לויפט, געבליבן זענען נישט מער ווי צען מינוט.

„צען מינוט אויף שלום צו מאכן מיטן געדאנק איז שרעקלעך ווייניק, האָט געטראַכט שמערל. וויל מען אַז אַלץ זאָל זיך אָפּוויקלען כשורה, אַז גיין זאָל מען זוי מענטשן, דאַרף מען האָבן כאָטש צען מינוט. וואָס זענען צען מינוט אויף זיך אָפּצוגעזעגענען מיט ווייב און קינדער, מיט אַלע באַקאַנטע, מיט דער שטאָט, מיט א לעבן וואָס מ'האָט זיך געמוטשעט צו פירן אַזוי ווי ס'איז געבאָטן, נישט פאַרשעמען און נישט פאַרשעמט ווערן, וואָס זענען צען מינוט וועגן חשבון הנפש. ס'איז ווייניקער ווי ווייניק און דאָ האָב איך אויף מיין פראַגע נאָך קיין ענטפער נישט געקריגן, נישט געפונען. אַלע טענהן, יעדער זאָגט עפּעס, מע זוכט מיט אַזאַ שפּאַנונג אַז די אָדערן זענען גרייט צו פּלאַצן, די געהירן האַלטן ביי אויפרייסן און איך געפין נישט דעם ענטפער".

— שמערל, וואָס שווייגסטו? דו ביסט מחוץ למחנה? פאַר דיר דאַרפן זיך אויסשטעלן אַנדערע? דו ביסט דאָ דער איינציקער צדיק?

— וואָס פעלט אייך איין? ס'איז דען אַ צייט פאַר ווערטלעך? איך טראַכט נאָר פאַרוואָס דאַרפן צוועלף אויסקלייבן צען? זאָל דאָס האָבן אַ מיין? זאָל דאָס נישט אַמאָל הייסן אַז מיר צוועלף פאָרשטייער פון כל ישראל, פון אַלע יידן וועלכע שטאַמען פון אַלע צוועלף שבטים ווערן געשטעלט פאַר דער פראַגע אַז ברענגענדיק צום קרבן צען יידן זאָגן מיר זיך אָפּ אין נאָמען פון כל ישראל פון די עשרת הדברות, פון די צען געבאָט וואָס זענען איינס, וועלכע זענען אַזוי פאַרבינדן צווישן זיך אַז זיך אָפּזאָגנדיק פון איין געבאָט זאָגט מען זיך אָפּ פון אַלע? מע וויל פון אונדז מיר זאָלן אין נאָמען פון פאָלק עובר זיין אויף דעם געבאָט, לא תרצח? אויב דאָס וויל ער דער רוצח וואָס איז זיך צו אַמפּערן? לאָ־מיר בעסער אַ טראַכט טאָן וועגן דעם אַז ס'איז צייט. צען מינוט איז זייער ווייניק צום אָפּגעזעגענען זיך און איינצייטיק שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז מיר זענען זיך פאַר קיינעם נישט מקריב. נישט מיר קאָנען באַשטימען „מי בחיים ומי במות". און נישט מיר ווילן דאָס. דאַרפן מיר גיין מיט אַ שמייכל. העלף זשע אונדז מיר זאָלן דאָס קאָנען.

ער האָט נישט געזאָגט העלף אונדז גאָט ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון קידוש השם. שמערל שוחט, דער שניידער, איז געווען איבערצייגט אַז אַלע די וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט פייער און וואַסער האָבן נישט גע־טראַכט צו קידוש השם, נאָר צו זייער אייגענעם שמייכל, זיי זאָלן אימשטאַנד זיין בייצושטיין דעם לעצטן נסיון מיט מענטשלעכער ווערדע.

אַז ס'איז אַזוי האָט געענדיקט זיין דערציילעכץ דאָס שווייגנדיקע יינגעלע וועט מען קאָנען פעסטשטעלן אויף דער פאָטאָגראַפיע וואָס דער קאָמענדאַנט פון די פרעמדע האָט אָפּגעקניקסט דריי מינוט פאַר דעם באַפעל: פייער!

אָט דאָס איז מײַן װײ װעלכן כ'האָב דיר געװאָלט אָנפאַרטרױען גרױסער באַליק, דיר װאָס לעבסט הונדערט מאָל מער פון אונדז קלײנע קאָרעסלעך, װאַנ־דערסט נישט נאָר אין זיסע װאַסערן נאָר אױך אין אומענדלעכע אָקעאַנען. אױב דו האַלטסט אַז ס'איז װערט און כדאי טראָג אים איבער דער װעלט.

מאָטל

זיצט מען ביים ברעג ים ווען ער אָטעמט רואיק, ברענגט יעדע כוואליע א מעשהלע, א שטיל געשעעניש. זעען אוים אייביק אי די כוואליעס, אי די מעשה־לעך. פארגנבעט זיך א כוואליע אין זכרון, גיט א מיש, וואקסט אוים מאָטל און מיט אים די פראגע: זאָל אויך מאָטל זיין אייביק? מאָטל מיט דער פּאָכליאָב־קע אייביק? זאָל אין דעם ליגן דאָס נישט פארשטענדלעכע?

אָפּגענארט האָט מאָטל מיט זיין אויסזע. א פּנים אויבן ברייט מיט פּראָע־מינענטע באקן־ביינער, אונטן שמאָל, גרויסע ־כמעט קרענקלעך גרויסע אויגן, א קארטאָפליע נאָז, עטוואָס איינגעבויגן. גערעדט האָט ער אין גאנצן צוויי ווער־טער: „די פּאָכליאָבקע!‟ די ווערטער האָבן אָנגעזאָגט אז דער קעסל מיטן הונ־גערפּאַרעכץ איז געקומען און מע דארף זיך אויסשטעלן אין א ריי אויף צו באקומען א לעפל שיטערן זופּ. האָט מען זיך אויסגעשטעלט אין א ריי, מאָטל האָט מיט גרוים כונה אויסגעטיילט יעדן א פּאָרציע — א פולן קאָך־לעפל. מאָטלס האנט האָט זיך באוועגט מיטן לעפל אזוי אז סע זאָל נישט פארלוירן גיין קיין איין טראָפּן פון מוטנעם לעבלעכן וואסער. קיינער האָט נישט געקאָנט פירוואַרפן מאָטלען אז ער האָט אים אמאָל באַוולט. דאָס האָט מען צוגעשריבן א נאטיר־לעכער געשיקטקייט אזא, ווייל מער ווי אזוי פיל האָט מען דעם פּשוטסטן פון אלע פּשוטע נישט געקאָנט צושרייבן. קיינעם איז נישט איינגעפאלן אז די באַ־וועגונג מיט דער האנט חזרט ער די גאנצע נאכט אין דמיון. דער געדאנק אז א פארלוירענער טראָפּן וואָלט געקאָנט זיין דער וואָס זאָל גורם זיין א הונגער־טויט האָט אים געמוטשעט טאָג און נאכט. נאָך פון די ערשטע טעג זיין אין לאגער האָט מאָטל זיך איינקוקנדיק צום עולם וואָס ארום, פאר, אין צייט און נאָך דעם פארטיילן די פּאָכליאָבקע, פארשטאנען אז אין אָט דעם מוטנעם לעבלעכן וואַ־סער ליגט דער סוד פון איבערלעבן. אָט דאָס פארעיפּושטע עסן מוז מען פאר־דייען אין גאנצן, יעדער טראָפּן דערפון איז א טיילעכל פון ווייניקער פון ווייניקסטן

וואָס וואָלט געקאָנט דערהאַלטן דעם אָטעם אין א ביז גאָר אָפּגעשוואַכטן גוף. יעדער טראָפּן מוז געהאַלטן ווערן אין מויל, אין ווײַט, אין מאָגן און אין די קישקעס אזוי לאַנג ווי מעגלעך כדי פון אים ארויסבאַקומען אַלץ וואָס מע קאָן און מע מוז פון אים ארויסזויגן; אז א טעות האָבן, זיך באַציִען גלייכגילטיק צום פאַרטײלן די פּאָכליאָבקע הייסט גרינגשעצן מענטשלעכע לעבנס. נישט באַהערשן די האַנט, א ציטער, צי גאָר פּשוט נישט אויפמערקזאַמקייט, אַנטהאַלטן אין זיך די מעגלעכקייט אוועקצונעמען פון איינעם יענעם טראָפּן וועלכער באַ-שטימט זײַן גורל פון אויסהאַלטן די שווערע צײַט, פון איבערלעבן און דערמיט קאָן דער וועלכער פאַרטײלט די פּאַכליאָבקע אומבאַוואוסטזיניק גורם זײַן דעם טויט. זאָל זײַן נאָר מיט א טאָג, מיט א שעה אָדער מיט א מינוט פריער, און שוין נעמט ער אויף זיך דעם שטעמפּל פון קין. געבן ווייניקער מיט א טראָפּן איז עלעהיי דערלאַנגען מיט דער האַק. דערפאַר האָט מאָטל געהאַלטן אז דאָ, אין לאַגער, איז פאַרטײלן די פּאַכליאָבקע די גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. געפאַלן איז זי גראָד אויף אים און ער האָט זי געטראָגן ווי דעם שווערסטן יאָך. דער געדאַנק אז ער וואָלט געקאָנט עמעצן באַאומרעכטיקן מיט א ציטער פון דער האַנט האָט אים אזוי געשראָקן אז א גרויסן טייל פון דער נאַכט האָט זיך דער שלאָף נישט געקלעפּט צו זײַנע אויגן. נאָך דעם פאַרטײלן דעם מוטנעם זופּ פלעגט ער ווישן דעם שווייס פון פּנים מיט ביידע הענט. ארומגעמען מיטן בליק דעם עולם און פעסטשטעלנדיק אז אויב סע זענען פאַראַן תרעומות מיינען זיי נישט אים, זיך צוזעצן אויפן פּריטש. תרעומות קעגן דעם אַלגעמיינעם גורל האָבן געמיינט נישט אים נאָר די צײַט אין וועלכער מע לעבט, האָבן געמיינט דעם רעגן אָדער דעם פראָסט, די היצן אָדער די שלעק וואָס מע קריגט אָן א פאַרוואָס, האָבן געמיינט: אוי מאַמעניו, אויף וואָס פאַר א וועלט האָסטו מיך געבראַכט. אַזעלכע תרעומות האָט אויך ער געקאָנט טראָגן אין זיך, איז עס נישט געווען זײַן טבע.

דאָס איז געשען אין א לאַגער פון דרום פראַנקרייך — אין גורס.

אין א פרימאָרגן האָט מען געטריבן מיט שלעק, געשריי און געביל א טייל פון די לאַגערניקעס אין א ליידיקן באַראַק, פון דאָרט האָט מען זיי אָפּגעפירט אויף לאַסט-אויטאָס צום נאָענטן וואָקזאַל, זיי אָנגעלאָדן אין וואַגאָנען, אויס-געלאָדן אין האַפן פּאָרט-וואַנדרע, אויפגעלאָדן אויף א שיף, אָפּגעלאָדן אין אָראַן, געפירט אין קייטן ביז דער באַן, אָנגעהאָדעוועט מיט פּעטן קוש-קוש געשמירט מיט ריצנאייל, אָנגעלאָדן אין פאַרמאַכטע פראַכט-וואַגאָנען, די באַן האָט זיך געשלעפּט דריי טעג, צוערשט אויף מזרח ביז סידי-בעלאַבעס, פון דאָרט אויף דרום ביז דער לעצטער באַן סטאַציע — דזשעלפאַ. אָפּגעלאָדן פון די וואַ-

גאַנצן האָט מען ווידער געטריבן אַ שעה אָדער ווייניקער, פּאַרפירט אין אַ וואַדי — אַ שמאָלער בלאָטיקער טאָל אזא. דער באַרג אויף לינקס איז געווען באַשאָטן מיט שטיינער — אַ מוסלעמישער צווינטער; דער אויף רעכטס ארומגערינגלט מיט שטעכל דראָט — דער לאַגער.

דאָ האָט מאָטל מער נישט אויסגעטיילט דעם שיטערן זופּ, דעם קאָך-לעפל האָט איבערגענומען אַן אַנדערער; אַזוי אַז אויך די צוויי ווערטער האָט ער מער נישט ארויסגערעדט.

קאָמענדאַנט פון לאַגער איז געווען אַ פראַנצויז. ווען ער פלעגט זיך ביי-זערן האָבן זיך זיינע נאָז-פליגעלעך צוריקגעצויגן אַזוי אַז דער נאָז-שפּיץ איז געוואָרן שפּיציקער. מאָטלען האָט זי — די נאָז — דערמאָנט אין כמעלניצקין. ער האָט נישט געוואוסט, אָדער נאָך נישט געוואוכט, אַז אַזעלכע איז זי אויך געווען ביי וואָלטערן ווען ער פלעגט ארויסזאָגן שונא-ישראלדיקע געדאַנקען. די געדאַנקען פלעגט ער ארויסזאָגן ווען ער האָט זיך געבייזערט אויפן בוך וואָס האָט אים געשטערט צום אויפקלערן די וועלט. אַזוי ווי אויסלאָזן זיין כעס נאָר צום בוך האָט ער נישט געקאָנט, האָט ער דאָס געטאָן אויך לגבי די וועלכע מ'האָט געהאַלטן אַלס טרעגער פון בוך.

אויף דעם מיט שטעכל-דראָט ארומגערינגלטן באַרג זענען געווען אויפגע-שטעלט געצעלטן, מאָדנע געצעלטן — אונטן קיילעכדיק האָבן זיי זיך געהויבן זוי קאָנוסמעסיקע סטעגעלעך היי. די היץ איז געווען גרוים ווייל דזשעלפאַ גע-פינט זיך אויף דער דרום זייט אַטלאַס-באַרג, דאָרט וואו זיי נידערן ביז זיי פאַר-לירן זיך אין דעם סאַהאַראַ מדבר. ביי טאָג האָט געטרוקנט דער גומען. די לופט האָט געברענט. דאָ איז די פּאַכליאָבקע נישט געווען אַנדערש ווי אין גורס. דער קאָמענדאַנט האָט אַנטדעקט אַז פון צונעמען ניין צענטל פון דעם וואָס מע וואָלט געדאַרפט געבן די עטלעכע הונדערט געפאַנגענע קאָן מען נישט רייך ווערן. ווען זיי זאָלן אַרבעטן וואָלט דער רווח געוואַקסן. האָט ער פאַר זיי געפונען אַרבעט און באַשטימט פרייזן. די אַרבעט איז באַשטאַנען פון פלעכטן קוישן און זעק פון אַלפאַ-גראָזן. דאָס גראָז איז שטעכיק, אָבער אַ שטיקל ברויט איז מער ווי אַ קאָך-לעפל פּאַכליאָבקע. געפלאָכטן האָט מען שטרייפן און פון די שטרייפן האָט מען געניייט זעק און קוישן. אין לאַגער האָט מען נישט מער ווי גע-פלאָכטן די שטרייפן. פאַר פופצן מעטער לענג פון שטרייף האָט מען געקריגן אַ פערטל ברייטל, פאַר דרייסיק אַ האַלבס. ווער ס'האָט געקאָנט אויספלעכטן זעכ-ציק מעטער האָט באַקומען אַ גאַנץ ברייטל.

מאָטל פלעגט אויספלעכטן יעדן טאָג זעכציק מעטער.

צונעשריבן האָט מען דאָס זיין נאַטירלעכער געשיקטקייט און אביסעלע זיין אפּעטיט.

וויניק, זייער ווייניקע זענען געווען די וואָס האָבן געוואוסט אז נישט נאָר דער אפּעטיט טרייבט אונטער מאָטלען אין זיין ארבעט. דאָס זענען געווען די וועלכע האָבן אָפט געהוסט, דער שטויב פון אלפּא-גראָז האָט זיי פארבאָטן פלעכטן און מאָטל פלעגט זיי אונטערטראָגן איין מאָל אין צוויי טעג א פערטל, צו מאָל אפילו א האלב ברייטל.

מאָטל האָט זיך כמעט ווי פארחברט מיט די גראָזן. דאָס געפלעכט איז פאר אים געווען א לעבעדיקער שמועס. ביי די גראָזן פלעגט ער זיך אָנפרעגן וועגן דעם וואָס סע הערט זיך אויף יענער זייט בארג, אויף די פעלדער, מיט וואָס געבן זיך דאָרט אָפּ מענטשן איידער מע ברענגט זיי אויף א מטה צום אנטקעגנ-דיקן בארג און די צאָל צעוואָרפענע שטיינער וואקסט מיט נאָך איינעם. מיט דעם אויסגעפלאָכטענעם שטרייף פלעגט ער שיקן א גרוס דער וועלט וואָס אויף יענער זייט בערג. ער פלעגט באגלייטן די קוישן ביז אין די ווייטע אָאזיסן וואו זיי וועלן אָנגעפולט ווערן מיט טייטלען און פייגן און פון דאָרט אויפן וועג צו-ריק אָנגעלאָדענע אויף קעמלעך, אין וואגאָנען און שיפן ביז צו די קינדער-לעך וועלכע וועלן זיך מיט זיי פרייען חמשה עשר און ל״ג בעומר. דער ריח פון אָט די קינדער יום-טובים איז געבליבן פריש אויך אצינד ווען די לופט האָט געברענט און דער שטויב איז געקראָכן אין די לונגען.

געפאנגענע אין לאַגער זענען געווען עטלעכע הונדערט, די מערהייט יידן. אז זיי זענען יידן פלעגט זיי אָפט דערמאָנען דער קאָמענדאנט פאר וועלכן סתם יידן האָבן נישט עקסיסטירט. זיי האָבן געמוזט זיין שמוציקע, לייזיקע, פאר-שיווע, מנוולים, געמיינע, הינטישע. כדי זיי זאָלן דאָס נישט פארגעסן פלעגט ער זיי וועגן דעם דערמאָנען יעדן טאָג, אָפטמאָל מיטן בייטשל — זיין שטענדי-קער באגלייטער. ער איז אויך געווען דער קאָמענדאנט פון גאנצן קאנט און דער איינציקער באלעבאָס איבער דעם גורל פון די בלעד איינוואוינער. בלעד רופט מען דאָ קליינע אָרטשאפטן. אזא אָרטשאפט איז אויך דזשעלפא. אין דזשעלפא איז אויך געווען א יידישע קהילה. דערוואוסט האָט מען זיך וועגן דעם אויף א מאָדנע אופן. אין א טאָג האָט דער קאָמענדאנט געלאָזט רופן איינעם א געפאנגענעם מיטן נאָמען זאלצמאן — א ייד וועלכן ס׳איז געלונגען צו בלייבן הויך און כמעט שטאָלטנע אפילו אין לאַגער. געווען אזעלכע פאלן. געזאָגט האָט ער אים: „דיינע היגע מיטגלייביקע ווילן זיך מיט דיר באקענען". א סאָנ-טינעל האָט שוין געוואַרט און זאלצמאן איז אוועק אין שטעטל. די ידיעה האָט זיך פארשפרייט ווי א בליץ — א קאלטער בליץ אזא וואָס לאָזט צו פיל וואַרטן

אויפן דונער. ווען זאלצמאן איז צוריקגעקומען האָט ער מיטגעבראכט פאר זיך א טיטל: דער פאָרשטייער פון די לאגער-יידן ביים רב פון שטעטל.

אזוי איז געשען אז פון צייט צו צייט זאָל זיך זאלצמאן אומקערן פון זיינע וויזיטן אין שטעטל באגלייט נישט נאָר פון וועכטער, נאָר אויך פון א קליין אייזעלע אָנגעזאָטעלט מיט צוויי אלפא קוישן, פולע מיט טייטלען, פייגן און אנ-דערע פרוכטן. אויך מאָטל קריגט זיין חלק פון די לאקעטקעס. דעמלט איז דער שמועס מיט די אלפא-גראָזן געוואָרן א זייער קאָמפּליצירטער. ס'האָט זיך אים געוואָלט דערגיין, פאַרשטיין, זיך פאָרשטעלן ווי אזוי איז דעם רב געלונגען ארויסבאקומען פון קאָמענדאנט — דעם רשע-מרושע — די דערלויבעניש מיט עפּעס ארויסצוהעלפן די געפאנגענע. א טייטל איז אפשר נישט קיין סך — צו מאָל איז אזוי פיל אויסגעפאלן אויף יעדנם חלק — אָבער א פרוכט וואָס דער-ציילט וועגן מענטשן וואָס לעבן אויף יענער זייט בארג און דערצו וועגן דעם אז זיי האָבן אין דיר נישט פארגעסן איז דאָך נישט צוצולאָזן. דער קאָמענדאנט ווייסט דאָס פונקט ווי די געפאנגענע, אים איז קלאָר וואָס פארא כוחות סע טראָגן אין זיך אזעלכע פרוכטן, ווי אזוי זשע האָט ער דערלאָזט דערצו? דער רב האָט אים געשענקט א מתנה. מעגלעך, אָבער אזא איינער ווי דער קאָמענדאנט באגנוגט זיך נישט נאָר מיט א מתנה. ער מוז דערצו באליידיקן, שעלטן, שרייען, שלאָגן מיט זיין קורצער בייטש, ער מוז דערפירן ביז פאלן אויף די קני, ביז קושן די שטי-וול. זאָל דער רב געמוזט האָבן אויסשטיין אָט די אלע דערנידערונגען, כדי קאָ-נען ארייַנשיקן א פּאָר טייטלען? וואָס פארא כח איז דער וועלכער האָט אים באַ-וואויגן און געהאָלפן אויסצושטיין דאָס אלעם?

ביי דעם געדאנק פלעגט מאָטל פילן די ביטערקייט וואָס ליגט אין די זיסע פרוכטן.

זאלצמאן דערציילט: כ'האָב געזאָגט דעם רב ער זאָל מותר זיין אויף זיין אופן. דאָס וואָס ער זאמעלט ביי דער קהילה און שיקט אהער דארף זיין נאָר פאר גלייביקע, נישט פאר אלעמען אָן שום אונטערשייד, האָט ער געענטפערט מיט א פראגע. „זיי זענען יידן?‟ זאָגן אז נישט יידן האָב איך נישט געקאָנט, אָבער אז זיי זענען נישט גלייביקע בין איך צוגעשטאנען און דערצו, האָב איך אים געזאָגט, טיילן זיי דאָס וואָס מע באקומט מיט אזוי פיל מי פון דער יידישער קהילה מיט זייערע חברים די נישט יידן. „צדקה פון צדקה‟, האָט אויפגעלויכטן דער רב און אויף מיר האָט ער אזא קוק געטאָן אז כ'האָב וועגן דעם אויפגעהערט רעדן.

אזוי האָט דערציילט זאלצמאן און מאָטל האָט געוואָלט געפונען אן ענטפער ביי זיין סנאָפּ אלפא-גראָזן — גראָזן וואָס וואקסן דאָ זינט די ערד איז באשאפן דארפן וויסן אלץ וואָס דאָ געשעט, ווייל וואקסן זיי נאָענט צו דער ערד

זייערע וואָרצלען זענען טיף באַגראָבן אין איר, ביי אָט די גראָזן האָט ער גע־וואָלט דערגיין, זיי, האָט ער געוואָלט, זאָלן אים דערציילן, אַנטפּלעקן דעם מהות פון דעם מין רב. וואָס איז ער פאַרא מענטש, צי האָט ער זיך באמת געמוזט דערנידעריקן כדי אַרויסרייסן פון קאָמענדאַנט די דערלויבעניש אַריינצושיקן אביסעלע טרייסט אין גהינום. דאָ איז מען ווייט פון דער היים, פון בעסאַראַבער שליאַכן, פון פּראָסטע האָרעפּאַשניקעס וועלכע ווייסן ווי אַזוי צו היטן זייער ווערדע, וועלכע טרעטן נישט אָפּ פון כבוד, א כבוד אַזעלכן ווי זיי פאַרשטייען. אָבער ווי זעט ער אויס דאָ אין אָט די ווייטע קאַנטן אין וועלכע ער האָט אפילו נישט געוואוסט אַז סע געפינען זיך יידן, און אויב יאָ דאַרפן, מוזן זיי זיין אַנדערע ווייל פון יענער זייט הרי חושך מיינט מען מסתמא דאָ, אויף דער זייט אַטלאַס בערג, מיינט מען מסתמא דאָ וואו סע מוז ערגעץ א באַהאַלטענער רינען דער טייך סמבטיון. האָט ער געפלאָכטן לאַנגע שטרייפן פון שפּיציקע, שטעכיקע אַלפאַ־גראָזן, זיך צוגעהערט צו זייער שאָרך, געפּרואווט אויפכאַפּן דעם מינ־דסטן שאָרך אפשר וועט ער אים מגלה זיין דעם סוד. וואָלט ער באַקומען אַן ענט־פער וואָלט דער טייטל באַקומען זיין אמתן טעם, וואָלט פאַרשווינדן דער ביטער־לעכער גאָכטעם...

*

איין מאָל — געשען איז עס נאָך יום כיפור, נאָך דעם וואָס דער רב האָט אַריינגעשיקט אין לאַגער א גרויסע צאָל כשר אָפּגעקוילעטע הינער, גלייך אַלע וואָלטן האָבן געשלאָגן כפרות, גלייך אַלע די פון לאַגער זאָלן געוועזן זוכה זיין דער האָן זאָל מיט זיך אָוועקטראָגן זייערע זינד, — האָט דער קאָמענדאַנט גע־זאָגט זאַלצמאַנען: „גייסט אין שטאָט, נעם מיט דיר צוויי טרעגער, קיין אייזעלע וועסטו היינט נישט געפונען“. איינער פון די צוויי איז געווען מאָטל, אַזוי איז געשען ער זאָל זען דעם דזשעלפער רב. א פשוטער ייד, מיט א קורצער שוואַרצער באָרד אויף א טונקלהויטיק פנים. גערעדט האָט ער געלאַסן, געציילט די ווערטער כדי זאַלצמאַן זאָל אים פאַרשטיין ווייל זיי האָבן נישט אַרויסגעבראַכט די ווער־טער אויף דעם זעלבן אופן, די וואָס זענען ביי זאַלצמאַנען געווען מלופּימדיק זענען ביים רב געווען קמצדיק, און די וואָס ביי זאַלצמאַנען קמצדיק ביים רב פּתחדיק. אַזוי האָבן זיי גערעדט א צייט ביז זאַלצמאַן האָט ווידער דערמאָנט אין די נישט גלייביקע. ער האָט דעם רב נישט געקאָנט מוחל זיין דאָס געשעענע ערב יום כיפור. דעם רב׳ם ווערטער זענען געוואָרן נאָך געלאַסענער און דער בליק א רחמים בעטנדיקער. מאָטל האָט פאַרשטאַנען אַז די מיטלייד איז א צווייענדיקע: דאָס האָט ער רחמנות געהאַט אויף די באַשעפענישן וואָס ליידן און אויך אויף

די וואָס האָבן נישט קיין פאַרשטאַנד פאַר די ליידן פון מענטשלעכן באַשעפעניש. איז אָבער זאַלצמאַן ווידער באַשטאַנען אויף זיינעם. דעמלט האָט דער רב געענטפערט: „פאַר מיר זענען אַלע מענטשן ווערט מע זאָל זיך מקריב זיין זיי צו ראַטעווען. פאַר אייך נישט?“

די פראַגע איז באַגלייט געוואָרן פון אַ בליק וואָס האָט מאָטלען איבעראַשט און באַרואיקט: דער רב איז געווען באַשאָנקען מיט דעם זעלביקן בליק וואָס איז געשענקט געוואָרן דניאלן אין דעם גרוב מיט לייבן, אַ בליק צום צאַמען ווילדע חיות. דעמלט האָט ער אויך פאַרשטאַנען אַז פאַר דעם רשע האָט דער רב אויף די קני נישט געדאַרפט פאַלן. ס'איז געווען גענוג זיין בליק.

דער רב האָט געקוקט צו די צוויי באַגלייטער, אַביסעלע מער אויף מאָטלען. ער האָט געהערט וועגן בעל־שם, וועגן לאַמעדוואָווניקעס וואָס לעבן אין די וועלדער פון צפון לענדער. קוקנדיק אויף מאָטלען האָט זיך אים געדאַכט אַז אַזוי האָבן זיי אויסגעזען און אַזוי טיף איינגעהילט אין תמימות האָט געדאַרפט זיין זייער איבערגעגעבנקייט צו מענטשן.

*

על נהרות בבל... זיצט מען ביי די ברעגעס פון טייכן אָדער פון ים, צי גאָר אויף די שפּיצן פון הויכע בערג קאָן מען זיך דערציילן מעשהלעך אָן אַ שיעור...

עולם-הבא

טשיקאווע. א גאנצע וועלט האלט אז א ייד שרעקט זיך פאר א הונט. אפילו מער אָדער ווייניקער אָנערקענטע משלים שרייבער זענען ביי דער מיינונג. טשיקאווע איז עס מיט דעם וואָס סע זעט אויס צו זיין אמת. ביי אלע אנדערע פעלקער פארנעמט דער הונט דאָס פלאץ פון מענטשס געטרייסטן דינער, פון זיין נאָענטסטן פריינד, נאָר יידן שרעקן זיך פאר אים. דער שכל-הישר זאָגט אז אויך ביי יידן האָט מסתמא דער הונט פארנומען אזא פלאץ. והא ראיה, האָט דאָך דער שאפער פון יידישער רעטאָריק געטראָגן דעם נאָמען כלב בן יפנה. די שרעק פאר הונט איז ווייזט אויס א שפעטערדיקע, זי שטאמט ווייזט אויס פון יענע צייטן ווען פריצים האָבן געכאָוועט הינט און זיי גערייצט אויף יידן. פריער האָבן זיך יידן פאר הינט נישט געשראָקן. אזוי אז סע וועט קיינעם נישט וואונדערן א הונט זאָל זיין דער גורם פון פארזיכערן א מענטש מיט עולם-הבא.

געשען איז עס אין יענע צייטן ווען הינט זענען געוואָרן די שרעק נישט נאָר פון יידן נייערט פון יעדן מענטשלעכן באשעפעניש וואָס האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן טרעטן פון יונקער-שטיוול, באפוצט מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער, און אָדלער איבערן דאשעק און צוויי סאמעכן אויפן ארבל; אין יענע צייטן ווען א גרויסע טייל פון דייטשן פאָלק איז ארומגעגאנגען באנלייט פון וואָלף-הינט און גרייט געווען זיי אָנרייצן אויף אבי וועמען. ווי אויסטערליש סע זאָל נישט אויסזען איז דאָס וויטערע געשען דווקא מיט א דייטש.

ווילי איז געווען איינער פון די איבער טויזנט געפאנגענע, אָבער דער איינציקער וואָס האָט דערמאָנט אין פאָפעי. דערמיט האָט ער דערוועקט אן אפעטיט פאר כל ערליי גראָזן און קרייטעכצער ביי די איבעריקע געפאנגענע. די געפאנגענע זענען געפירט געוואָרן אויף ארבעט. געגאנגען זענען זיי געווינטלעך צו דער ארבעט מיט דעם זעלבן חשק ווי דעמלט ווען מ'האָט זיי צוריקגעבראכט אין לאגער. צוריק זענען זיי געקומען אביסעלע מידער, אביסעלע אויסגעמאטער-

מער, אביסעלע אפגעמאָגערטער, אביסעלע מער פארשוואַרצט. נישט קיין סך ווייל פאר א סך איז קיין פלאץ נישט געבליבן. זיי זענען שוין אזוי אויך געווען געווען אויסגעמאטערט, אָפּגעמאָגערט, פארשוואַרצט. דאָס ביסעלע מער האָט געקאָנט באמערקן נאָר א געניט אויג און געניטע אויגן האָבן נישט געפעלט אפילו אין לאגער. כאָטש .. כאָטש ווען מענטשן זענען א לענגערע צייט צוזאמען, גאנ־צע טעג און נעכט, באמערקן זיי שווערער די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אויף פנימער, דאָס גרויען פון האָר, דאָס איינפאלן פון באקן, דאָס מערן זיך פון קנייטשן, דאָס אויספאלן פון ציין, דאָס שפּיצן זיך פון נעזער, דאָס פארטיפן זיך פון אויגן-לעכער, דאָס ברייטערן זיך פון שטערנס, דאָס שמאטעדיקערע הענגען פון ליטקעס, מיט איין וואָרט דאָס פארוואנדלען זיך פון מענטשן אין אויך-מענטשן.

איז געקומען דער זומער מיט די דאָרטיקע שרעקלעכע היצן, האָט מען פון זיך געוואָרפן שמאטעס ביז אין פארדראָטעוועטן פירעק האָט מען געזען נישט מער ווי גאטקעס. דעמלט איז אויך ווילי ארויס פון די שמאטעס און ארויסגע־שטארצט פון די גאטקעס ווי פּאָפּעי: הוילע ביינער, נאָר די הענט אין א משונה־דיקן קאָנטראסט מיט זיין אויסגעדארטן גוף — פון די עלנבויגנס אראָפּ גראָבע, מוסקלדיקע. אזוי איז געקומען אויפן געדאנק אז כוחות וואָלטן געקאָנט פארשאפן אויך אנדערע גראָזן, נישט נאָר שפּינאט. דערפאר ווייזט אוים קומט א טייל פון די וואָס גייען ארוים אויף ארבעט מיט בינטעלעך גראָז אין די הענט. קיין סך גראָזן געפינען זיך נישט אין דער געגנט. דער קאנט איז אן אָפּגעברענטער, א פארשרפעטער, זעלטן וואו א גרעזעלע און דאָס אן אויסגעטרוקנטס, נישט צום עסן, כאָטש אזוי רייסט מען די זעלטענע גרעזעלעך, ברענגט מען זיי אין לאגער מיטן געדאנק דערפון עפּעס אָפּצוקאָכן. קאָכט מען, פארזוכט מען און מע שפּייט. דאָס שפּייען הייסט נישט אז מ'האָט אין גאנצן פארלוירן דעם בטחון, פארקערט, מע ברענגט אויך דעם צווייטן טאָג א בינטעלע, מע קאָכט ווידער און ווידער שפּייט מען.

געשעט צו מאָל איינער זאָל כאפּן א האמסטער איז עס גאָר א יום-טוב. דעמלט לעקט דער גאנצער עולם די פינגער. די וואָס האָבן געכאפּט דעם האמסטער צוויי מאָל, איין מאָל ווען זיי עסן און דאָס צווייטע ווען זיי דערציילן, די איבעריקע נאָר איין מאָל, דעמלט ווען יענע וואָס האָבן פון אים געגעסן דערציילן. דאָס הייסט נישט אז אין לאגער גיט מען קיינמאָל קיין פלייש. דאָס וואָלט געווען א גראָבער ליגן. מע גיט, און אין לאגער באדינגונגען וואָלט מען געקאָנט זאָגן אז געגוג אָפט: איין מאָל אין וואָך — זונטיק. איז עס אָבער אויך צום שפּייען און נישט גלאט געגומען אין מויל אויסגעשפּיגן. ניין, צווערשט מוז מען גוט אָנ־

מוטשען די באקן ביינער און ערשט נאָך דעם קומט מען צום אויספיר אַז מער ווי אויסשפּייען בלייבט נישט. די קעמלעך פאַר דער בוינע זענען אַלטע פגירות, נאָר אָדערן און בראָמסקע.

אין לאַגער פלעגן זיך צו מאָל באַווייזן דריי הינט: א וואָלף-הונט — א גרויסער, א פעטער, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט דעם קאָמענדאַנט; א פליישיקער בערנאַרדינער וואָס פלעגט באַגלייטן דעם קאָמענדאַנטס געהילף — א קרומער, אויסגעדינטער פרעמדן-לעגיאָנער: אַזוי זיך א צויג — א קליין שוואַרץ הינטל מיט א ווייסן פלעק אויפן שטערן. פון וואָס דאָס הינטל לעבט האָט קיינער נישט געפרעגט. סע פלעגט צו מאָל פאַרשווונדן האָט עס אויסגעפעלט; מ'האָט זיך צו דעם צוגעוואוינט ווי צו א דערזייטיקן איינוואוינער. וואָס אוינטערצוואַרפן האָט מען נישט געהאַט, אָבער א גלעט, א שפּיל טאָן האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ס'איז אויסגעקומען עפּעס פון פריערדיקן לעבן, פון יענע צייטן ווען מ'איז געווען נישט מער ווי מענטשן, נישט אויך מענטשן. אַזוי ביז מ'האָט באַמערקט אַז די צויג איז פול. דעמאָלט האָט מען זיך משער געווען אין וואָס אירע שפּאַצירן זענען באַשאַטנען, וואוהין זי איז עס אַזוי געלאָפן, און איר אָפּגעטיילט נאָך מער אויפמערקזאַמקייט. אָט, אָט, און אין לאַגער וועט זיך באַווייזן פריש לעבן.

אַז דער וואָלף-הונט און דער בערנאַרדינער זענען פאַרשוואונדן האָט מען זיך דערוואוסט נישט ווייל עמעצער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט א וואָרט וועגן זייער טעם. דאָס וואָלט זיך קיינער נישט דערוועגט און נאָך ווייניקער דיע וועלכע האָבן זיך מיט זיי אונטערגעלעגנט דאָס האַרץ — אויב אַזעלכע זאָלן זיך געווען געפונען. דערוואוסט האָט מען זיך וועגן פאַרשווינדן פון די צוויי הינט פון קאָמענדאַנט און פון זיין געהילף ווייל דער סקאַנדאַל, די שטעקענעס, די קלעפּ און דער קאַרצער האָבן אָנגעהאַלטן מער ווי איין טאָג. אָפּגעקומען איז מען דערמיט און קיינער האָט זיך קיין מאָל נישט געקאָנט דערוויסן צי איז באמת געווען א וועטשערע און דערצו א פול-סודותדיקע, אָדער די הינט האָט מען פּשוט צוגעגנבעט. קלאָר איז געוואָרן אַז איבער דער צויג הענגט א געפאַר ווי א דאַמאָקלעס שווערד. אַז יעדן טאָג קאָן זי פאַרשווינדן. מצער געווען האָט דאָס אמייסטן ווילין.

ווילי איז אין זיין לעבן געווען א מאַטראָס, האָט אָנטיילגענעמען אין א וועלט-מלחמה, אין א מאַטראָסן אויפשטאַנד ערגעץ נישט ווייט פון קיעל, ברעמען אָדער האַמבורג, אין א בירגער-קריג, אַזוי אַז געבליבן איז ער אַליין, עלנט, אָן קינדער, אָן אייניקלעך. אויסגעווען א וועלט, וואָלט ער געהאַט צו דערציילן און דערציילן האָט אים נישט ווער אויסצוהערן. דאָ אין לאַגער זענען פאַראַן גענוג אַזעלכע וואָס זענען אויסגעווען א וועלט, וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט

וועלט-מלחמות און רעוואָלוציעס, אויך זיי האָבן גענוג צו דערציילן און אויך זיי האָט נישט וועך אויסצוהערן. אויף ווילין האָט די דאָזיקע לאַנגע געהאט א געבענטשטע השפעה: ער האָט צייט געהאט צו קוקן אויף דער ארומיקער וועלט און פעסטשטעלן אז קיין סך נייעס — וואָס שייך מענטש און זיינע באציאונגען — האָט מען נישט אנטדעקט. אזוי ווי גרעזעלעך, געוויקסן זענען דאָ נישט געווען האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט אויף באטראכטן צו מאָל די מענטשן וואָס באוועגן זיך שאָטנדיק אין דעם פארדראָטעוועטן קוואדראט, די טיפקייט פון בלויען הימל, די גרעסטע טייל פון זיין צייט פלעגט ער אָבער פארברענגען מיטן הינטל, מיט דער שווארצער פולער צויג. איר שמועס איז אים געוואָרן היימיש, ער האָט געפילט אז צווישן זיי האָבן זיך איינגעשטעלט נענטערע באציאונגען ווי מיט דעם גאנצן ארום. האָט ער גערעדט מיט דער צויג צוזאמען אויף דער גרויסער מינוט ווען די הינטלעך וואס זי טראָגט אין בויך וועלן זיך באווייזן אויף דער ליכטיקער וועלט. פאר זיי, האָט געטראכט ווילי, איז עס לייכטער, פשוטער, איבערצוקומען די פאָר יאָר וועלכע זיי מוזן דאָ פארברענגען. אצינד אָבער, נאָך דער געשיכטע מיט דעם וואָלף-הונט און מיטן הייליקן פעטן בערנארדינער, האָט ער תופס געווען די געפאר וואָס הענגט איבער דער צויג און דער געדאנק האָט אים אזוי באריכט אז ס'איז געוואָרן כמעט אים נישט צו דערקענען.

א לאנגע צייט האָט ער געוואכט איבער דעם הינטל, ביז ס'איז אים איינגעפאלן אז דער איינציקער אויסוועג וואָלט זיין ער זאָל זיין דער וועלכער זאָל אויספירן דעם שרעקלעכן פסק-דין וואָס איז ארויסגעטראָגן געוואָרן אָן ווערטער, פון קיין שום בית-דין קעגן דעם אומשולדיקן הינטל. וואָלט מען אזא פסק-דין ארויסגעטראָגן קעגן וועלכער סע זאָל נישט זיין בהמה אָדער חיה וואָלט דאָס געווען פארשטענדלעך. אזוי פירט זיך איבערהויפּט אין א צייט פון הונגער. אָבער א הינטל! דאָס איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאלן אלס מעגלעך אפילו אין א צייט פון גרויסן הונגער. דאָס האָט זיין געדאנק נישט געקאָנט צולאָזן. נאָר אויב יאָ, וועט ער זיין דער וואָס זאָל דאָס טאָן, און אויף זיין אופן...

אזוי איז געשען אז אין איינער א נאכט זאָל זיצן ארום ווילין א חברה — צווישן וועלכער ס'האָבן זיך געפונען אויך דיע אויף וועמען ס'איז געפאלן דער חשד אז זיי זאָגן זיך נישט אָפּ פון א שטיקל הונטפלייש, אז זיי זענען אייגנטלעך געווען די שולדיקע אין פארשווינדן פון די צוויי גרויסע הינט און אז אויך פון זיי הענגט אָפּ דער צויגס לעבן — און די חברה זאָל ווארטן אויף דער סודות-פולער וועטשערע. ווילי איז דאָס מאָל געווען בארעדעוודיקער ווי געוויינטלעך. ער האָט דערציילט און באַשריבן מיט אלע אייַנצלהייטן ווי אזוי ער האָט פארנארט דאָס הינטל הינטער דעם באראק וואו ער האָט באצייטנס צוגעגרייט א שפּי-

ציקן שטיין; ווי אזוי דאָס הינטל האָט זיך צו אים געלאַשטשעט, געקראָכן אויף אים מיט אַלע פיר, געקוועטשט צו אים דעם פולן בויך, ווי אזוי ער האָט געפילט די זעקס באַשעפענישן וואָס זי טראָגט אין זיך...

דאָ האָט דער עולם מער נישט אויסגעהאַלטן, אים איבערגעשלאָגן די דער-ציילעכצן, אים באַגאָסן מיט אַ רעגן פאַרוואורפן. ער האָט דאָך קיין שום מענטש-לעך געפיל אין זיך; ער איז ערגער פון אַ ווילדער חיה, ער איז אַראָפּ פון זינען, ווי אזוי שעמט ער זיך נישט איבערדערציילן אַזאַן אכזריות? ווילי האָט זיי גע-לאָזט אויסגיסן זייער כעס און ווען דער שטורעם האָט זיך געשטילט האָט ער דערציילט ווי אזוי דאָס פלייש ווערט צוגעגרייט, וואו ער האָט געפונען די גוטי-קע געווירצן וועלכע זאָלן אָפּנעמען אַ טייל פון שווערן גערוך, פאַרגעזאָגט אַז דער טעם פון ראָסעלע וועט זיכער זיין אַזעלכער וואָס וועט דערמאָנען אין קינ-דער יאָרן. ווען די אַפּעטיטן האָבן זיך צעברענט, ווען אין די מיילער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן די צונגען און ס'האָט זיך געהערט דאָס שמאַטשקען פון להוטע העלדזער נאָך אַ גוטן ביסן, האָט ווילי ווידער דערציילט וועגן דעם ווי אזוי פון געעפנטן בויך האָט מען געצויגן די קליינע באַשעפענישן, שוין לעבעדיקע וויל ביז דעם אויסליידיקן זענען ווייזט אויס געבליבן געציילטע טעג אָדער שעהן. זיינע שילדערונגען האָט איבערגעריסן אַ שלאָקס-רעגן פון פּראָטעסטן. ס'איז געוואָרן אַ געפּילדער, ס'האָט אויסגעזען אַז אָט, און זיי וועלן ווילין נישט אַנ-דערש ווי דורס זיין. דעמלט איז ווילי פּאַמעלעך געקראָכן פון פּריטש, געזאָגט אַז אויב אזוי וועט ער שוין, ווייזט אויס, אַליין מוזן אויפעסן דאָס באַטעמטע ראָסעלע, אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם פּריטש און פון דאָרט אַרויסגעקומען מיטן הינטל אויף די הענט.

דער עולם איז געבליבן זיצן ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער.

— וואָס דאַרף דאָס באַטייטן? האָבן אויסגעשריגן עטלעכע אין איין קול.

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן? האָט ווילי געענטפערט מיט אַ שמייכל. גאָרנישט. ס'איז דאָס הינטל, איר זעט נישט? איר זענט פּלוצים בלינד געוואָרן? נו, זאָגט אַליין, קאָן אַ מענטש טויטן אַזאַ וואַרעם באַשעפעניש?

אַ זעקסאונאַכציקער, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, אַ גלאַטע גלאַנציקע הויט, בלויע עטוואָס פאַרטימטומטע אויגן, ווי פּעטרוס אויף הייליקע בילדער, זיצט ווילי און וואַרעמט זיין אָפּוועזנקייט אַנטקעגן דער זון.

אזוי זעט אויס דער עולם-הבא וועלכן ער האָט באַקומען אויף דער וועלט פאַר ראַטעווען דאָס הינטל...

פיאָלעטעווער שמייכל

זיצט מען נעבן וואסער-ברעג, שוועבן די געדאנקען ווי מעוועס, זוכן אין טיפעניש, גרייכן אָן אהין וואו דער ברייטער טייך הודסאָן פארלאָזט די גרויסע — אויב נישט די גרעסטע און פארביקסטע — מעטראָפּאָלע, טראָגט צום אָקעאַן איר מוטנעקייט שפּיגלנדיק גרוי וואָלקן-קראַצערס צווישן וועלכע סע ווימלט מיט קליינע אָפּגעבארעטע שטיבעלעך; אָדער זיי, די געדאנקען, פארפליען גאָר ביז צום אנדערן עק וועלט, ביז אַן אנדער מעטראָפּאָלע פון א לאנד וועמענס זיסע וואסערן סע זענען כמעט אומבאקאנט, אָדער באקאנט גאָר ווייניקע, א לאנד א צעוואָרפנס איבער טויזנט און איין אינדזלען. כאַפּט מען זיך אז סיי דאָ סיי דאָרט, שמייכלט מען. דעמלט קומט אויפן רעיון אַן אויסטערלישע געשיכטע, א דערציילטע, אָדער קיין מאָל נישט דערציילטע פון איינעם וואָס האָט געקאָנט זיין א ייד אָדער נישט, א מענטש אָן שום שייכות צו נאַציעס אין וועלכן ס'האָט זיך דערוועקט אָן א פארוואָס א חסידישע אָדער, אין וועלכן דאָס בלוט האָט געקלאַפּט מיט חסידישקייט, כאָטש באוואוסטזיניק האָט ער דערמיט גאָרנית געהאט צו טאָן — ער האָט וועגן אָט דעם מין השתפּכות הנפש נישט געוואוסט, אָדער נישט געאנט אז דאָס קאָן טראָגן א נאָמען.

דערציילט האָט ער אין א העלן פרילינג-טאָג. דעם הימל האָט געבלויט דורכזיכטיק העל גרויער צירוס-אָטעם. ערגעץ אין די הייכן האָט זיך וויזט אוים עמעצער געשפּילט מיטן רויך פון זיין ליולקע-ציבעק. אויף יענער זייט קיילעכדיקן פּלאַץ האָט זיך פּלוצים באוויזן א געשטאלט. צוערשט איז אויפגעפאלן א מיט פיאָלעטעווע בלעטער געקווייטעט העמד, קאָפּטע אָדער כאלאט; שווער געווען צו וויסן צי איז עס א מאנצביל אָדער גאָר א נקבה, שווער געווען צו זאָגן צי איז דאָס מלבוש פון וואואל אָדער פון א דינעם ציץ אזא, ווען דער פארשוין איז שטיין געבליבן און אראָפּגעלאָזט איין פוס אויף דער ערד, איז אויפגעפאלן די ווייסע באָרד ארום דעם יינגן פּנים. בלויע אויגן איינגעגראָבענע אין א מיליאָן קוים-קוים מאָרשטשינעס און די הויט פון פּנים ווי דאָס הייטל פון א גאָר-

װאָס פֿון בוים אָפּגעריסענעם טײטל — גלאַט מיט אַ מאַטן גלאַנץ. שטײענדיק מיט אײן פֿוס אױף דער ערד און מיטן צװײטן אױפֿן פּעדאַל גרײט יעדן מאָמענט אַ דרוק טאָן און פֿאַרשװינדן, האָט ער דערצײלט זײן װעלט באַנעם.

אָנגעהױבן האָט ער מיט אַ שמײכל, אפֿשר װײל אין דעם איז באַשטאַנען זײן באַזונדערקײט. אַ כּישוף שמײכעלע האָט באַלױכטן זײן װעזן, די בײמער האָבן זיך אַ בױג געטאָן, פֿאַרגאַפֿט האָט דאָס װינטעלע אַ רגע אױפֿגעהערט בלאָזן. איבערן פּלאַץ האָט געניִדערט אַ געהאָרכזאַמע שטיקלײט.

„דער שמײכל, האָט ער געזאָגט, איז אַ װאונדערבאַרע מתּנה מיט װעלכער דער באַשאַפֿער האָט באַשאָנקען זײַנע באַשעפֿענישן. װער ס'האָט אַן אױג צום זען קאָן באַגעגענען דעם שמײכל, אָט די אױסערגעװײנטלעכע אײגנשאַפֿט בײַ אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, װאָס זאָג איך לעבעדיקע, האָט ער תּיכּף געקריגן חרטה, דער אמת איז אַז נישט נאָר בײַ לעבעדיקע. נײן, שמײכלט נישט. נישט דערפֿאַר װײל אײער שמײכל, כאָטש ער געהערט צו די טױזנט-ערלײ שמײכלען מיט װעלכע די װעלט איז באַשאָנקען, איז נישט אין גאַנצן אָנגענעם. כ'זע, אײער שמײכל איז איראָניש, אַביסעלע גרינגשעצעריש. דאָס שטערט מיר נישט. כ'מײן אַז נאָך דעם װאָס איר װעט אױסהערן מײן אױסלײג װעט איר מער אַזױ נישט שמײכלען אין שײַכות מיט מײן אופֿן. אײער איצטיקער שמײכל, מײן איך, איז דערפֿאַר װײל איר האָט זיך נישט פֿאַרטראַכט אַרום דער פֿראַגע, אפֿשר אױך װײל איר גלױבט מיר נישט. װעט איר זיך איבערצײגן. מיר דאַכט אַז אין אַ געװיסן זין, כּדי צו פֿאַרשטײן געװיסע דערשײנונגען װעלכע זענען אונדז אױס אומפֿאַרשטענדלעך, װאָלטן מיר זיך געדאַרפֿט װענדן, זיך מער אײנקוקן צו קינדער. מיר שײנט אַז קינדער זענען טיפֿער אײדער דערװאַקסענע. דאָס איז, לױט מײן מײנונג, אַ כּלל איבער װעלכן ס'איז איבעריק צו רעדן. אױב איר האָט אַן אײניקל ...“

די גרעסטע צאָל צוהערער זענען מענטשן אין דער צװײטער עלטער. דאָס יונגע פּנים די דריבנע מאָרשטשינעס, דער אומשולדיקער שמײכל, האָט אָנגעהױבן נודזשען אַ טײל האָט זיך אָנגעהױבן באַװעגן, זיך צוגרײטן אױפֿהײבן און פֿאַרלאָזן דעם פֿאַרשױן מיט זײַנע מאָדנע אױסלײגעכצן. אָבער װען זײ האָבן דערהערט דאָס װאָרט אײניקל, האָבן זײ זיך צוריקגעזעצט באַקװעמער.

„אױב איר האָט אַן אײניקל, האָט ער װײטער גערעדט מיט אַ שעלמישן שמײכל אַן אכט, נײן חדשימדיקס קאָנט איר דאָס אַלײן באַמערקן און זיך איבערצײגן אין דעם. נעמט עס אױף די הענט און לאָזט עס קוקן אױף אַ בױם. מוטשעט דער װינט דעם בױם, װאַרפֿט אים, דרײט מיט אים, בױגט אים, גיט זיך אַ לאָז ממש מיט די װאָרצלען אַרױסצורײסן, װעט דאָס קינד קוקן פֿאַרגאַפֿט, עטװאָס דער-

שראַקן, מיט א שטאַרן בליק. איז אָבער דאָס ווינטעלע א קוים־קוימעדיקס, באַוועגט לײכט די צווײגלעך, גלעט און פּעסטעט די גרינע בלעטעלעך, דעמלט וועט דאָס קינד שמײכלען דעם קינדס שמײכל איז אַן ענטפער אויף דעם ביימלס שמײכל. זיי זענען נאָענט אײנער צום צווייטן, דאָס ביימל איז נאַטור און דאָס קינד א פון איר נישט לאַנג אָפּגעריסענס. זיי האָבן נאָך א געמיינזאַמע שפּראַך, דערקענען זיך, קאָנען זיך אדורכשמועסן. צי נעמט אפילו א שטיין. וואָס קאָן זיין שטיינערדיקער פון א שטיין? דאכט זיך לגמרי טויט, דאכט זיך אז דאָ קאָן באמת קיין רייד זיין וועגן שמײכל. זעצט אײך צו מיטן קינד אויפן שטיין, אויף וועלכן ס'איז קיין סימן פון לעבן נישטאָ. לאָזט דאָס קינד זיך מיט אים אדורכשמועסן. סע וועט גלעטן מיט די פינגערלעך, קלאַפּן מיטן פויסטעלע, לעקן מיטן צונגעלע, זיך ברוגזן, אָפּלאָזן, זיך ווידערנעמען גלעטן, קלאַפּן, לעקן, אזוי צוויי מאָל און פינעף מאָל און צען מאָל און אָן א שיעור מאָל. אײך וועט וואונדערן ווי אזוי ס'האָט דעם קינד נישט צוגעגעסן אזויפיל אויספאָרשן דעם שטיין, ביז... ביז פּלוצים וועט דאָס קינד א גליקלעכן שמײכל טאָן. קוקט אײך איין פאַרוואָס דער שמײכל. כלעבן ס'איז כדאי. אז מע קוקט זיך גוט איין נעפינט מען אין פון רעגנס און ווינטן געשליפענעם שטיין א קליין, קוים באמערקבאר גריבעלע און אין דער טיפעניש פון גריבעלע א געוויקסעלע קוים מיטן אויג צו אנטדעקן. דאָס קינד איז דערצו דערגאַנגען, דערפילט לעבן, דערפילט דעם לעבנס שמײכל און דערויף געענטפערט. צי נעמט גאָר א מצבה, א זייער אַלטע מצבה. דאָ קאָן עס באמערקן אפילו א דערוואַקסענער, אָדער בעסער א דערוואַקסענער. די זון האָט געברענט, דער רעגן האָט געוואַשן, די צייט האָט געווישט ביז אָפּגעווישט די אויפשריפט, געבליבן איז דאכט זיך נישט מער ווי א גלאַטער, קאַלטער, טויטער שטיין. זעצט מען זיך צו א רגע נעבן אזא שטיין, טראַכט מען א רגע וועגן וואָס געווען און וואָס וועט זיין, באַראָט מען זיך מיט די גאָרנישטן וואָס הויערן ארום און דער שטיין הייבט אָן רעדן און נישט נאָר רעדן נאָר אפילו שמײכלען. דאָ איז שוין דאָס שמײכלען פון א גאָר אנדערן סאָרט, ווייל פילזייטיק: אָט ביטער, אָט מיט פאַרשטענדעניש, אָט מיט צווייפל. אָט מיט הבל־הבלים צוגאָב, אָט איראָניש, צי גאָר מיט א שרעקלעך ממשותדיקן אָפּטימיזם. איר מיינט דאָכ איז אין אײך און פון אײך און האָט א טעות. דאָס איז אין שטיין. אמת, מיט דער צייט איז דער שטיין געוואָרן אן אנדערער, ער האָט זיך באהעפט מיט די ביינער וואָס אונטער אים און באקומען נייע וואַלענצן, נייע פילעכצן, נייע מעגלעכקייטן; איבערגענומען א טייל פון די פילעכצן מיר וועלכע די ביינער האָבן זיך ארומגעטראָגן ווער ווייסט ווען און ווער ווייסט וויפל צייט, איז זיין

שמייכל געוואָרן אַן אנדערער, נישט דער פון אמאָל ווען ער איז געווען א טייל פון א פעלז, א ברעקל פון בארג. סע געשעט דער שמייכל זאָל ווערן אָרעמער, דערגראַדירט, באקומען עפּעס פּסולדיקס, עפּעס וואָס פארשאַט זיין אורשפּרינגלעכער נישט פארדאָרבענקייט. פּונקט אזוי איז מעגלעך ער זאָל זיך האָבן באַרייכערט, זאָל האָבן פארפילפאכט זיין אויסדרוק, זיין מהות, זיין אינהאַלט, זיין מיין. דאָס מאָל שמייכלט איר שוין נישט איראָניש און אויך נישט גרינגשעצעריש, אייער שמייכל איז געוואָרן א פשרהדיקער; איר מאכט א קליינעקע קאָנצעסיע: אפילו אויב ס'איז נישט אזוי, קאָן מען מסכים זיין אז אזא אופן קוקן אויף דער זאך, אויף דעם פענאָמען קאָן ארויסרופן אינטערעס. דאָס איז דערפאר וויל לעבן אזא סאָרט שטיינער זענט איר יאָ געזעסן. און אויב ס'איז געשען אין א שווערן מאָמענט, אין א עת דחקות, אין א צייט ווען ס'האָט אייך געפעלט ווי דאָס לעבן אַן עצה, א טרייסט, א שוץ, האָט איר אוודאי געפילט דעם שטיינס אָטעם, זיין ווארעמקייט, זיין ליכט און איר זענט נישט אוועק מיט דעם וואָס געקומען, ניין! איר זענט אוועק מיט א שמייכל, מיט א לייכטערער נשמה, מיט ווייניקער צרות אויפן הארצן.״

דאָ האָט ער געמאכט א פּויזע, אזוי ווי סע טוט א געניטער רעדנער, א מגיד. ער האָט דערפילט אז דער אינטערעס פאר זיין אויסלייג, פאר דעם וויץ מיט וועלכן ער טראָגט זיך ארום, איז געוואקסן, האָט זיך אים פארגלוסט פארלענגערן די געשיכטע אויב נישט מיט ווערטער איז מיט שווייגן. ווייזט אויס אז פון ברוקלין, איז צו אים דערגאנגען די חסידישע שיטה (אַן אַלטע, א מער נישט אין דער מאָדע, פון יענע צייטן ווען אין ברוקלין האָט מען געהאַלטן פון חסידות נישט פון מאָדעס) וועגן שווייגן אלס העכסטע מדרגה פון פארשטיין, באנעמען און באהעפטן זיך מיט דעם אָנהויב פון אלע אָנהויבן. א ווינטעלע האָט אויפגעבלאָזן זיין משונהדיקע הלבשה, די מאָרשטשינעס ארום די אויגן האָט נאָך מער באלויכטן זיין בלויער בליק און ער האָט ווייטער דערציילט, דאָס מאָל ווי פאר זיך אליין.

„דער ערשטער מענטש האָט די וועלט באגעגנט און די וועלט אים מיט א שמייכל. שלום האָט געהערשט איבער אלעם. אזוי האָט די וועלט און צוזאמען מיט איר דער מענטש, געלעבט אכצן טויזנט יאָר. אזוי פיל זענען די יאָרן אין וועלכע אלץ איז געווען באצירט מיט א שמייכל. למען האמת מוז מען צוגעבן אז דער דעמלטיקער שמייכל איז׳ געווען א זייער, זייער איינפאכער, א פשוטער אזא, א נישט מער אויסדרוקנדיקער ווי א שפּיי, אַן ארויסגעשטארצטער צאָן, א געגעץ אָדער א שפּיציקער באָרד-ביין. אזוי ביז ס'איז געבוירן געוואָרן קין און צוזאמען מיט אים דער אומרו. פון וואו דער אומרו האָט קיינער נישט געוואוסט

און זיך אויך נישט געפרעגט. נישט געווען קיין וואָרט מיט וועלכן מע זאָל באַצייכענען דאָס נייע געפיל. ווען קיין איז אונטערגעוואקסן און אויסגעטראַכט די האק האָבן מענטשן דאָס אויפגענומען ווי א גרויסן אויפטו. מע וועט קאָנען האקן ביימער. זיי האָבן זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן אז דערמיט האָבן זיי אָנגעוואָרפן דאָס נישט באַשטימטע געפיל אויך אויף שטיינער און געוויקסן. ערשטע נאָך דעם וואָס קין האָט געהרגעט הבלען האָט דאָס נייע געפיל געקריגן א דירעקטע באַציאונג מיט דער האק און דער אַמאָליקער שמייכל האָט זיך געלאָדן מיט פאַרשידנאַרטיקייט.“

אזוי האָט גערעדט דער אויסטעלישער פאַרשוין און ביי די לעצטע ווערטער איז ער נעלם געוואָרן. פּונקט אזוי ווי ער האָט זיך פּלוצימדיק באַוויזן דאָ אויפן פּלאַץ אזוי איז ער פּלוצימדיק אַנטרינען געוואָרן. מיטן ביציקל מיט אַלעמען. קיין טריט אויפן פּעדאַל, קיין דריי פון די רעדער, נישט מער ווי אויפגעהויבן דעם פוס וואָס אויף דער ערד און שוין איז ער אויסגעווען די צייט ווי פון דער ערד איינגעשלונגען אָדער צום הימל אַרויפגעפלויגן. אין די העל־גרויע צירום כמאַרעלעך האָט זיך אַריינגעפּלאָכטן א פיאָלעטעווע קאָלירטער פאָדעם און זיי האָבן ווייטער געפאַרבט דעם הימל בלוי. געבליבן זענען מאָדנע פראַגעס: וואָס פאַרא פאַרשוין זאָל דאָס זיין? וואָס זאָל אים האָבן אַראָפּגעפירט אָדער אַרויפגעפירט אויף אַזעלכע געדאַנקען? פאַרוואָס איז ער פאַרשוואונדן דערמאָנענדיק קינען? זאָל דאָס אַמאָל זיין דער שאָטן אָדער גאָר א גילגול פון הבל? הבל גייט נאָך אַלץ אַרום נע־ונד?! אויפן געדאַנק איז געקומען אז אן ענטפער וואָלט מען אפשר געקאָנט קריגן דאָ נישט ווייט, וואו גרויסע רבנים פירן נאָך זייערע הויף; וואו זייערע אָנהענגער זענען נאָך אימשטאַנד אויסדראַפּן דעם צד שכנגד די אויגן, גרייט אויף א מסירהלע אָדער אויף פיל ערגערס. האָט זיך אָבער געדאַכט אז דעם פאַרשוינס חסידות איז אַוועק ווייטער; האַלט פון אן אַנדער דבקות, אז נישט אהער געהערט ער, אז דאָס וועגן וועלכן ער זוכט א תיקון ליגט גרויסע רבנים אין דער לינקער פּאה. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט האָט זיך געהערט א געלעכטער און אויף דער זעלבער טראַיעקטאָריע איז ער אָנגעפלויגן אַזעלכער ווי ער איז פאַרשוואונדן, מיט דעם זעלבן מלבוש, אויף דעם זעלבן ביציקל.

„הבל גאָר? ווי אזוי הבל? ביי די הבל׳ם נעמט מען אָפּ די נשמה, און פאַרטיק, זיי דרייען זיך מער נישט אויף דער וועלט. נאָר די ערשטע האָבן אַרויסגערופן דערשיטערונג, דערשטוינטקייט און אויפברויז. מיט דער צייט האָט מען זיך דערצו געוואוינט, זיך אויף אזוי ווייט געוואוינט אז ס׳איז געוואָרן א טייל פון טאָגטעגלעכן. מענטשן זענען נישט געווירן געוואָרן צו לעבן אייביק. אָבער

גישט דאָס זענען מיר אויסן. אונדזער שמועס איז עפּעס ענדערש, וועגן שמייכל האָבן מיר דאכט זיך גערעדט. מיט דער צייט האָט דער שמייכל אין זיין פאַרשיי־דנ־אַרטיקייט אָנגעהויבן שטערן. דעם באַלעבאָס האָט געשטערט דער שמייכל פון דינער, דעם קעניג דער שמייכל פון ליץ, דעם הענקער דער פון צום טויט פאַרמשפּטן. אַזוי איז נעבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אומקערן זיך צום איינאַרטיקן שמייכל. אַלע זאָלן מוזן שמייכלען און אַלע מיט דעם זעלבן אויס־דרוק. אַן אויסדרוק פון שטענדיקער צופרידנקייט, פון איבער אַלעם הערשנדיקן וואוילטאָג, אַזוי אין ווייטן מזרח, אַזוי אין לאַנד פון אייביק אונטערגייענדיקער זון. און אַזוי האָט מען זיך אומגעקערט צום אָנהויב, צו יענער צייט ווען דער שמייכל האָט באַצירט אַלעמען אָן שום אויסדרוק, אַזוי ווי אַ גולמע אויפן נאַקן, אָדער אַ בראָדעוועקע אויף דער נאָז. דער שמייכל איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע. נישט פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע, נישט איינגעפירט אויפן סמך פון אַ געזעץ, ווייל זיין פאַרנעם איז ברייטער, ער האָט נישט געקאָנט אָדער נישט גע־דאַרפט אַרומגעשטעלט ווערן מיט ראַמען פון געזעצלעכקייט, ער איז אַריין אין דער נאַטור פון עקסיסטענץ, איז געוואָרן די פאָרעם פון דער אַלגעמיינער עקסיס־טענץ. אַ משונהדיקע, אויסטערלישע פאָרעם אַזאַ. אַריינגעוואַקסן אין מויל־ווינ־קל און לאַנגזאַם, פּאַמעלעך איינגענומען דאָס גאַנצע פּנים, פאַרשפּרייט דעם קרעץ ביז איבער די אויערן. נישט שטענדיק מוז ער דאָרט בלייבן. אַ מוז איז עס נאָר ווען די אויגן באַגעגנען זיך מיט אַן אַנדערע פּאָר אויגן. דעמלט מוז ער אויסוואַקסן אויפדעקנדיק צוויי שורות געזונטע אָדער פוילע ציין, ציין וועלכע מע וואָלט געדאַרפט צודעקן מיט דער דלאָניע זיי זאָלן נישט אַרויסרופן איבל, העלפן נישט. דאָס מויל מוז אויפגעריסן ווערן, די ליפּן מוזן זיך קאַטשען (סע דערמאָנט אין זאָגעכץ מיט אקדמות ניגון: משה, משה פאַרקאַטשע די ליפּן און קוש...) איר לאַכט? ס׳איז נישט צום לאַכן) און דער שמייכל, ווי אָפּשטויסנדיק ער זאָל נישט זיין מוז ער זיך באַווייזן אַלס צייכן פון אייביקן וואוילטאָג, פון גרעסטן גליק וואָס גיסט זיך ווי האָניק איבער גאָר דער וועלט. קיינער טאָר דעם אַנדערנס פּנים נישט זען אַ נישט באַלויכטנס פון שמייכל. דער זעלבער אין זאַלן מיט אויף מיליאָנען זיצנדיקע קראָכמאַלעטע מאַנישקעס, דער זעלבער דאָרט וואו הונדערטער מיידלעך קלאַפּן אַראָפּ פון שרייבמאַשינען שווינדזוכט אין זייערע לונגען, דאָרט וואו מיליאָנען לויפן ווי פאַרסמטע מייז נאָך אַ שטיקל ברויט און ווען סע דאַכט זיך אַז אָט, אָט, און מ׳האָט דאָס דערטאַפּט גיט דער שד אַ ציִ דאָס שטריקל און לויף ווידער זוך עס; יונג און אַלט מיט דעם זעלבן פונאויבנ־אויפיקן, אָנגעשמהדיקן, האַרצלאָזן, גאָרנישט־זאָגנדיקן, עובר־בטל שמייכל...

זאָגט מיר כ׳בעט אייך וואו איז אהינגעקומען דער שמייכל פון די עשרה הרו־גי מלכות? ווי לאנג וועל איך זיין דער איינציקער וואָס זאָל אים טראָגן אין מיין אלטער טאָרבע?

אויף אן ענטפער האָט ער נישט געוואַרט, און ווידער האָט זיך אריינגעפלאָכטן א פיאָלעטעווער פאָדעם אין די העל גרויע צירום־כמארעס וואָס האָבן געפארבט דעם הימל בלוי.

בטל בשישים

לייזער וואָלף קאָטיוגאַר (באַלעגאָלע) האָט חוץ א געפּלעקטער קאָבילע מיט א שרעקלעך סקריעפּנדיקן וואָגן, זיבן אייגענע זין און א דאַר אויסגעטרוקנט ווייב. פונעם ווייב ציט ער די נשמה, מיטן פערד און וועגעלע שלעפּט ער קוים קוים פּרנסה, די זיבן זין רייסן פון אים די הויט ווייל אויף ברויט פאַר אזוי פיל מיילער און דערצו האָבער פאַר דער קאָבילע קלעקט נישט. די ערשטע דריי זין זיינע זענען יאָדעשלעוואַטע, די לעצטע דריי רוכלעוואַטע, נאָר דער מיטלס־טער — יאָסל מאיר — איז אן אויסנעם. אויסגעוואַקסן הויך מיט ברייטע פּליי־צעס און אָנגעשוואָלענע ברוסט, געזונטע פּיס, מוסקלדיקע אָרעמס, א גרויסע געדיכטע טשופּרינע, בלויע אויגן, איידעלע, לענגלעכע צום גוף נישט פּאַסנדיקע הענט און א ברוינלעכע הויט וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון שוואַכן מין. לייזער וואָלף האָט געהאָפט אז פון דאַנען — פון יאָסל מאירן — וועט קו־מען הילף צו פּרנסה און האָט זיך אָפּגענאַרט. געקומען זענען נאָר צרות. יאָסל מאיר האָט זיך פאַרחברט מיט שקאָצים, מיט קעשענע גנבים, זיך ארייננגעכאַפּט אין א באַנדע פּערדס־גנבים, געזעסן, עוקר געווען, ווידער געזעסן, זיך אַנגעטשע־פּעט מיט א טשאַטע אויסגעלאַסענע „מוידן". אין דער היים פלעגט ער זיך זעלטן ווען באַווייזן און נאָר אויף א פּאָר שעה, צו מאָל ברענגען עפּעס א מתנה דער מאַמען, געקוקט אויף זיינע ברידער ווי אויף פרעמדע, זיך געוואונדערט ווי אזוי זיי לעבן נאָך, אזוי ביז ער איז אין גאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן.

געוואַנדערט האָט ער איבער גאָר דער וועלט, מיט א ציגיינער שאַטרע איבער בולגאַריע, מיט א צירק אין מאַקעדאָניע, מיט א באַנדע פּערדס־גנבים אין סער־ביע, מיט פּראָקסענעטן אין פאַרשיידענע שטעט פון דייטשלאַנד. די דרייסיקער יאָרן האָבן אים געפונען אין האַמבורג, אָבער געבליבן דאָ איז ער נישט לאַנג ווייל ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף יידן און אויף אויסלענדער אזוי אז

ער האָט זיך אריבערגעפּעקלט קיין פראנקרייך און זיך באזעצט אין פּאריז, אויף בעלוויל.

אין זיינע וואנדערונגען איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען צו באַגע־גענען מענטשן וועלכע פלעגן פאר אָדער נאָך דעם אָפּטון א „שטיקל ארבעט" אריינגיין אין קלויסטער אָנצינדן א ליכטל. ס'איז געווען אן איינגלויבעניש אזעלכס וואָס זיי האָבן אָפּגעהיט מיט גרויסער פּינקטלעכקייט. א לאנגע צייט האָט דאָס ביי יאָסל מאירן ארויסגערופן א גרינגשעצערישן שמייכל. דאָ אין פּאריז האָט ער אויך דערפילט די נויטווענדיקייט דאָס צו טאָן. געשען איז עס נאָך אן אָבלאווע.

אין יענעם זומער זענען די געשעפטן פון די מיטעלע גנבים געגאנגען גאנץ נישקשה. יאָסל מאיר האָט אָנגעהערט צו דעם סאָרט גנבים. דאָס וואנדלען אי־בער לענדער האָט אים אויסגעלערנט זיך צו היטן פון גנבה מיט מאָרד. נישט ווייל ס'האָט אים געשראָקן בלוט אָדער א מעסער. ער האָט געקאָנט באנוצן אלע מכשירים וועלכע ברענגען א „נאסן" אָדער א „טרוקענעם" טויט מיט א כמעט פולקאָמענער געניטקייט און געשיקטקייט מיט שרעקלעכער קאלטבלוטיקייט. דעמלט פלעגט זיך אין שמאָלע דלאָניעס גיסן שווערדיש שטאָל און אין די בלויע אויגן די שארפקייט פון ראזיר־קלינגלעך. ניין, קיין פּחדן איז ער נישט געווען און דער טויט האָט אים נישט געשראָקן. ע ר איז אָבער געווען איבערצייגט אז אומשולדיק פארגאָסן אָדער אין די אָדערן פארקילט בלוט האָט א באזונדערן כוח, א ספּעציעלן אטריבוט: ס'איז קיין מאָל נישט מוחל און סוף כל סוף נעמט עס נקמה. אנדערש ווען די שולד איז א דערוויזענע. אזעלכע פאלן זענען גע־ווען פארבונדן מיט אָפּרעכענונגען אין אייגענעם קרייז. דאָרט זענען די זאכן געווען קלאָר. אָבער אויב מע גייט ביז טויטן בשעת אן „אקציע", קאָן מען נישט וויסן וועמען סע טרעפט.

די גנבות און איבערפאלן האָבן זיך אין יענעם זומער זייער געמערט, ציי־טונגען האָבן פּראָטעסטירט קעגן כאאָס וואָס הערשט אין די גאסן, קעגן דער אומבאהאָלפנקייט פון דער פּאָליציי, און די פּאָליציי האָט באשלאָסן אדורכ־פירן א גרעסרע צאָל אָבלאוועס, אָפּרייניקן כאָטש אביסל די שטאָט ארעסטירנ־דיק א טייל און אָנווארפנדיק א מורא אויף די איבעריקע. בעת אזאן אָבלאווע האָט מען פארנומען יאָסל מאירס — וועלכער האָט זיך שוין גערופן זשאָזעף — אלע מיטארבעטער, חוץ איינעם. דער איינער איז געווען אזעלעכער וואָס פלעגט אָנצינדן א ליכטל אין קלויסטער. זשאָזעף האָט זיך דעמלט פארטראכט ארום דער געפאַר וואָס האָט געהאָנגען איבער אים, באשטימט אז האָבן ערגעץ אן אָנשפּאַר איז נישט צום אוועקווארפן און אָנגעהויבן זוכן אזאן אָנשפּאַר. גיין

אָנציינדן א ליכטל אין א קלויסטער האָט ער נישט געוואגט. אזא סאָרט אָנ־שפּאר פירט מען נישט אונטער. ער האָט געמוזט אויסזוכן עפּעס א שילעכל.

א שילעכל האָט ער געזוכט נישט אויף בעלוויל, ס׳האָט זיך אים נישט גע־וואָלט דער עולם זאָל אים באמערקן ארייגייענדיק אין א שול, מע זאָל אָנהויבן רעדן ארום זיינע נייע פּירעכצן און נאָך ווייניקער ווען דעם אז ער גייט גאָר אין א סינאגאָגע. דער נאָמען זשאָזעף איז פּארעווע, אָבער מיט ארייגיין אין א שול באקומט ער יענע באזונדערקייט וועלכע מע מוז זיך נישט דווקא אָנהענ־גען. א שילעכל האָט ער אויסגעפונען אין מארע. ארייגעגאנגען איז ער ווי אגב אורחא, אָדער ווי זיך פארבלאָנדשענדיק. ער האָט געוואָלט לאָזן אָפן א וועג צוריק, ווער קאָן וויסן ווי אזוי מע וועט אויף אים קוקן, וואָס פארא פראגעס מע וועט שטעלן, זאָל זיין א מעגלעכקייט אָפּצוטרעטן מיט: „א טעות געהאט, געמיינט ס׳איז עפּעס אנדערש". ארייגעקומען, זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזען א פּושקעלע, אזעלעכס וואָס האָט אים דערמאָנט אין דער היים. אויך ביי לייזער וואָלפן אין שטוב האָט געהאנגען אויף דער וואנט אזא פּושקעלע, און דווקא דעמאָלט ווען ס׳האָט זיך געדאכט אז אפילו א גראָשן טאָר מען נישט אָפּרייסן פון מויל, פלעגט די מאמע ארייגוואַרפן אין דעם א מינץ. זשאָזעפן האָבן א נעם געטאָן אין קלעם זכרונות: לייזער וואָלף גייענדיק אן איינגעבויגענער לעבן איבערגעלאָדענעם וועגעלע מיטהעלפנדיק דער קאָבילע דאָס שלעפּן, מאראמאָ־רעשאנער בלאָטעס, ברידער געהילטע אין צעפליקטע שמאטעס, די דארע מאמע וואָס טרוקנט זעענדיק מיט די אויגן. וואָס איז פון זיי געוואָרן? לעבן זיי נאָך? ער ווייסט גאָרניש. אוועק און אין זיי פארגעסן גלייך זיי וואָלטן קיין מאָל נישט עק־סיסטירט. אויך זיין לעבן איז נישט אדורך ווי אויף א געפלאסטערטן שאָסיי. וויפל מאָל איז אויסגעקומען אויסמיידן א מעסער, זיך פארמעסטן מיט די קולאקעס, באשטיין דאָס אייגענע שטעטל מיט הינטערשטעלן צור צייט א פוס, ברעכן יע־נעמס ריפּ איידער ער ברעכט דיינע, אויפרייסן גראטעס, זיך פארחברן מיטן טייוול ביז אויף דער אנדערער זייט בריק. אפשר האָט אין דעם אלעם צוגעהאָלפן די מאמע מיט דער קופּערנער מטבע, מיט ארויסהויכן א רבונו של עולם פון פאר־טרוקנטע לונגען? זשאָזעף איז צוגעגאנגען צום פּושקעלע, ארייגעוואָרפן עט־לעכע מטבעות. דער קלאנג פון מעטאל האָט אים גלייך ווי דערשראָקן. ער האָט זיך ארומגעקוקט און ערשט איצט באמערקט דעם שמש וואָס איז געזעסן ווי א שאָטן אין א פולשאָטנדיק ווינקל.

— נאָך קיין מאָל נישט געווען דאָ? האָט א כריפּע געטאָן דער שמש.

— ניין, נאָך נישט געווען.

— אין שיל אריין איז שטענדיק צייט. קיין מאָל נישט צו שפּעט. דער שמש האָט אים נישט געפרעגט ווער ער איז, פון וואנען ער קומט, נישט מער ווי צווישן געגעבן דעם שטאַלטנעם, עטוואָס אויסטערלישן יונגן מאַן אַז די טיר איז שטענדיק אָפן און אויב ס'האָט אים איין מאָל געצוואונגען אריבער־טרעטן די שוועל איז נישט אויסגעשלאָסן סע זאָל געשען אויך א צווייט מאָל.

מיט אָט דעם וויזיט אין שיל איז געשען אן איבערברוך אין יאָסל מאירס לעבנס גאנג. ער האָט נישט מוותר געווען אויף זיין אופן, זיין געזעלשאפט איז געבליבן די זעלבע: גנבים, מאַציאַרניקעס, פּראָסטיטוטקעס. ער האָט זיך אָבער מער נישט געפילט אין גאנצן א זייעריקער. זיין סוד האָט אים גלייך ווי ארויסגעהויבן פון דער חברה. כאָטש מ'האָט וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט האָבן זיי אים אָנגעהויבן אויסטיילן מער כבוד, אָנגעמען פאר נאטירלעך ער זאָל זיין דער וואָס גיט באַפעלן. ער האָט דערצו געהאַט דעם נויטיקן כח, אן אומ־געפּרואוווטע גענייטקייט. זיין אויטאָריטעט איז געוואקסן און האָט זיך אויסגע־שפּרייט. זשאָזעף האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען איבער א שטיק שטאָט, ווייט איבער די גרענעצן פון דער בעלוויילער געגנט. ער האָט דאָס אין א גרויסער מאָס צוגעשריבן דעם וואָס ס'איז באוויליקט געוואָרן אַן אָנשפּאַר. צוזאַמען מיטן וואקסן פון זיין מלוכה האָט ער אָפּגעגעבן מער צייט און געלט צו פארגיטיקן דעם ווילן פון יענעם נישט געזעענעם באַשיצער. אזוי איז זיין אָנזען געשטיגן אין צוויי גאַנץ פאַרשידענע וועלטן: סיי אין דער אונטערוועלט, סיי צווישן שיל־עולם.

די נייע וועלט, כאָטש נישט זיינע, האָט אויסגעווירקט איר השפּעה דורך דעם וואָס ער, זשאָזעף, איז בהדרגה מיד געוואָרן פון זיינע פארנעמעכצן, ער האָט געוואוסט אַז סע זענען פאראן נישט ווייניקער שפּעדיקע און נישט מער כשרע וועלכע מע קאָן אויסאיבן בייטאָג אין גרויסע ביוראָס. זיי פאָדערן נישט ווייניקער הארטקייט און אומרחמנותקייט אָבער זענען דאָך עפּעס אנדערש. אזוי האַלט די וועלט, אזוי האַלט אויך ער. פאַמעלעך, מיט הארטנעקיקייט איז דאָס אים געלונגען. דאָס האָט אים נישט פאַרשאַפט קיין פּלאַץ אין מזרח, אָבער דעם אמת געזאָגט האָט ער דערצו נישט געשטרעבט. און זשאָזעף איז געוואָרן א בעל הבית כמעט מיט אַלעמען גלייך.

אזוי ביז איבער פאריזער גאַסן האָבן אָנגעהויבן קלינגען די טריט פון דייטשע פּאַטרולן, ווען איבער דער שטאָט האָט זיך אראָפּגעלאָזט שטאָק־חושך און די שארף פון שווערד האָט אָנגעהויבן קוילען יידן. צו יענער צייט זענען פאָרגע־קומען גרויסע איבעראַנדערשונגען אין דער אָנפירונג פון דער קהילה, מ'האָט אָנגעהויבן זוכן מענטשן וועלכע זאָלן קאָנען פאַרהאַנדלען מיט אורוויילדקייט

און אויב מעגלעך זאָלן זיי קענען דער אורווילדקייטס שפּראַך. אזוי איז געשען אז זשאָזעף — יאָסל מאיר, לייזער וואָלף קאַטיוגארם מיטלסטער זון — זאָל ווערן א מיטגליד פון דער פאריזער קהילה אָנפירונג.

*

א קורצע צייט נאָך דעם וואָס זשאָזעף האָט זיך אראָפּגעזעצט אין פאריז איז אין איינער א ווינטער נאכט געשען ער זאָל מוזן זוכן אויף גיך א מקום מקלט. די פּאָליציי איז אים נאָכגעגאנגען פוס-טריט. אויף מעניל־מאָנטאן, אָדער אין א זייטיק געסל איז געשטאנען איינע פון די מיט סלופּעס אונטערגעשפּארטע אַלטע דריישטאָקיקע געביידעס. דאָרט איז געווען לייכט זיך צוזאמענגיסן מיט געדיכטע שאָטנס. זשאָזעף האָט זיך פּאמעלעך ארויפגעדראפּעט ביז דעם דריטן שטאָק און שטיין געבליבן לעבן א פענצטער פון וועלכן ס'האָט געשפּארט א דין שטראַלעכל. זען וואָס סע טוט זיך אויף דער אנדערער זייט פענצטער האָט ער נישט געקאָנט, נאָר ווען די קעלט האָט אים אדורכגענומען האָט ער באשטימט זיך ארייגשלייכן אין צימער. עפענען דאָס פענצטער און ארייגגיין איז פאר אים געווען א פראגע פון געציילטע סעקונדן. שטיין געבליבן הינטער א שווערן פירהאנג מיט א לייכטן שימל ריח, האָט ער מיט פארוואונדערונג געקוקט צו דעם אַלטן יידן וואָס איז געזעסן מיט אן אָפן ספר אזוי פארטיפט אז ער האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געפילט פון געשעענעם הינטער זיינע פּלייצעס. זשאָזעף האָט געוואַרט מיט געדולד, ער האָט פארשטאנען אז סע קאָן לאנג נישט דויערן און דער ייד וועט אויסלעשן דעם טיש-לאָמפּ און זיך גיין לייגן. געווען איז שוין היפּש נאָך חצות, אָדער מיטנאכט, ווי זשאָזעף האָט געטראכט אין זיין שפּראַך. דער ייד איז אָבער געזעסן פארעקשנט איבערן ספר און אפילו נישט געטראכט פון גיין שלאָפן. זשאָזעף איז אזוי אָפּגעשטאנען א פּאָר שעה, ער האָט שוין אָנגעהויבן טראכטן וועגן אראָפּקלעטערן אויף דעם זעלבן וועג אויף וועלכן ער איז געקומען, איידער סע הייבט אָן טאָגן, נאָר אַלץ אָפּגעלייגט. אָפּ-געהאַלטן האָט אים די ווארעמקייט וואָס האָט געשפּארט פון אַלע צימער ווינקעלעך. ווען די שאָטנס האָבן געבלייכט האָט ער באשטימט אז מער פארשפּעטיקן טאָר מען נישט און געוואָלט זיך לאָזן אין וועג. דער ייד האָט זיך לאנגזאם אויסגע-דרייט מיטן פּנים צום פענצטער און ביז גאָר רואיק געזאָגט, גלייך ער וואָלט רעדן מיטן פירהאנג:

— יינגערמאן, דאָרט ארום איז אפשר צו שפּעט, ווידער דאָ ארום, אָנווייזנ-דיק אויף דער טיר, איז נאָך צו פרי. וואַרט אביסעלע צו, די גאס וועט באלד ווערן לעבעדיק.

אז דעם יידנס נאָמען איז רבי אברהם הירש, אז ער איז איינער פון די גע־לערנטסטע און פרומסטע יידן פון גרויס פאריז, האָט זיך זשאָזעף דערוואוסט ערשט אצינד ווען אויף זיין שרייב־טיש איז געלעגן א הויפן פאפירן מיט טויזנטער און טויזנטער אדרעסן פון פאריזער יידישע פאמיליעס. אָט די אלע אדרעסן האָט מען סאָרטירט לויט דעם געבורטס אָרט. לויט די יאָרן וואָס זיי וואוינען אין פאריז אָדער פראנקרייך, לויט זייערע הכנסות און נאָך אזעלכע קאטעגאָריעס. דאָס געבורטס אָרט איז איינגטלעך געווען א זייער בערכדיקס ווייל דער גרעסטער טייל פון אייראָפע איז באצייכנט געוואָרן מיט אן אלגעמיין געאָגראפישן באגריף: מזרח, און די אָפשטאמיקע פון יענע געגנטן זענען געווען די נידעריקסטע קאַ־טעגאָריע, אויסגעשטעלט עוואקואירט צו ווערן אין אן אומבאשטימטער ריכ־טונג, דאָס הייסט ווידער אויף מזרח. לויט אָט די ליסטעס איז אויך צוזאמענ־געשטעלט געוואָרן די נויטיקע צאָל לעבנסמיטל־קארטעלן. אָנגעקומען צו רבי אברהם הירש'ס אדרעס האָט זיך זשאָזעף דערמאָנט אין יענער נאכט ווען דאָס מעסער איז געלעגן אויף דער אָדער, דערפילט די קעלט וואָס איז דעמלט געקראָכן און דורכגעדרונגען זיינע איברים, די ווארעמקייט וואָס האָט געשפארט פון אלטן יידן צי גאָר פון ספר וואָס האָט זיך געפונען אויפן שוואך באלויכטענעם טיש. דאָס איז געבליבן ווייט ארונטער. היינט איז ער איינער פון יענע וועמען מע טרעט אָפּ דעם וועג מיט יראת הכבוד.

„דורכגעמאכט א וועג“, האָט ער א טראכט געטאָן נעמענדיק אין די שמאָלע צו זיין גוף נישט פאסנדיקע דלאָניעס זיין שטארקן קארג און צופרידן געשמייכלט. „ווען די מאמע ... ווען דער טאטע ...“ די צעפליקטע שמאטעס האָט ער פארגעסן צוזאמען מיט זיינע יאָדעשלעוואטע און רוכלעוואטע ברידער. לייזער וואָלף קאָטיוגאר און די אויסגעטרוקנטע מוטער זענען אצינד — ווען ער האָט זיך ארויפגעארבעט, געוואָרן א לייט צו לייטן גלייך, ווען ער פארשאפט זיי נאָר פאר־געניגן — זענען זיי פאר אים אויסגעוואקסן אין א גאָר נייעם ליכט, אוים הונגער, אוים צרות, אוים נויט. זיי זענען גליקלעך וואָס דערלעבט אים צו זען אזא ווי ער איז איצט.

ניין, זשאָזעף האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אז זיינע טועכצן וואָלטן געקאָנט ארויסרופן ביי זיינע טאטע־מאמע אפשר די גרעסטע פארביטערטקייט, אז דער טאטע זיינער וואָלט פארשאָלטן די זריעה אלם אומריינע און זיין מאמע דעם טראכט וואָס האָט אזעלעכם אויסגעטראָגן. זשאָזעף האָט זיך דאָס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ער איז געווען צופרידן מיט זיך, ער האָט געהאלטן אז אלץ וואָס ער טוט איז לטובת הכלל. אזוי אויך אצינד ווען ער האָט געהאט פאר זיך

רבי אברהם הירשם אדרעס. ער האָט דערפילט זיין תקיפות און דער געדאנק אז ער קאָן אָפּצאָלן דעם בארימטן געלערנטן א חוב איז אים געפעלן ביז גאָר. איינצייטיק איז אים איינגעפאלן אז ראטעווען אזא יידן קאָן זיין צום גוטן אויך פאר אים. דער „צום גוטן“ איז דאָס מאָל געווען קאָמפּליצירטער און איינצייטיק אומקלאָרער ווי א מאָל ווען ער האָט געזוכט אן אָנשפּאר. דאָס מאָל איז עס געווען עפּעס מער. נישט צו עולם הבא האָט ער געטראכט. צו יונג פאר און צו פרעמד פון אזעלכע געדאנקען. דער עפּעס מער איז געווען נעפּלדיק, מטושטש, אומבאשטימט און כאָטש אזוי איז עס אים אויסגעקומען ווי א נויטווענדיקייט, כמעט ווי א מוז.

קודם כל, האָט ער באשטימט, דארף דער אדרעס פארשווינדן. ער האָט אים אויסגעשטראָכן פון דער רשימה און אָנגעשריבן מיט קלאָרע אותיות: „קאָנטראָלירט, נישטאָ מער אין דער וואוינונג. אָפּגעפאָרן אין דער פרייער זאָנע“.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער אָנגעקלאפּט אין דער טיר ביי רבי אברהם הירשן. ער האָט לאנג געווארט, ער האָט געטראכט אז דאָס וואָס ער האָט געשריבן אויפן צעטל נעבן רבי אברהם הירשם נאָמען איז אפשר אן אמת, דער פאמיליע איז אפשר געלונגען זיך עוואקואירן אין דרום-פראנקרייך. ער האָט אָנגעהויבן פאמעלעך מיט א נישט אָנגענעם געפיל זיך לאָזן צו דער טרעפּ, האָבן זיך דערהערט שלאבריקע טריט, די טיר האָט געעפנט אן עלטערע צום טויט דערשראָקענע פרוי. זי האָט געבעטן אריינגיין. זשאָזעף האָט זיך געלאָזט צום אלטנס צימער ווי איינער וועמען די וואוינונג איז באקאנט. ביים טיש, פאר אן אָפן ספר איז געזעסן מיט אן עטוואָס פארלוירענעם בליק רבי אברהם הירש. זשאָזעף האָט פארשטאנען אז דער הייליקער מענטש דערקענט אים נישט און אים האָט זיך געדאכט אז ס'איז בעסער אזוי. ער האָט פארזאָגט נישט פארלאָזן די שטוב, נישט מאכן קיין איבעריקן רעש און צוגעזאָגט אריינברענגען אָדער ארייננשיקן צוויי מאָל א וואָך די נייטיקע לעבנס-מיטל.

— דאָס בעסטע איז מע זאָל מיינען אז דאָס הויז איז פּוסט, אז קיינער וואוינט מער נישט אין דעם, האָט ער געעצהט און זיך אָפּגעזעגנט מיט א כמעט אָפּיציעלן גוטן טאָג.

דאָס ספר וואָס איז געלעגן אויפן טיש איז געווען א מסכתא פסחים, געבליבן אָפן ביי דעם זעלבן דף זינט א לענגערער צייט. ווען צו רבי אברהם הירשן זענען דערגאנגען די שמיעות וועגן פארשיקן יידן האָט עס אויף אים געמאכט א גוואלדיקן איינדרוק. סע זענען אים נישט געווען פרעמד די פּאָגראָמען אָנהייבנדיק פון אלטן רוים ביז פּוילן, רומעניע און אוקראַינע פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט. ער האָט דערפילט דעם ריח פון הרוגי מלכות און דער גערוך איז געווען כמעט

דער זעלבער וואָס פון גערגעלע וועלכעס מע לייגט אויף דער קערה כדי צו דער־מאָנען דעם קרבן פסח.

דאָס בלאַט ביי וועלכן רבי אברהם הירש איז געבליבן האָט געזוכט אן ענט־פער אויף רבא׳ס פראַגעס אין פאַרבינדונג מיט בדיקת חמץ. „רבא האָט געפרעגט: ווי אַזוי זאָלן מיר אַנטשיידן ווען אַ מויז איז אַריין אין אַ שטוב מיט אַ שטיק ברויט אין מויל און אַ מויז מיט אַ שטיק ברויט אין מויל איז אַרויס פון דעם זעלבן הויז, זאָגן מיר אַז ס׳איז די זעלביקע מויז וועלכע איז אַריינגעגאַנגען, אָדער מיר זאָגן אַז ס׳איז אַן אַנדערע מויז; אויב מיר באַשטימען אַז די מויז וואָס איז אַרויסגעקומען איז די זעלביקע וואָס איז אַריינגעגאַנגען ווי אַזוי וועלן מיר האַנדלען אין פאַל ווען אין הויז איז אַריין אַ ווייסע מויז מיט ברויט אין מויל און אַרויסגעקומען איז אַ שוואַרצע מויז מיט ברויט אין מויל, דאָס מאָל איז דאָך קלאָר אַז די מויז איז געווים אַן אַנדערע, קאָנען מיר זאָגן אַז די שוואַרצע מויז האָט צוגענומען דאָס ברויט פון דער ווייסער; און אויב מיר גייען אויס פון דעם אַז מייז נעמען קיין ברויט נישט אַוועק איינע ביי דער אַנדערער ווי אַזוי זשע זאָלן מיר אַנטשיידן ווען אַ מויז מיט אַ שטיק ברויט אין מויל איז אַריין אין הויז און אַרויסגעקומען פון דעם זעלבן הויז איז אַ ווייזעלע מיט אַ שטיק ברויט. אַ ווייזעלע קאָן דאָך באַשייד צונעמען דאָס ברויט פון דער מויז, זאָגן מיר אַז ס׳איז דאָס זעלבע ברויט אָדער אַן אַנדער שטיק ברויט, ווייל אויב דאָס ווייזעלע זאָל דאָס געווען צונעמען פון דער מויז וואָלט עס געהאַט אין מויל נישט נאָר דאָס ברויט נייערט אויך די מויז; און ווי וועט עס אויסזען, פרעגט ווייטער רבא, אויב דו וועסט אויסגיין פון געדאַנק אַז אין פאַל אין וועלכן דאָס ווי־זעלע זאָל געווען צונעמען דאָס ברויט פון דער מויז וואָלט עס אויך געהאַט די מויז אין מויל, ווי אַזוי זשע וועט עס אויסזען, פרעג איך, ווען אין שטוב גייט אַריין אַ מויז מיט ברויט אין מויל און אַרויסקומען קומט אַרויס אַ ווייזעלע מיט אַ שטיק ברויט און מיט אַ מויז אין מויל, קאָנען מיר דאָס מאָל זאָגן אַז דאָס איז די זעלבע מויז, אָדער זאָגן מיר אַז ווען דאָס זאָל זיין די זעלביקע מויז וואָלט דאָס ברויט געדאַרפט זיין אין איר מויל, צי זאָלן מיר גאָר אויסגיין דערפון אַז די מויז האָט פאַר שרעק אַרויסגעלאָזט דאָס ברויט פון מויל און דאָס ווייזעלע האָט עס אויפגעהויבן״.

און רבא האָט באַקומען דעם קורצסטן פון אַלע ענטפערס:

„תיקו.״

רבי אברהם הירש האָט געלייענט און ווידער געלייענט דעם זעלבן אָפּשניט, שטיין געבליבן מיט גרויס חידוש, געדרינצלט דעם שטערן, נישט געקאָנט פאַר־שטיין ווי אַזוי האָט מען געקאָנט לאָזן אַזאַ פראַגע אָן אַ קלאָרן ענטפער. שעהן

און טעג איז ער געזעסן און איבערגעחזרט די זעלבע פראגעס און ווען אויגן האָבן זיך צוגעמאכט פון מידקייט איז אויסגעוואקסן א וואלד מיט פאסטקעס און כאפּשטייגעלעך, צווישן זיי סטאדעס מייזלעך וואָס לויפן הין און הער, מיידן אוים די געפאר מיט ווילדער געשיקטקייט ביז סע באווייזן זיך נישט מער ווי זעקס וויזעלעך און צווינגען זיי אריין אין די שטייגעלעך, די וויזעלעך פאר־שווינדן צופרידענע, די אַנדנאַיקע שטייגעלעך הייבן זיך אויף געצויגענע פון נישט געזעענע שטריקלעך און די מייז ווערן ווידער פריי, לויפן ווידער זוכן ברויט־קראָשקעס נישט באמערקנדיק אז די פאסטקעס זענען ווידער אויף זייער פלאץ. פון קאָשמאר פלעגט דער אלטער מאן אויפצוקן א נאָך מידערער און דערשראָקענער, ביז ס׳איז אים איינגעפאלן אז דער חלום האָט א מיין; דאָס מיינט מען אים, דאָס פאָדערט מען פון אים דעם ענטפער, אויף אים איז חל אויסצוגעפינען די לעזונג און אויב ער וועט זיך צו איר דערטראכטן וועט עס הייסן אז ס׳האָט אָנגעהויבן די עפּאָכע וואָס רופט זיך משיח׳ס צייטן און דערמיט בארעכטיקן אלץ וואָס געשעט אויף דער וועלט.

אָט אין וואָס פאר אן אומעגלעכער לאגע ס׳האָט זיך געפונען רבי אברהם הירש. אָבער דאָס האָט נישט געוואוסט און נישט געקאָנט וויסן זשאָזעף. אים איז געווען קלאָר אז דער הייליקער ייד איז פארנומען מיט פאר אים נישט צוגענג־לעכע זאכן און דער עיקר איז אים ראטעווען און ראטעווען אזא מענטשן קאָן דינען זיין, זשאָזעפס, אייגענעם נאָמען.

*

אין דער געשיכטע פון יענע צייטן ווערן צוויי געשעעניש באצייכנט מיטן וואָרט „גרויסע״. די ערשטע געשעעניש איז די „גרויסע אַבלאווע״. אָט וואָס סע דערציילט וועגן אָט דער געשעעניש דער לעבנגעבליבענער חנן — לעבנגע־בליבן ווייל צו יענער צייט האָט ער נישט געטראָגן זיין אייגענעם נאָמען, נישט געהאט קיין אדרעס און אָפט מאָל נישט געטראָגן אפילו זיין אייגן פנים.

וועגן דער גרויסער אַבלאווע דערציילט חנן זעלטן. זעלטן דערציילט ער אנ־דערע און זעלטן זיך אליין. ווייל אין דער זעלבער צייט ווען ס׳איז פאָרגעקומען די גרויסע אַבלאווע האָט זיך אָפּגעוויקלט אן אנדער געשעעניש זייער ווייט פון פאריז, כמעט אויף אן אנדער עק וועלט, א געשעעניש וועגן וועלכן ער קאָן נישט מער ווי טראכטן. דערוואוסט וועגן דעם האָט ער זיך א סך שפּעטער, אָבער ביי אים אין מח ליגן אָט די צוויי געשעעשינגן אין דעם זעלבן קנייטש. און ווי נאָך ער הייבט אָן דערציילן וועגן דער אַבלאווע וואקסט אוים דאָס אנדערע מיט דער גאנצער גרויזאמקייט און נעמט אים אָפּ דאָס לשון. דערפאר הייבט ער שטענ־

דיק אָן מיט אַ פּויזע. די צוהערער מיינען אז דאָס וויל ער זיך בעסער דערמאָנען איינצלהייטן. דער אמת איז אַן אנדערער. ער מוז לאָזן זיך אָפּוויקלען די אנדערע. דער פילם פון יענער פּאסירונג — אפשר איינע פון טויזנטער אָבער פאַר אים נעגטער, איינגבלוטיקער פון אלע — וויקלט זיך אָפּ מיט פארלאנגזאמטע באוועגונגען, יעדע באוועגונג יעדע סעקווענץ דויערט זעכצן מאָל מער ווי אין דער ווירקלעכקייט און דערמיט ווערט זי פּרעגנאנטער, לאָזט זיך שווערער אויפן געמיט. ליימט די גלידער. אפשר איז דער אופן אָפּוויקלען זיך פון יענע גרויזאמקייטן אזעלכער ווייל דאָס גאנצע איז ווידערגעשאפן געוואָרן, געשען צום צווייטן מאָל אין זיין אייגענעם דמיון.

חנן שטאמט פון אַ שטעטעלע-קאָלאָניע וואָס רופט זיך מארקולעשט. „שטעטעלע-קאָלאָניע“ איז עס ווייל סע געהערט צו יענע געציילטע שטעטלעך אין וועלכע די איינוואוינער זענען געווען נאָר יידן און אָפּגעגעבן האָבן זיי זיך מיט ערדארבעט. אַ טייל פון זיי זענען געווען בעלי מלאכות אָדער קליין-הענדלער. מיט דער צייט זענען אַ טייל פון די הענדלער געוואָרן סוחרים און פארלאָזט די ערד-ארבעט. דער הויפּט הערשער איבערן שטעטל איז געווען אָרעמקייט. נאָך דער ערשטער וועלטמלחמה האָט זיך דאָרט נאָך מער באזעצט די אָרעמקייט. אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע האָבן פארלאָזט דאָס שטעטל, זיך געלאָזט אין דער וועלט זוכן ברויט. צווישן זיי איז געווען אויך חנן וועלכער האָט געוואנדערט ביז ער האָט אָנגעשפּארט קיין פּאריז. אַ קנאפּ יאָר פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה, אָדער גאָר אין ברען פון דער מלחמה, האָט דאָס שטעטל געביטן צוויי מאָל די מדינה אָנגעהעריקייט. איבערגעגאנגען פון איין רשות אין צווייטן, און ביידע מאָל מיט גרויסע איבערקערענישן. די פארבינדונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן און חנן האָט אַ לאנגע צייט גאָרנישט געוואוסט וועגן זיין משפּחה. איבערגעלאָזט אין שטעטל האָט ער אַ טאטן און צוויי שוועסטער.

... קויט, קוים באוועגט זיך איבער דער גאס וואָס פירט צור טאָלעקע אַ גרויפּע סאָלדאטן מיט צווייִשפּיציקע קאשקעטן. זיי גייען נישט, זיי שוועבן, יעדער אבר שוועבט פאר זיך: אַ האנט, די צווייטע, אַ פוס, דער אנדערער, די ביקס, דער באגנעט, די פּאָלעס פון שינעל, אָט שוועבט אַ סאָלדאט, אין דער רעכטער האנט האלט ער חנה׳ס צעפּ. איר האנט באוועגט זיך לאנגזאם, גלייך סע זענען פון איר אויסגערינען די כוחות, זי וויל דעם סאָלדאט אַ זעץ טאָן אין דער נאָז ער זאָל מוזן אָפּלאָזן אירע האָר, רירן זיך די הענט קוים, קוים, פּאמעלעך, דער קלאפּ איז קראפטלאָז, באַרירט קוים דעם סאָלדאטס פון צאָרן פארקרומטן פּרצוף. מיט ווייטיקלעכער לאנגזאמקייט דרייט זי אוים דעם קאָפּ, זען וואָס סע געשעט מיט אירע צוויי קינדער וועמענס געשרייען סע הילכן ווי הארמאטן קנאלן. אויך

זיי שוועבן געשלעפּטע פון צוויי זיך קוים רירנדיקע פון דער ערד אָפּגעריסענע סאָלדאַטן. אַביסל ווייטער פאַרטיילנדיק יעדע באַוועגונג אין אירע קלענסטע באַשטאַנדטיילן קומט יהודית געטריבן פון אַ זעלנער. דער שאָטן פון צווישפּי-ציקן קאַשקעט שווימט לענגאויס דער וואַנט פון אַ קליינער כאַטע, דויערט דאָס געשווים פון איין פענצטערל צום צווייטן אַ שעה אָדער אַ יאָר, יהודית טראָגט אַ גרויסן בויך, זי איז אין די הויכע חדשים, אפשר אין ניינטן, דורך דעם דינעם ציצענעם קליידל זעט מען ווי דאָס קינד קלאַפּט מיטביידע פיסעלעך ווי אין אַ פויק. ווייטער קומט בנימין, זייער טאַטע, דער זיידע פון חנה'ס צוויי קינדער און פון דעם וואָס קלאַפּט אַצינד דעם באַראַבאַן, און נאָך ווייטער די איבעריקע סאָלדאַטן וועלכע גייען אין דעם זעלבן ריטם ווי די ערשטע, ווי חנה, ווי די קינ-דער, ווי יהודית. נאָר בנימין לויפט, אָבער אָניאָגן די טעכטער און אייניקלעך קאָן ער נישט. עפּעס אַ מאָדנער כוח האַלט אויף זיינע טריט; ער וואַרפט די פיס פאָרויס אָבער די ערד באַטרעטן זיי אויף אַרונטער און ער בלייבט די גאַנצע צייט צווישן די וואָס גייען פאָרויס און די וואָס קומען זיי נאָך. אַזוי גייען זיי איבער דער ברייטער נישט געפּלאַסטערטער גאַס וואָס פירט צור טאָלעקע, הייבן אויף אַ געדיכטן פאָרעך כאָטש זייערע טריט זענען שרעקלעך לאַנגזאַמע.

דאָס גראָז אויף דער טאָלעקע איז אָפּגעברענט, דאָס יאָר זענען כמעט קיין רעגנס נישט געפאַלן. אַ פאַרלוירענע פּאַשעט אַן איינזאַמע קו. פון ווייטנס פאַרבט זיך אַ גרינער פלעק און אין מיטן אַ קלאָץ מיט אַ רויטער האַק. ווען זיי קומען נישט ווייט פון גרינעם פלעק וויקלט זיך דער פילם מיט טייוולאָנישער געשווינד-קייט, דער סאָלדאַט וואָס פירט חנה'ן כאַפּט זי פעסטער ביי די האָר, רייסט איר קאָפּ אויף אַרונטער. די אַנדערע צוויי סאָלדאַטן שלעפּן די קינדער צום קלאָץ, די האַק הייבט זיך און פאַלט ווי אַ בליץ, די קעפּעלעך פון די קינדער שפּרינגען אָפּ פון די גופעלעך, חנה עפנט דאָס מויל, וויל אויסשרייען איר וויי, די אויגן קריכן פון די לעבער, אַן אוטאָמאַט ליידיקט אויס די קוילן אין איר ברוסט. נישט ווייט פון קלאָץ שטייט יהודית, זעקס שאָסן טרעפן איר בויך, דאָס באַראַ-באַנעוועז אין בויך ווערט פאַרשטומט, אַצינד קאָן מען אויך זי שיסן, בנימין פּרוּווט זיך וואַרפן ראַטעווען, די טאָלעקע לאַכט הילכיק און איר געלעכטער באַגלייטן דער גאַנצער סאָלדאַטן-גרופּעס אוטאָמאַטן.

מיט נאָרמאַלע באַוועגונגען לאָזט זיך די גרופּע אויפן וועג צוריק לענגאויס דער ברייטער נישט געפּלאַסטערטער גאַס. זיי גייען ברעגנגען אַנדערע. חנן ציטערט אויף, די לייוונט איז ווייס — מאַט ווייס.

אַצינד קאָן ער דערציילן וועגן דער אַבלאַווע.

חנן דערציילט: „די גרויסע אָבלאַווע איז אדורכגעפירט געוואָרן פון טויזנ־טער פּאָליציסטן. זיי זענען ארוים פון אַלע פּאַריזער פּאָליציי־אָפּטיילונגען ביים צופאַלן פון דער נאכט. דער אָביעקטיוו איז נישט געווען רייניקן די גאַסן, אויס־געפונען ווער ס'איז עובר אויפן באפעל נישט צו פארלאָזן נאָך א געוויסער שעה די שטוב... אויסגוצנדיק דעם באפעל האָט מען גערארפט געפינען אויף די אָנגעוויזענע אדרעסן די פון פריער באשטימטע פאמיליעס אין זייער גאנצן באשטאנד און זיי אָפּפירן קיין דראנסי. אויך ביז דעמלט האָט מען געכאַפּט, געמוטשעט, געמאטערט און דעפּאָרטירט אין געשלאָסענע פראכט־וואגאָנען. די גרויסע אָבלאַווע, די אקציע „דראנסי" האָט איבערגעשטיגן אַלץ וואָס איז ביז דעמלט געשען סיי מיט דער צאָל, סיי מיט דער אומרחמנותדיקייט מיט וועלכער מ'האָט געטריבן טויזנטער פאמיליעס, פון קליין ביז גרויס, און זיי געזאמלט אויף דעם גרויסן סטאדיאָן. וועגן דעם ווער ס'איז געווען דער הויפּט איניציאַ־טאָר, וועלכע פון די אויטאָריטעטן, די דייטשע צי גאָר די פראנצויזישע האָבן ארויסגעוויזן מער אייפערדיקייט און איינצייטיק זייער אמתן פּרצוף, זייער הארצ־לאָזיקייט, וועגן דעם קאָן מען שטעלן אזוי פיל פראגעס וויפל ס'האָט געשטעלט רבא אין פארבינדונג מיט דעם שטיקל חמץ וואָס ליגט אין א גרוב. דער ענטפער וועט אפשר א לאנגע צייט זיין דער זעלבער: דערוויילן קאָן מען נישט אנטשיידן. א פאקט איז אז דאָס געוואלד וואָס האָט זיך געטראָגן און געוואָיעט אין יענער נאכט איבער דער שטאָט, דאָס אכזריות מיט וועלכן מ'האָט געיאָגט די מענטשן, דאָס צוזאמענטרייבן אזויפיל צענדליקער טויזנטער אויפן שטח פון א סטאדיאָן אָן א דאך און אָן שום מענטשלעכע באדינגונגען האָט ארויסגערופן דעם צאָרן פון שטאָט. די אויפרעגונג פון דער באפעלקערונג איז געווען אזוי גרויס אַז זי האָט געצוואונגען די זעלבע אינסטאנצן וועלכע האָבן דאָס אָפּגעטאָן עפּעס נאָכ־צוגעבן, טאָן עפּעס וואָס זאָל אויסזען ווי גנאָד פון זייער זייט, מיט עפּעס שטילן דעם המונס אויפרעגונג. אזוי האָבן די זעלבע אינסטאנצן ארויסגעלאָזט דעם סלוך אז אויב סע געפינען זיך פראנצויזישע פאמיליעס וועלכע ווילן ארויסנעמען פון דאָרט קינדער קאָנען זיי דאָס טאָן אָבער מיטן תנאי אז די קינדערס עלטערן זאָלן מסכים זיין איבערצוגעבן זייערע קינדער קריסטלעכע משפחות.

אויף דעם ערשטן אָנבליק קאָן דאָס, מיט די עלטערנס הסכמה, אויסזען אָן אבסורד. וועלכע עלטערן וועלן זיך אָפּזאָגן פון לאָזן ראטעווען זייערע קינדער פון גיהינום? איז עס אָבער נישט אין גאנצן אזוי. דעמלט, ווי היינט, האָבן זיך געפונען אזעלכע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון עמעצן אָנפארטרויען זייערע קינדער, זיך שיידן פון זיי, זיי האָבן געהאלטן אז אויב אומקומען זאָל מען אלע צוזאמען און נישט געוואָלט איבערגעבן אייגן בלוט און פלייש אויף גאָטס בא־

ראָט. אפשר אויך דערפאַר ווייל גאָטס אויטאָריטעט איז אין זייערע אויגן אַזוי נידעריק געפאַלן און זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז דערמיט פאַר־שטאַרקן זיי זיין שוין אַזוי געגנוג ווילדן צאָרן וואָס האָט זיך געגאָסן מיט פעך און שוועבל איבער יידישע הייזער, אַלץ פאַרשרפעט און אָפּגעווישט סע זאָל קיין זכר נישט בלייבן... כאָטש נישט דאָ איז געווען דער אמתר סדום.

פראַנצויזישע פאַמיליעס וועלכע זאָלן נעמען קינדער מיט די עלטערנס הסכמה און אויך עלטערן וואָס זאָלן מסכים זיין צו פּרואוון וואָס נאָר מעגלעך צו ראַטעווען זייערע קינדער, האָבן זיך געפונען. אין גאַנצן אַכצן מאָל אַכצן יינגע־לעך און מיידעלעך. די צאָל האָט געדאַרפט זיין אַ סימן, אַ ווינק אַז זיי וועלן אַלע בלייבן לעבן. די קינדער, דערציילט ווייטער חנן, האָבן מיר פאַרטיילט צווישן גוטוויליקע פויערים אין די אַרומיקע דערפער, באַרימהאַרציקע פויערים וואָס זענען גרייט געווען העלפן ראַטעווען מענטשנלעבנס אָפּגעבנדיק אַ טייל פון זייערע קינדערס ביסן און נעמענדיק אויף זיך דעם ריזיק אַז אויב מע וועט די קינדער אַמאָל זוכן און ביי זיי געפינען וועלן זיי מוזן טראָגן דאָס אחריות, כאָטש װעגן דעם האָט קיינער נישט גערעדט. אויך מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן געקאָנט אַרויסצוהעלפן די פויערים משפּחות. אַזוי ביז מיר האָבן מער קיין מיטלען פשוט נישט געהאַט. דעמלט האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער קהילה אַנפירערשאַפט זי זאָל קומען צו הילף.

די קהילה אָנפירער האָבן נישט אָפּגעזאָגט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אַרוים־געוויזן ברייטהאַרציקער ווי מיר האָבן זיך געריכט. געלט און לעבנסמיטל — קאַרטעלן האָבן זיי געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט איין מאָל און נאָך אַ מאָל. צום דריטן מאָל האָבן זיי געוואָלט וויסן וועמען זיי געבן, זיך איבערצייגן אַז דאָס וואָס זיי געבן איז באמת פאַר יידישע קינדער. אַזוי האָבן זיי פון אונדז באַקומען די נעמען און אַדרעסן פון יענע אַכצן מאָל אַכצן קינדער."

געוויינטלעך פלעגט זשאָזעף באַזאָרגן רבי אברהם הירשן נישט מיט זיין איינגעבער האַנט. ער האָט געהאַט געגנוג מענטשן וועלכע ער זאָל באַפעלן זיי זאָלן זיך דערמיט פאַרנעמען. אַ לאַנגע צייט האָט ער אפילו אויסגעמיטן זיך צו באַ־ווייזן אין דער נאָענט פון רבי אברהם הירשס וואוינונג. די מעגנימאַלטאַן גאַס דערמאָנונגען זענען אים נישט שטענדיק געווען צום האַרצן. זיי פלעגן צו מאָל אָנוואַרפן געמישטע געפילן, אַזעלכע וואָס האָבן געשטערט זיין זיכערקייט מיט זיך אַליין, דערצו זענען זשאָזעפן געשטאַנען צום רשות מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, מיט פאַרשידענע באַנעמונגען. זיי האָבן געקאָנט זייער שטעטל באַשטיין און מ'האָט געמעגט זיך אויף זיי פאַרלאָזן, האָבן צו זיי פולן צוטרוי.

די דראנסי אקציע, ווי מע זאָל זי נישט געווען וועלן פארגעסן, האָט איבערגעלאָזט א ביטערן נאָכטעם. נישט מחמת רחמנות אָדער געוויסנסביסן, אזעלכע צייטן זענען נישט אָנגעמאָסטן דערצו. דער נאָכטעם איז מער א סאָרט דראָזש, א קילקייט אזא וואָס גייט איבער דער הויט ווען מע ריכט זיך אמווייניקסטן. אפשר אויך דערפאר ווייל דאָס ווידערקול פון יענער נאכטס וואָיען האָט זיך נישט געלייגט, עס איז ערגעץ געבליבן הענגען און פון צייט צו צייט אומהיימלעך באַרירט די אויערן. אין אזעלכע מאָמענטן פלעגט זיך זשאָזעפן וועלן א קוק טאָן ווי סע זעט אוים מיט זיין דאָיקן אָנשפאר. ער איז געווען זיכער אז דער הייליקער מענטש ווייסט גאָרנישט וועגן געשעענעם, אז דאָס צוזאמענטרייבן און פארשיקן אזוי פיל טויזנטער פאמיליעס איז צו אים נישט דערגאנגען. אין א טאָג איז ער ארויף די טרעפ אָנגעקלאפט אין דער טיר אָפגעבנדיק דעם באַשטימטן צייכן אז מע מעג עפענען. די פרוי האָט אויסגעזען זייער געעלטערט. רבי אברהם הירש איז געזעסן לעבן טיש מיט דער אָפענער מסכתא פסחים, געקוקט אויף דעם זעלבן דף. זיין בליק איז געווען א נאָך מער פארלוירענער. זשאָזעף האָט דאָס צוגעשריבן רבי אברהם הירשס פארטיפטקייט אין פאר אים פרעמדע זאכן. אויב די הויפט פראגע וואָס האָט געמוטשעט דעם אלטן איז אים באמת געווען פרעמד, איז אים אָבער דער קרעכץ וועלכן האָט ארויסגעזיפצט געווען א ביז גאָר באקאנטער.

— וואָס פעלט אייך? האָט זיך פאראינטערעסירט זשאָזעף.

— מיר פעלט שוין כמעט גאָרנישט, ווען נישט די ווענט...

— וואָס איז מיט די ווענט? האָט געפרעגט זשאָזעף מיטן אָנהויב פון א שמייכל. ער האָט געמיינט אז דער אלטער באקלאָגט זיך אויף דער אָפגעזונדערטקייט אויף זיין צו לאנגער אָפגעשלאָסנקייט אין צימער.

— זיי וואָיען און קרעכצן, די ווענט... סע שפארט פון זיי אן אייביק געוויין... נאָך דראנסי...

זשאָזעפן האָט גלייך אָפגענומען דאָס לשון. ער האָט נישט געוואוסט צי איז עס א פאָרוואורף, וואָס ווייסט דער אלטער וועגן דער גרויסער אָבלאווע און וועגן דראנסי; צי אפשר טיילט ער פשוט מיט אים זיין אומדערטרעגלעכן טרויער, אזוי ווי סע פירט זיך צווישן נאָענטע. וואָס ווייסט ער וועגן דער גאנצער געשיכטע? אויף וויפל איז אים באקאנט, איז צו אים דערגאנגען וואָס פאר א ראָל ער שפילט אין די קהילה אינסטאנצן? דעם אלטנס בליק איז געבליבן, ווי פריער, פארלוירן אין אנדערע וועלטן און דאָס האָט זשאָזעפן בארואיקט. דער אלטער איז אים זיכער דאנקבאר פאר זיין באזאָרגן אים מיט אלעמען און אויך מיט

דער גויטיקער רו זיך צו קאָנען אָפּגעבן מיט זיינע העכערע ענינים. און ער זאָגט איט זיין אָנשפּאַר נישט אָפּ. פאַרקערט. ער איז אוועק א צופרידענער.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די העכערע, דאָס מאָל נישט קהילה אינסטאַנצן נאָר די פּאַר אַלע אָפיציעלע אינסטאַנצן האָבן געפאָדערט נייע ליסטעס, א נייע רשימה פון מענטשן וועלכע מע זאָל שיקן אויף מזרח. ס'איז נישט געגאַנגען אין דער עלטער פון די וואָס דאַרפן געשיקט ווערן, ס'איז געגאַנגען אין דער צאָל. זשאָזעף דערמאָנט זיך נישט צי איז ער געווען דער וואָס האָט עפּעס געזאָגט וועגן די קינדער וועלכע געפינען זיך אין די אָרומיקע דערפער, צי האָט דערפון דערמאָנט אַן אַנדערער און ער האָט „געמוזט" אונטערטראָגן די רשימות, איינס איז זיכער די ליסטעס מיט נעמען און אַדרעסן האָבן געפירט צום גרויסן טאָג, צום טאָג וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי דער פּאַריזער יום כיפור, אָדער ווי די פראַנצויזן זאָגן: „לע זשור די גראַן פּאַרדאָן".

אָט ווי עס דערציילט וועגן אָט דעם טאָג חנה. אויך א לעבנגעבליבענע. לעבנגעבליבן ווייל אָן אַן אַדרעס, אָן דעם אייגענעם געשטאַלט, אָט אויסגעוואַקסן אויף הויכע אָפּצאַסן, אָט דיק געוואָרן מיט קיילעכדיקע קישעלעך, אָט באַקומען גרויסע ברוסטן, אָט זיך געביטן דאָס פּנים נישט צום דערקענען. אויף אַלץ וואָס איינעם מותר געווען, נאָר נישט אויף הארץ, נשמה און געפילן. אויף א טייל געפילן יאָ, ווייל די צייט איז אַזעלכע וואָס פאָדערט האַרטקייט, האַרטקייט לגבי זיך גופא, צו מאָל אויך כלפּי אַנדערע. די האַרטקייט האָט געפירט איבער א גלייכגעוויכט דראָט, נאָר אָן איבערבויגן, נישט אָפּווייכן א מילימעטער רעכטס אָדער לינקס, דער קלענסטער איבערבויג, די מינדסטע אָפּווייכונג קאָן דערפירן אין אַן אַנדער מחנה, קאָן דערקייקלען ביז זשאָזעפן.

אוי, יאָסל מאיר, יאָסל מאיר פּאַסקודניאַק! איז דיר נישט גענוג געווען די אונטערוועלט! האָסט געקיניגט איבער א פרייער וועלט, א וועלט וואָס וויל פון קיין נאָרמעס נישט וויסן, א וועלט אָן רעמען, אָן געזעצן און געזעצלעכקייט; א דזשונגל, זאָגן אייניקע, אָבער אין וועלכער אַלע האָבן די זעלבע מעגלעכקייטן צום פאַרציקן, צו רויבן, צו רייסן שטיקער, אויסצושטעכן אויגן, גיסן וויטריאָל אין פּנים, אָפּרייסן אָן אויער, אָפּבייסן די נאָז, א וועלט פון מאָן דאַלים גבר, א וועלט אין וועלכער דאָס לעצטע וואָרט האָבן קולאַקעס, ציין, נעגל, וואָס האָט דיר געטויגט דער פּאַרעווע זשאָזעף? האָסטו נישט געוואוסט אַז שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן איז דער נאָמען מסוגל צו ברענגען דערצו אַז די אייגענע מאַמע זאָל פאַרשעלטן איר טראַכט און דער טאַטע זיין זריעה? וואָס וואָלט דיך געווען געאַרט לייזער וואָלף זאָל ליגן א רואיקער כאָטש אין קבר, דיין מאַמע, די דאַרע,

די אויסגעטרוקנטע זאָל אים דינען אין כבוד אלס א געטריי פוס-בענקעלע ערגעץ אין א פּלאַץ וועלכעס זיי וועלן האַלטן פאַר א גן-עדן? דו שטעלסט דיר נישט אַזעלכע פראַגעס און אויך די לעבנגעבליבענע חנה שטעלט זיי דיר נישט. פאַר דיר זענען דאָס קיין פראַגעס נישט און חנה האָט זיך שוין לאַנג איבערצייגט אַז זיי קאָנען מיט גאָרנישט העלפן, אפשר דערפאַר טוט איר באַנג וואָס זי האָט נישט אָנגעהויבן איר עדותשאַפט אָפּלייגן מיט א צייט שפּעטער.

חנה דערציילט: „מיין עדות זאָגן האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען. אפשר ווייל איך האָב אָנגעהויבן צו פרי. אפשר באמת נישט געדאַרפט אָנהייבן, נישט געדאַרפט דערמאָנען דערין אַז קהילה-חברה האָט געמאָנט נעמען און אדרעסן. אפשר נישט געדאַרפט דערמאָנען די צאָל אכצן מאָל אכצן. נאָך אַלעמען איז די צאָל סיי ווי נישט געבליבן די זעלבע. נישט געבליבן די זעלבע נישט פון די אומגעקומענע, נישט פון די לעבנגעבליבענע. א טייל איז געלונגען צו ראַטעווען. געוואָלט האָבן זיי ווייזט אוים ווימן — אויב זיי האָבן באמת עפּעס געוואָלט ווימן — נאָר וועגן טאָג וואָס איז געוואָרן דער פאַריזער יום כיפור. ווימן האָבן זיי אפשר געוואָלט מער וועגן די חסידי אומות העולם, יענע וואָס האָבן דעם טאָג א נאָמען געגעבן „לע זשור די גראַן פּאַרדאָן“, דאָס איבעריקע איז צו קאָמפּליצירט, וועגן איבעריקן מוז מען דאָך זוכן מילדערנדע אומשטענדן, אויב מע וויל נישט אַוועקשטעלן דעם הענקער אויף דער זעלבער מדרגה מיט זיין העלפערס-העלפער, כאָטש דאָס איז מיר נאָך לגמרי נישט קלאָר, אפשר איז לייכטער און בעסער צו דערציילן כל ערליי מעשיות וועגן לייכטזיניקע און ווייניקער לייכטזיניקע נקבות איידער וועגן שטעכלדיקע פראַגעס. מיט איין וואָרט מיין עדות זאָגן האָט מען נישט אָנגענומען. אַצינד וועל איך אָבער דערציילן נישט מער ווי וועגן דעם טאָג.

ס'האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג אַז די קינדער האָט מען געזאַמעלט און אַז די מיט זיי פאַרלאָרענע קאַמיאָנען וועלן פאַר דעם ענדגילטיקן אָפּפאָרן זיך געפינען פאַר דער פּאָליציי. פאַר דער געשטאַפּאָ אָדער גאָר פאַר דער פערמאַנענץ פון דער יידישער קהילה. א זייער קאָמפּליצירטע סיטואַציע. כל זמן מע ווייסט נישט פּינקטלעך איז כמעט אומעגלעך אָנצונעמען א באַשלוס. אויב מע וועט נישט ווימן ביז דער לעצטער מינוט הייסט עס דריי מאָל אַזויפיל מענטשן. וועט מען געפינען אַזא גרויסע צאָל מענטשן וועלכע זאָלן גרייט זיין זיך מקריב זיין? וואָלטן זיי, אָט די מענטשן, זיין אָן א צאָל, וואָלט די אויפגאַבע מיטאַמאָל געוואָרן לייכטער. אויב זייער צאָל וועט אָנצאָליק מוזן ווערן אויך די וואָס יאָגן זיך נאָך זיי אָנצאָליק. צום מענטשלעכן גליק זענען נאָך קיין מאָל די יאָגערס נישט געווען אַזויפיל אַז זיי זאָלן זיך קאָנען יאָגן נאָך אַן אָנצאָליקער מאַסע.

וואו נעמט מען אזא מאסע? וועט דער קלאנג, דער סלוך זיין אזוי שטארק, וועלן זיך געפינען אזויפיל פליגל זיי זאָלן אים צעטראָגן בליץ שנעל איבער דער גאַנצער שטאָט, וועט זיין יאָמער זיין אזוי הארצרייסנדיק אז מע זאָל אים נישט קאָנען ווידערשטיין און זיך ארויסלאָזן אלע, קינד און קייט, אויף די גאסן און פרואוון ראטעוועז דאָס וואָס ס'איז צו ראטעוועז?

אזעלכע זענען געווען די פראגעס און אזוי האָט אויסגעזען אונדזער אלעמענס צווייפל און פארצווייפל. און מיר האָבן זיך אָפגענארט. די צאָל געקומענע איז געווען אָנצאָליק. די געשרייען: שפּרינגט! שפּרינגט קינדער! האָט קיין מורא, שפּרינגט פון די קאמיאָנען! זענען געגאנגען ביז דער סאמע הייך פון הימל. די קינדער זענען געשפּרונגען, די פראנצויזן האָבן זיי געכאפּט הינטער זייערע פּאָלעס, איבערגעגעבן איינער דעם אנדערן ביז זיי זענען אנטרינען געוואָרן פון הענקערס האנט. ער האָט זיי נישט געקאָנט דערגרייכן...

אָבער נישט אלע..."

אזוי דערציילט די לעבנגעבליבענע חנה וועגן יענעם פאריזער יום כיפור טאָג וועגן „זשור די גראַן פאַרדאָן".

*

אין דעם זעלבן טאָג האָט רבי אברהם הירש זיך זייער דערנענטערט מיטן שכלאון מיט דער הילף פון רוימלעכע הייכן, צום ענטפער אויף דעם תיקו פאר וועלכן ער איז געזעסן אזויפיל חדשים ווי פאר אן אומדורכברעכלעכער מויער. פּלוצים האָבן זיך די שטיינער, יאָרהונדערטער אלטע שטיינער, אָנגעהויבן באַוועגן, צערוקן, א בליץ האָט דורכגעבראָכן די פינצטעריש, אין מח האָט אויפגעהעלט דער ענטפער וועלכן אָט, אָט און די ליפּן וועלן אים ארויסברענגען א קלאָרן, קיילעכדיקן, פשוטן, יעדן איינעם פארשטענדלעכן...

דורך די ווענט האָט זיך אריינגעריסן דער יאָמער פון די גאסן, דאָס געשריי פון המון און פון כשרע קינדער נשמות, דער ענטפער איז פארשווינדן אין די הייכן נאָך איידער ער האָט אים באוויזן ארויסצורעדן מיט ווערטער און צוזאמען מיטן ענטפער רבי אברהם הירשס נשמה.

פארמאכן די גמרא האָט ער נישט אוספּייעט. זי ליגט נאָך היינט אָן אָפענע אויף דער מעניםאָלטאן גאס וואָס נישט ווייט פון בעלוויל אין א מיט סלופּעס אונטערגעשפּארטער שטוב. די וואוינונג איז פּוסט...

*

וואָס ווייטער?

ווייטער וואָלט אייגנטלעך נישט געווען וואָס צו דערציילן ווען נישט די באבע צפּרה. זי איז די איינציקע וועלכע באווייזט זיך פון צייט צו צייט און ריידנדיק

כאַפּט זיך בײַ איר אַרום אַ סוד װעלכן מע װאָלט אפשר נישט געדאַרפֿט דערצײלן. װען זי טוט דאָס נעמט מיך אַ מורא. די מורא איז אַז איר זאָל חס וחלילה נישט געשען עפּעס אַן אומאָנגענעמלעכקײט. אױסדערצײלן סודות איז מען געװײנט־לעך נישט מוחל.

די באָבע צפּרה האָט דערצײלט אַז רבי אברהם הירש איז אָנגעקומען צו זײ נאָך דעם װאָס זײַן אױסגעפֿונענער ענטפֿער אױף די האַרבע קשיאות װאָס האָבן אַמאָל געמוטשעט רבא׳ן האָט זיך אַראָפּגעזעצט פֿאַר דעם כּסא הכּבוד. װי נאָר דער ענטפֿער האָט דערגרײכט צו רבא׳ן האָט ער זיך געאײלט באַגעגענען מיטן געהעריקן כּבוד רבי אברהם הירשן. ער איז דער ערשטער װאָס האָט געפֿונען באַשײד פֿאַר אַ כּמעט צװײטױזנט יאָריק אַלטן תּיקו באַפּרײט תּשבין פֿון דער טירחה אים אַראָפּצוטראָגן דעמלט װען ער װעט קומען אַן אָנגעלאָדענער מיט הונדערטער ענטפֿערס. דערצו האָט עס רבא געהאַלטן פֿאַר זײַן חוב מחמת דער דירעקטער שײַכות װאָס ער האָט מיט די פֿראַגעס װאָס ער האָט אַמאָל אָנגעװאָרפֿן.

װען רבי אברהם הירש האָט דערזען אַז אױף אים װאַרט רבא בכבודו ובעצמו און איז גרײט אים אַרומנעמען מיט זײַנע הײליקע אָרעמס, האָט ער אױסגעשריגן אַ דערשיטערטער:

— נײן, נײן! חס וחלילה! כ׳בין דאָס נישט װערט! מיר קומט דער שאול תּחתּיה, דער ערגעסטער גיהינום.

צו דער מסקנה איז געקומען רבי אברהם הירש אין דער צײַט פֿון פּלי אין די הימלען. אין אָט די עטלעכע אױגנבליקן איז אים אַלץ אַנטפּלעקט געװאָרן אױך װער ס׳איז געװען זײַן אַפּוטרופּס אין די שרעקלעכע יאָרן. ער האָט געש־ריגן גיהינום װײַל ער האָט נאָך נישט געװאוסט אַז קײן גיהינום איז נישטאָ. זאָגן האָט מען דאָס אים נישט געקאָנט װײַל דאָס בלײַבט אַ סוד פֿאַר אַלעמען ביזקל זײ קומען פֿאַר דעם בית דין של מעלה. װען רבא האָט דערהערט אַזאַ געשרײ, האָט עס אים געװאונדערט, זיך נישט געריכט פֿון אַן אײדעלן מענטשן אַזאַן אַרױסטריט. ער האָט אים אָנגעװיזן דעם װעג און פֿאַמעלעך באַגלײט מיט אַן אַנדערװעלטיקן שמײכל.

— רבי אברהם הירש. פֿאַרװאָס האַלטסטו אַז סע קומט דיר דער גיהינום? האָט געפֿרעגט דאָס בית־דין מיט אַ זײער ערנסטן אָנשטעל.

— װאָס הײסט פֿאַרװאָס? האָט זיך געװאונדערט אברהם הירש אָנװײַזנדיק אױף די כּמעט אַכצן מאָל אַכצן קינדער נשמות װעלכע האָבן זיך געדרײט אין אַ קרײַז אין אומענדלעכן חלל.

פֿון בית־דינס בליק איז נישט געװען צו פֿאַרשטײן צי איז ער אַזאַ גלײַכגיל־טיקער לגבי דער גרױסער אומגערעכטיקײט, אַנטקעגן הימלשרײַענדיקע עװלות

אָדער ער האָט אז רבי אברהם הירשם תמימות פּאַסט נישט א מענטשן וועלכער האָט זיך דערהויבן צו א מדרגה פון געפינען אַן ענטפער אויף אַן אַלטן אין גראַ־בע ספרים שימלדיקן תיקו.

— ביסטו דען געווען דער גורם? האָט דער בית דין געפרעגט און רבי אברהם הירש האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אפילו ווען דו זאָלסט געווען זיין דער גורם, האָט ווייטער גערעדט דער בית דין, זיי ווייסן אז זיי זענען בטל בשישים: אזוי אז אין גיהינום איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דיר. וועסט מוזן בלייבן אין גן עדן. ווען ס׳איז די רייד פון אנדערטהאלב מיליאָן צי נאָך מער אומגעבראַכטע קינדער זענען א פּאָר צענדליק בטל בשישים.

— צי קאָן מען דען פאַרגלייכן, הייליקער בית־דין, כשרע נשמות מיט א טראָפּן מילך אין א טאָפּ פלייש? האָט געפרעגט אברהם מיט א בליק פון וועלכן ס׳האָט געטריפט מיט אומענדלעכער שטוינונג, אומבאגרענעצטער פּלאה, ווי אזוי דערקלערט דאָס דער הייליקער בית־דין?

— דער פּסק־דין איז געפאַלן, האָט ברוגזלעך א ברום געטאָן דאָס בית־דין זיך אופהייבנדיק פון די שטילן.

רבא האָט געקריגן אַן ענטפער אויף זיינע שאלות און דער תיקו האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער ענדע פון רבי אברהם הירשם פראַגעס.

ווער ווייסט ווען סע וועט זיך יאַווען א רבי אברהם הירש וועלכער זאָל זיך דערטראַכטן צום ענטפער.

*

— באבע, און יאָזשעף?

— ווער איז יאָזשעף?

— וואָס הייסט ווער? יאָסל מאיר לייזער וואָלף קאָטיוגארם זון.

— אהא, יאָזשעף, יאָזעפּום... די וועלט איז פול מיט זיי... איין גליק וואָס זוייזט אוים אז ווייניקער ווי א זעכציקסטל פון דער מענטשהייט. כאָטש...

— וואָס כאָטש, באבע?

— אפשר איז איינער פון די וואָס געזעסן ביי דעם בית־דין טיש געווען א זייעריקער...

צונויפגעפירט

סאק — רא — מענ — טאָ!
א ווילדע קללה?
אפשר.
א הייליקער שפּרוך?
אפשר.
בו — הוש!
א פריש פרילינג ווינטל?
אפשר.
א געלייגטער שטורעם?
אפשר.

נישט צו פאַרשטיין איז ווי אַזוי און צי קאָן איבערהויפּט קומען בוהוש צו סאַקראַמענטאָ אָדער פאַרקערט. און דאָך…

די שטאָט סאַקראַמענטאָ ליגט ערגעץ אין קאַליפאָרניע. נישט ווייט פון אָט דער שטאָט געפינט זיך א קלענערע, וועלכע מע רופט קאַראַמיקאַעל. אין אָט דעם שטעטל וואוינט א ייד מיטן נאָמען הערשל. צו דער תורה רופט מען אים מיטן נאָמען הערצל. נאָר איין מאָל האָט מען אים אויפגערופן צבי. דאָס איז געשען מיט א סך יאָרן צוריק ווען ער איז געוואָרן בר־מצוה. דעמלט האָט מען אים אויפגערופן הבחור צבי בן מילטאָן. זיין טאַטע איז שוין דעמלט נישט געווען מלך.

אָט דער מלך האָט געוואָגלט אויפן וועג קיין קאַראַמיקאַעל נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַרלאָזט א מאָלדעווייש שטעטל, א טאַטן, א שוחט, צוויי ברידער און דריי שוועסטער און זיך געלאָזט וואוהין די אויגן וועלן טראָגן ווייל גיין אין מיליטער איז געווען גלייך מיט שמד.

ווי לאַנג ער האָט געוואָגלט איז פאַר אונדזער געשיכטע נישט זייער וויכטיק. סע זענען געריגען א סך וואַסערן, אויף דער וועלט האָבן זיך פאַרגאַסן טייכן

בלוט. מיליאָנען מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער, פאַרגאַזט געוואָרן, געברענט געוואָרן אין אויוונס ווי אין דניאלס צייטן, די וועלט האָט זיך גע־האַלטן אין איין בייטן און זיך זייער ווייניק געביטן. אפשר דערפאַר האָט זיך דער אַלטער מלך דערמאָנט אין די טיפֿע יאָרן וועגן זיין געבורטס־אָרט, א קליין שטעטל אין מאָלדעווע מיט א צוויי מאָל גרויסן נאָמען. פון דער דאָרטיקער פאַבריק האָט מען געשיקט שניט ביז לייפּציק און אפילו ביז לאָנדאָן; פון דאָרט האָט א גוטער־ייִד געענטפֿערט אויף קוויטלעך, נעבן וועלכע מ'האָט צוגעלייגט א פּאָר דאָלער, מיט ברכה־בריוו ביזקל יענער זייט גרויסן ים, אזש ביז אמעריקע. דאָס שטעטל רופט זיך ביז היינט — בוהוש.

מלך האָט זיך דערמאָנט ווי ס'האָבן אויסגעזען די יום־טובים אין אָט דעם המנטאַש־שטעטל וואָס האָט געהאַט אין גאַנצן דריי גאַסן פון וועלכע צוויי זענען געווען נישט מער ווי איינע א לאַנגע. כדי סע זאָל נישט גודזשען גיין אזוי לאַנג אויף איין אין דער זעלבער גאַס האָט מען זי צעטיילט אין צווייען, יעדער העלפט האָט באַקומען אַן אַנדער נאָמען. די דריטע, א קורצערע, איז געפאַלן פּאָפּערעק אויף יענע צוויי אין דער מיט, דאָרט וואו דער נאָמען האָט זיך געביטן פון ראָמאַנער אויף פּיאַטרער גאַס. אין די יום־טובים פלעגן די גאַסן פאַרפלייצן ייִדן פון כמעט גאָר דער וועלט. געקומען זענען צום דאָרטיקן גוטן־ייִד, ייִדן פון אַלט־רומעניע, פון בעסאַראַביע, בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע, נאָר אזוי ווי די אַלע פּראָווינצן האָבן אין יענע צייטן געהערט צו פאַרשידענע מדינות האָט עס אויסגעזען אז סע קומען חסידים פון גאָר דער וועלט.

אָט די חסידים האָבן אָפּגעגעבן גרויס כבוד מלך'ס טאַטן — ווייל א למדן, א חכם און זייער פרומער. געווען איז ער א שוחט. טאַקע וועגן זיין טאַטן, וועגן שניאור שוחט, האָט מלך אָנגעהויבן דערציילן זיין זון הערצל. דערציילט האָט ער וועגן זיין זיצן טאָג און נאַכט איבער ספרים, וועגן זיין לייטישקייט, וועגן זיין גרויסער חכמה. ער האָט אויך נישט אויסבאַהאַלטן פאַר זיין זון אז דער זיידע, שניאור שוחט, כאָטש א למדן, כאָטש א פרומער, כאָטש א ביישפּיל פון ענִיוות, איז געווען א גרויסער קבצן.

דאָס איז געשען א צייט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. צוערשט זענען דערגאַנגען ביז קאַליפאָרניע ידיעות וועגן דער שרעקלעכער שואה, וועגן דעם ווי אזוי סע זענען חרוב געוואָרן ייִדישע יישובים, ווי אזוי גאַנצע שטעט זענען אוועק מיטן רויך, וואָס פאַרא ליידן ייִדן האָבן געמוזט אויסשטיין ביז ס'איז זיי באַוויליקט געוואָרן צו גיין אין פייער. אויפגענעמען האָט מען די ידיעות דערשלאָגענע. געטראַכט האָט מען: אפשר ווען מע זאָל געווען וויסן פריער... נאָך דעם האָט מען זיך דערוואוסט אז נישט אַלע האָבן נישט געוואוסט, אז

סע זענען געווען אזעלכע וואָס האָבן יאָ געוואוסט, און נישט נאָר זיי האָבן געוואוסט וואָס סע געשעט, נאָר זיי האָבן געהאט די געלעגנהייט צו ראַטעווען אַ גרויסע טייל און דאָס נישט געטאָן. דער דם-שונא, דער ימח-שמוניק האָט גע-מאָנט אויסקויף געלט. האָבן זיך געפונען נחום'ס, און וואָלף'ס און מאיר'ס וועל-כע האָבן געמאַכט חשבונות, פאַרגעסנדיק אָדער זיך נישט וועלנדיק דערמאָנען אַז ראַטעווען אַ יידישע נשמה הייסט ראַטעווען גאַנץ גאָטס באַשאַף, האָבן זיי געטענעט אַז מע טאָר נישט געבן געלט דעם שונא ווייל מע וועט דערמיט, חס וחלילה, פאַרשטאַרקן זיין קראַפט. אָט די ידיעות האָט מען אויפגענומען מיט נאָך מער דערשלאָגנקייט.

די צייט איז אָבער געווען אַ קאָכעדיקע. פון געברויז איז געבוירן געוואָרן אַ נייע מדינה — אַ האָפענונג פאַר יידן. דאָס האָט פאַרבלאָזן די נייע דערשלאָ-גענקייט, פאַרשטויסן די אַלטע און אין מענטשן בכלל און ביי יידן פון קאַליפאָר-ניע און דער אומגעגנט בפרט איז געוואַקסן דער באַגער זיך צו באַקענען מיט זייער אייגענעם אמאָל, מיט זייער אָפּשטאַם. אפשר איז דאָס אויך געווען דער גורם פון מלך'ס דערציילן וועגן זיין טאַטן אַ סך יאָרן נאָך דער פּטירה פון שני-אור שוחט.

מלך האָט געפילט אַז סע קומט די צייט פון גיין לייגן זיך לעבן זיינע עלטערן און עלטערנס-עלטערן. אין יענע מאָמענטן פון חשבון הנפש, פון מאַכן דעם בילאַנץ איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן אַז דאָרט וואוהין ער גייט זענען קיין וויט-קייטן נישטאָ. די מאָמע-ערד איז איבעראַל די זעלבע. אַצינד וועלן אים פון זיינע עלטערן נישט אָפּטיילן קיין שום וויטקייטן, אַצינד גייט ער נישט אוועק נאָר ער קערט זיך גאָר אום.

הערשל איז געקומען זען ווי סע האַלט מיטן טאַטן, זיך צוגעזעצט לעבן בעט און אומבאהאָלפן געקומען צום פאָטערס ליידן, זייערע בליקן האָבן זיך אָפּט באַגעגנט לאַנג געבליבן באַהעפט, האָט עס אויסגעזען אַז זיי פאַרשטייען זיך בעסער ווי דערמאָלט ווען מ'האָט גערעדט. דאָס בליקן-לשון איז געווען טרוי-עריק, נעפּלדיק און איינציטיק קלאָר ווי אַ זוניקער טאָג אויף די הימאַלאַיע שפּיצן.

— אפשר וואָלט כדאי געווען זאָלסט פאָרן אַ קוק טאָן, האָט קוים, קוים גע-שפּעטשעט מלך.

— יאָ טאַטע, שור, אוודאי וועל איך פאָרן זען מיט די אייגענע אויגן, האָט צוגעזאָגט הערלאָר וויסנדיק באַשייד וואָס זיין אַלטער טאַטע מיינט. ער האָט דאָס אַראָפּגעלייענט פון זיין בליק, ער האָט פאַרשטאַנען אַז פאָרנדיק אַ קוק טאָן אויף דעם זיידנס מצבה וועט זיין גלייך ווי ער אַליין, מלך, זאָל געווען פאָרן דערציילן שניאור שוחט, פון דער גאָענט, וואָס ער האָט פאַר דער צייט איבער-

געלעבט און אויפגעטאָן אין ווייטן לאַנד. אַז ער האָט געלאָזט קינדער, צווישן זיי זכרים וועלכע קאָנען זאָגן אַ קדיש...

פון צוזאָגן ביז פאָרן איז אַ מהלך. אַזאַ וועג קאָסט און הערשט אַ מיטע־לער אַנגעשטעלטער אָן גרויסע הכנסות. דערצו האָט ער קינדער. אַזוי אַז ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט פון איין יאָר צום צווייטן.

שניאור שוחט איז שוין געווען אַ זקן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די הענט האָבן געציטערט, די ראיה איז געפאַלן, די שחיטה האָט ער געמוזט פאַרלאָזן. ער וועט דאָך נישט האָדעווען אַ עדה מיט טריפה. די קינדער זענען זיך צעפאָרן ווער וואוהין, געבליבן איז ער מיט זיין אַלטיטש־קער נחמה, קיין סך האָבן זיי נישט געדאַרפט. דאָס שטיבל אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט האָט זיך געזעצט. ווען זיי האָבן דאָס געקויפט פלעגט מען אין דעם אַריינגיין גלייך פון דער גאַס. אַצינד האָט מען שוין געמוזט אַראָפּגיין דריי טרעפּ אויף אַריינצוקומען אין הויז. דאָס דחקות האָט געוואַקסן. קיין פּענסיע האָט ער נישט באַקומען, נאָר פון צייט צו צייט קיצבה פון דער קהילה און ווער סע ווייסט נישט ווי אַזוי סע זעט אויס אָט די נדבה, דערצו פון דער קהילה, זאָל שוין בע־סער נישט דערלעבן דאָס צו וויסן. דאָס איינציקע וואָס ס'איז אים געבליבן איז געווען די חזקה. דאָס רעכט צו זיין שוחט אין שטעטל. דאָס רעכט זיינס וואָלט ער געקאָנט פאַרקויפן. אָבער וועמען? דערווייל טראַכט נישט די קהילה צו ברענ־גען אָן אַנדער שוחט. זי באַגנוגט זיך מיט דעם יונגערן וועלכער איז בכוח צו באַפרידיקן אירע באַדערפעניישן. דער יונגערער האָט פאַר אים, פאַר שניאורן, קיין שום התחייבותן נישט, אַזוי אַז ס'איז שווער. נישט איין מאָל איז ער געבליבן אָן אַ שטיקל פלייש אויף שבת.

אַזוי ביז ס'איז דאָך אַראָפּגעקומען אַ נייער שוחט, ווי אַלע שוחטים מיט אַ סך קינדער און מיט גרויסע באַדערפעניישן. כאָטש קיינער האָט פון דעם נייעם שוחט נישט געפאָדערט עפּעס אָפּצוקויפן ביים אַלטן רבי שניאור, איז ער צו אים געגאַנגען און פאָרגעשלאָגן אַרויסצוהעלפן מיט וואָס ער וועט קאָנען. אַזוי איז אויסגעפאַלן אויף איינעם פון זיינע יינגלעך — אויפן קלענסטן — אַריינצוטראָגן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָך דער שחיטה, אַ האַלבן קאָפּ פון אַ יונגער בהמה, אַ שטיק לעבער, אַ מילץ. דאָס יינגל האָט געפונען חן אין רבי שניאורס אויגן. צומאָל פלעגט ער אים העלפן אַראָפּקריכן פון בעט, זיך זעצן צום טיש. קיין ספר האָט ער נישט געדאַפט ווייל די ראיה איז אים כמעט אין גאַנצן פאַר־שוואונדן. דאָס איינציקע וואָס ער האָט נאָך געקאָנט אונטערשיידן איז געווען צווישן טאָג און נאַכט. סע פלעגט געשען ער זאָל בעטן דאָס יינגל ער זאָל אים זאָגן אַ פסוק. דאָס פלעגט אים העלפן איבערטראַכטן אַ משנה, זיך דערמאָנען

א געוואָגטן געדאַנק פֿון רמ'בם. ניין, קיין ספר האָט ער שוין נישט געדאַרפֿט, געוואָלט, האָט זיך אים נישט מער ווי נאָר די ווייטיקן אין די ביינער זאָלן נאָכ־לאָזן.

דאָס ייִנגל איז אונטערגעוואַקסן און אויך אים איז געקומען די צייט זיך צו לאָזן אין דער וועלט. פֿאַר דעם אָפּפֿאָרן איז ער געגאַנגען זיך אָפּגעזעגענען מיט רבי שניאורן.

— אַזוי גאָר! האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט דער אַלטער, פֿאָרסטו הייסט עס. זאָלסטו האָבן הצלחה. אפֿשר וועסטו זיך אַמאָל דערמאָנען אין דיין אַלטן חבר זאָל עס זיין צום גוטן.

דעם שוחטס ייִנגל — דער קלענסטער — איז געבליבן מיט זיין אַמאָליקן נאָמען — ער הייסט עד היום חיים.

צייט גייט, וואַשט, ווישט, בליאַקעוועט און חיים האָט זיך קיין מאָל נישט דער־מאָנט אין אַלטן רבי שניאור.

*

הערצלדן איז סוף כל סוף געלונגען צוזאַמענקלאַפּן אַביסל געלט אויף צו פֿאָרן פֿון ווייטן קאַליפֿאָרניע אין פּונקט אַזוי ווייטן רומעניע, אויפֿזוכן דאָס שטעטל בוהוש און אויפֿן דאָרטיקן בית־עולם דעם זיידנס קבר. אָנגעקומען האָט ער גאָרנישט געפֿונען פֿון דעם וואָס זיין טאַטע מלך האָט אים דערציילט. די גאַסן האָבן זיך פֿאַרמערט, דערצו האָט מען זיי אַספֿאַלטירט. די שטיבער האָט מען איבערגעבויט, די מענטשן האָבן זיך געביטן. נישטאָ ביי וועמען א וואָרט צו פֿרעגן. פֿון די אַמאָליקע יידן איז קיינער נישט געבליבן. נישט מער ווי א פּאָר יידישע פֿאַמיליעס און די אויך צוגעקומענע ווען אין בוהוש זענען מער קיין שוחטים נישט געווען: ער האָט געפֿרעגט בא איינעם, בא א צווייטן, ווייסן זיי גאָרנישט וועגן א שניאור שוחט און אויך נישט פֿון אַנדערע שוחטים. ער האָט זיך לאַנג געדרייט אויפֿן בית־עולם איבערגעקוקט מצבֿה נאָך מצבֿה, אַזוי א טאָג, אַזוי צוויי און דריי, אַלע האָט ער נישט געקאָנט איבערקוקן, צו פֿיל פֿאַר־וואַשענע אויפֿשריפֿטן. די צייט פֿון אָפּפֿאָרן איז מאָרגן און גאָרנישט. ער האָט געמוזט מוותר זיין.

אָפּגעפֿלויגן פֿון רומעניע איז ער אָנגעלאָדן מיט א מאַסע טרויער. צוגע־זאָגט, אָפּגעלעבט און ווען געמיינט אַז אָט און ער וועט קאָנען אויספֿולן דאָס שליחות, לאָזט זיך גאָר אויס א בוידעם. אפֿשר ווען ער זאָל געווען וויסן אַז אין זיינע זוכענישן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַביסעלע אויסרוען דווקא לעבן זיין זיידנס קבר, זיך אַפֿילו אָנגעשפּאַרט אין דער מצבֿה, אפֿשר וואָלט אים גע־

ווען לייכטער. אויב נישט געזאָגט, נישט דערציילט, איז כאָטש עפּעס, דאָס שטיין בשכנות. האָט ער אָבער פון דעם נישט געוואוסט.

אראָפּ פון אוויאָן אין פראנקפורט האָט מען אים געמאָלדן אז א פאַרבינדונג קיין ניו יאָרק האָט ער ערשט דעם צווייטן טאָג און באשטימט אז סע גייט אים מיט דער פוטער אראָפּ. „אז סע פירט זיך נישט קאָן אפילו גאָט אויך נישט העלפן", האָט ער געטראכט זיך לאָזנדיק זוכן וואו איבערצונעכטיקן. „זיך כאָטש אביסל אויסרוען וועט מען אָפּפאָרן פון ניו יאָרק דעם זעלבן טאָג. זיך ווייטער וואלגערן האָט קיין זין. נישט געפונען די טויטע כאָטש זיין וואָס גיכער מיט די לעבעדיקע".

דעם צווייטן טאָג אָנקומענדיק אויפן פלי־פעלד גייט הערשל קאָמפּאנסירן דעם בילעט, רעגיסטרירן א פּלאַץ.

— אפשר האָט איר א פּלאַץ ביים פענצטער, האָט ער זיך געהערט זאָגן און זיך געוואונדערט וואָס פּלוצים. ער האָט נישט ליב צו זיצן ביים פענצטער, ליבערשט איז אים צו זיצן ביים דורכגאנג. אזוי דארף מען קיינעם נישט שטערן ווען מע וויל זיך א ריר טאָן, מאכן א פּאָר טריט אויף צעפירן די ביינער. מע פליט זיבן שעה, א צו לאנגע צייט פאר אים צום זיצן און זיך נישט באוועגן. וואָס גאָר פּלוצים זאָל אים געוועזן איינפאלן צו מאָנען א פּלאַץ ביים פענצטער? די אָנגעשטעלטע האָט געזוכט אין אירע דיאגראמען, ער האָט געפּרוּווט זאָגן אז צו־פיל באמיען דארף זי זיך נישט, אויב נישטאָ, איז נישטאָ, האָט אָבער די אָנגעשטעלטע גלייך ווי נישט געהערט, שמייכלענדיק ווייטער געזוכט און סוף כל סוף מיט א נצחון שמייכל כמעט אויסגעשריגן פול פרייד:

— דאָס לעצטע פּלאַץ ביים פענצטער, פּליז!

אויפן וועג צום אוויאָן האָט הערשל געהערט א פרוי זיך קלאָגן פאר אן אנדערער אז זי האָט זייער געוואָלט א פּלאַץ לעבן פענצטער און נישט געפונען, אז די נסיעה וועט איר זיין זייער שווער, זי ווייסט נישט ווי אזוי זי וועט דאָס אויסהאלטן. הערשל האָט פאַרגעשלאָגן בייטן די פּלעצער, די פרוי האָט זייער ווארעם געדאנקט און ס'איז געבליבן אז זיי זאָלן זיך געפינען אין אוויאָן. אריינגעקומען אין דער לופט־שיף וואָס שלינגט איין כמעט פיר הונדערט פאַרשוינען, האָט הערשל די פרוי נישט געקאָנט אויסגעפונען. טראכטנדיק אז זי וועט אים זוכן איז ער געגאנגען צו זיין פּלאַץ, שטיין בלייבן קאָן מען נישט, מע שטערט די איבעריקע אין זייער איילעניש איינצואָרדענען די האנט־באגאַזשן און באזעצן זייערע ערטער.

מיט דעם זעלבן אוויאָן איז געפלויגן אויך חיים — רבי שניאורם אמאָליקער חבר — מיט זיין פרוי אויך קיין ניו יאָרק. א פּלאַץ וועגן זיין פרוי ביים פענצ־

טער האָט ער נישט געפונען. דאָס לעצטע האָט מען אָפּגעגעבן איינעם וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. ער האָט אפילו געזאָגט צום ווייב: „זע נאָר, דער דאָ האָט צוגענומען דאָס לעצטע פּלאַץ“. הערשעלד האָט נישט פאַרשטאַנען ווייל גערעדט האָבן זיי רומעניש. אַזוי האָבן זיי באַקומען פּלעצער אין איין ריי מיט הערשאָלדן. אין אַוויאָן זענען זיי אַריין פאַר אים.

א טבע ביי חיים'ס ווייב זיך נישט צו זעצן אויף דעם באַקומענעם פּלאַץ. אַזוי אין קינאָ, אַזוי אין טעאַטער, אַזוי אין דער באַן. געלינגט נישט דאַרף מען נישט, אָבער פּרואוון מוז זי. איז דאָס פּלאַץ אין דער פּערצנטער ריי, ווייל זי דווקא זיצן אויף דער צוועלפטער, איז עס אויף דער צוועלפטער זעט איר אוים בעסער אויף דער פערצנטער. נאָך אַזוי פיל יאָרן לעבן אונטער איין דאַך האָט זיך חיים צוגעוואוינט צו איר טבע. אַזוי אַז אויך דאָס מאָל האָט אים נישט געוואונדערט ווען זי האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ ביים פענצטער. וועט קומען דער פּאַסאַזשיר, וועט מען סיי ווי מוזן אָפּגעבן. דער פּאַסאַזשיר איז געקומען, חיים'ס ווייב האָט שוין כמעט געדרימלט, האָט ער איר א טאָרע געטאָן, ווי איינער רעדט: דער באַלעבאָס איז געקומען. זי האָט צו ערשט נישט פאַרשטאַנען, זיך שוין געוואָלט אויפהייבן, אָפּגעבן דאָס פּלאַץ, מאַכט הערשאָלד: נאָ, נאָ, פּליז... ווער ווייסט וואָס. אַז ענגליש קען מען נישט. ווי סע זאָל נישט זיין האָט מען זיך איינפאַרשטאַנען, זי איז געבליבן זיצן ביים פענצטער און הערשאָלד אַזוי ווי ער האָט געוואָלט ביים דורכגאַנג.

פאַר אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ וואָלט מען געדאַרפט אָפּדאַנקען זענען אָבער זוערטער ווייניק, זיי שלעפּן פון זכרון האָט געדויערט ביז דער אַוויאָן איז שוין געווען אין דער לופט.

— וואָלט איר אפשר געוואָלט זיין מיין ענגליש לערער אין דער צייט פון פלי, האָט חיים געמיינט אַז ס'איז אים געלונגען צו פרעגן. דער ענטפער איז געווען א צו שנעלער אויף עפּעס צו פאַרשטיין. האָט זיך חיים מיישב געווען אויספּרואוון דאָס מיטל וואָס ער האָט אָנגעווענדעט בעת זיין ערשטער נסיעה קיין ניו יאָרק און געפרעגט:

— ספּיק יו זשערמען?

— אביסעלע...

פאַרשטייט זיך אַז דער שמועס איז אוועק אויף מאַמע-לשון. א שווער מאַמע-לשון, אָבער דאָך פיל בעסער ווי אין ענגליש.

— פון וואו קומט איר איצט. פאַראינטערעסירט זיך חיים.

— פון רומעניע.

— פון רומעניע?! וואָס און וועמען האָט איר געזוכט אין רומעניע אויב ס'איז קיין סוד?

— ס'איז גאָר קיין סוד נישט. כ'בין געווען אין בוהוש.

— אין בוהוש?! האָט כמעט אויסגעשריגן חיים. וועמען האָט איר געזוכט אין בוהוש?

— מיין זיידן, ענטפערט מיט א האלבן שמייכל העראָלד. דאָס הייסט נישט אים, נאָר זיין קבר.

— ווער איז געווען אייער זיידע אין בוהוש?

— שניאור שוחט...

דאָ האָט חיים נישט אויסגעהאלטן, אויפגעשפרינגען פון בענקל גלייך ער וואָלט געקריגן אן עלעקטרישן שטוים.

— שניאור שוחט, זאָגט איר? שניאור שוחט...

און ס'איז אוועק א שמועס, מ'האָט זיך אויסגעטוישט מיט די אדרעסן, חיים נישט מער בוהוש, העראָלד א שטעטל וואָס נישט ווייט פון סאקראמענטאָ.

דער אוויאָן איז געפלויגן רואיק. שטיל. פלוצים האָט עס א טרייסל געטאָן גלייך עפּעס וואָלט אים א קיצל געטאָן אין ריזיקן בויך. די פּאסאזשירן האָבן אינסטינקטיוו אויסגעדרייט די קעפּ צו די פענצטערלעך. גאָט צו דאנקען — גאָרנישט.

נאָר חיים האָט געזען ווי פּאראלעל מיט דעם פליענדיקן אומגעהייער שוועבט רבי שניאור. דער בליק א לויטערער. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גלייך ווי געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו דערצו, חיימאלע? צופרידן, האַ?

אינהאלט

רעגנבויגנס

רעגנבויגנס ... 5
מיין האלב-שעהדיקער פאלאץ ... 30
חבר מילנער ... 36
מאזעפא ... 50
אפשפרעכערנס ... 58
פיאוועקעם ... 80
באבע צפרה, קום נאך ... 90
קוויט ... 107
Ab Jove principium ... 117
אפגעטאן ... 130

ביי טייכן ברעגעס

ביי טייכן ברעגעס (במקום הקדמה) ... 145
דער גרויסער באליק ... 147
געשען איז עס אין בעלץ ... 157
מאטל ... 167
עולם-הבא ... 174
פיאלעטעווער שמייכל ... 179
בטל בשישים ... 186
צונויפגעפירט ... 205

פונעם זעלביקן מחבר:

זומערדיקע נעכט
(דערציילונגען אין רומעניש), בוקארעשט 1970.

צו פיל אין איין וואָך
(דערציילונגען), בוקארעשט 1974.

צוויי נאָוועלעס מיט א שמייך
(דערציילונגען), בוקארעשט 1977.

דאָס שווינַגנדיקע יאָרהונדערט
(א ראָמאנען ראָמאן), בוקארעשט 1979.

לעקטאָר: וואָלף טאַמבור
טעכנישער רעדאַקטאָר: שט. לעפּאָיעוו

דערשינען: 1981
פֿאָרמאַט: 16/54/84
פאַרלאַג-בויגן: 11,12
דרוק-בויגן: 13,5

פּאָליגראַפֿישע אונטערנעמונג
„13טער דעצעמבער 1918“
בוקאַרעשט — ס.ר. רומעניע

HAIM GOLDENȘTEIN

CURCUBEIE

(Povestiri în limba idiș)

EDITURA KRITERION — BUCUREȘTI 1981